STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02033

# DER BLUTIGER SHPAS

Sholem Aleichem

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלום־עליכם.

## דער

# בלוטיגער שפּאַס.

אַ איבערגעזעצטער ראָמאַן
אין צוויי טייל.

אַלע ווערק פון
שלום-עליכם
17,16-טער באַנד.

[illegible] דורך פערלאַג „פּראָגרעס“, וואַרשא.

[illegible] ־געזעלשאַפט „צענטראַל“, וואַרשא.

וואַרשא — תּרע"ו — 1915

# ערשטע טייל, ערשטעס בוך.

## דאָס ערשטע קאַפּיטעל.

## לאָמיר זיך בייטען.

עס איז שוין געווען ווייט נאָך האַלבע נאַכט.

אין אַ בעזונדער קאַבינעט פון׳ם עלעגאַנטען רעסטאָראַן „עלעפאַנט“, ביי עלעקטרישע בעלייכטונג, ביי הילכיגע מוזיק, פלוידעריי און געלעכטערן, זענען געזעסען אַ פּאָר צעהנדלינג יונגעלייט, כמעט נאָך גאָר קינדער, און האָבען געטרונקען, געררויכערט, געהאַלטען דרשות און גלאַט געפּלאַפּעלט, געלאַכט און געטאַראַבאַניעט אויפ׳ן פּאָר־טעפּיאַן — מיט איינעם וואָרט, געהוליעט.

דאָס איז געווען אַ קערמעשעל פון חברים, וואָס האָבען נאָר־וואָס געענדיגט גימנאַזיע און האָבען צום לעצטען מאָל זיך צונויפ־געקליבען, פערבראַכט אינאיינעם איין אָווענד און געזעגענט זיך אויף אַ לאַנגע צייט, אפשר אויף שטענדיג. אין עטליכע טעג אַרום וועט מען זיך צופאָהרען, איטליכער אין זיין היים, און גאָט ווייס, אויב מע וועט זיך אַמאָל בעגעגענען.

דער געדאַנק פון ניט בעגעגענען זיך איז ביי זיי אַלע אַזוי ביי, אַזוי ווילד, אַז עס מאָלט זיך זיי אויס, אַז עס איז נאָר אַ חלום. סטייטש־סטייטש! אַכט יאָהר געווען אינאיינעם. אַכט יאָהר איז ניט אַוועקגעגאַנגען אַ טאָג, מע זאָל זיך ניט זעהען. און פּלוצים וועט מען זיך צופאָהרען, און ווער ווייס, וואו און ווען מע וועט זיך זעהען!...

— צוליעב דעם דאַרף מען נעמען, קינדער, נאָך צו גלעזלעך וויין!

נאָך צו גלעזלעך און נאָך צו גלעזלעך, און נאָך יעדען גלעזעל

ווערען די בעקלעך רויטער און רויטער, די שטערנס מעהר פער-שוויצט, די אויגען מעהר שלעפעריג. עס איז שוין צייט אָנהייבען זיך געזעגענען אויף דער רעכטער אמת.

— נאָך וויין!

— שאַמפּאַניער וויין!

— שאַמפּאַניער! שאַמפּאַניער!

צום צעהנטען מאָל ווערט געזונגען דאָס בעוואוסטע סטודענ-טען-ליעד:

„גאַאודעאַמוס איגיטור
יוּווענעס דום סומוס..." [1])

דאָס זינגט אויף אַ שענער באַריטאָן-שטימע אַ פרייליכער בחור, אַ ברונעט מיט רויטע בעקלעך און מיט לעבעדיגע אויגלעך, און דער איבעריגער עולם האַפּט איהם אונטער אַלע אינאיינעם:

„פּאָסט אוקונדאַם יוּווענטוטעם,
פּאָסט סאָלעסטאַם סענעקטוטעם
נאָס האַבעביט הומוס..." [2])

— עי, הערשקאָ! וואָס זיצסט דו ווי אַ נעכטיגער, אַראָפּגעלאָזט די נאָז? — האָט זיך אָנגערופען דער פרייליכער ברונעט מיט די רויטע בעקלעך צו איינעם אַ בחור, וואָס איז געזעסען איינער אַליין ביי אַ זייט אויף אַ בענקעל און געקוקט אַראָפּ צו זיך אויף די פיס, און דעריבער האָט מען נישט געקאָנט זעהען, וואָס פאַר אַ פּנים ער האָט.

— טשעפּע איהם ניט, גרישאַ, ער איז אַ פּאַרטיגער, ער האָט אַ גוטען לעק געגעבען! — האָט זיך אָנגערופען צום ברונעט איינער פון דער חברה.

— ביזט אַליין אַ בהמה! — האָט איהם אָפּגעהאַקט דער ברונעט, וואָס מע רופט איהם גרישאַ. — הערשקאָ קאָן ניט זיין שכור, ווארום ער איז פון אַ פאָלק, וואָס צייכענט זיך אויס מיט זיין ניכטערקייט.

---

[1]) לאָמיר אַלזאָ פרייליך זיין,
וואָרום מיר זענען יונגלעך.

[2]) נאָך דער פרייליכער יוגענד,
נאָך דער קלאָגעדיגער עלטער
נעמט אונז אַלע צו די ערד.

מיט די ווערטער איז דער ברונעט גרישאַ צוגעגאַנגען צום אָב־געזונדערטען בחור, וואָס הייסט הערשקאָ און קומט אַרויס פון ביכטערען פאָלק, און האָט איהם דערלאַנגט אַ שנאָל אין קאָפּ אַריין. יענער האָט אויפגעהויבען דאָס פּנים — קיין בעזונדערע סימנים פון אַ סעמיט איז אויף איהם ניט געווען צו בעמערקען. אדרבא, דער פריי־ליכער ברו־נעט, וואָס האָט דעם חבר געדופען הערשקאָ און אַליין האָט ער גע־הייסען גרישאַ, האָט אַ סך מעהר אויסגעזעהען ווי אַ יוד, און עס וואָלט איהם גיכער אָנגעשטאַנען צו הייסען הערשקאָ, וואָרום צו שוואַרץ זע־נען געווען זיינע האָר און צו לעבעדיג די אויגען. און דערצו האָט איהם די נאַטור געבענשט מיט אַ האָרביקעל אויף דער נאָז. נישט מעהר, ביי דעם אמת׳ען הערשקאָ אויפ׳ן ווייסען שטערן זענען געווען אַ ביסעל מעהר קנייטשען, וויפיעל ער האָט בעדאַרפט האָבען פאַר זיי־נע צוואַנציג יאָהר, און פון די אויגען האָט אַרויסגעבליקט אַ פערבאָר־גענער טרויער, וואָס געהט איבער ביי אונזער פאָלק פון איין דור צום אַנדערן, — אַ טרויער, וואָס נאָר אַ יוד איז אויף איהם אַ מבין, ווייל ער פיהלט איהם מעהר מיט׳ן האַרצען, ווי ער זעהט איהם מיט די אויגען...

— וואָס איז דיר, הערשקאָ? — האָט גרישאַ איהם אַ פרעג געגע־בען, גענומען אַ בענקעל און צוגעזעצט זיך צו איהם גאַנץ נאָהענט, אין דער צייט ווען די איבעריגע חברה־לייט האָבען ניט אויפגעהערט צו טון זייער זאַך — טרינקען, רויכערן, לאַכען, פלאַפלען און גראַגערן.

דער בחור, וואָס מע רופט איהם הערשקאָ, האָט געפּרובט אַ שמייכעל טון, און צווישען די צוויי בחורים האָט זיך פערבונדען אַ שמועס:

— מיר איז גאָרניט, גרישאַ. מיר איז נאָר אַ ביסעל דער קאָפּ טוט וועה.

— ס׳אַ ליגען, דו ביסט פערזאָרגט. איך זעה דאָס דעם גאַנצען אויפדערנאַכט, מיך ווערסט דו ניט נאַרען, הערשקאָ, איך קען דיך.

— איז טאַקי גוט, וואָס דו קענסט מיך, פונדעסטוועגען וואָלסט דו געמעגט מיך קענען אַ ביסעל נעהענטער... ווען דו קענסט מיך נעהענטער...

דאָס איבעריגע האָט הערשקאָ דערמאַכט מיט די הענד, און גרי־שאַ האָט איהם אַ פרעג געגעבען:

— וואָס־זשע וואָלט געווען?

— וואָלסט דו מיך ניט געפרעגט קיין קשיות. דו וואָלסט דעמאָלט אַליין געוואוסט, אַז איך בין ניט גלייך צו אײַך. איך קאָן מיך ניט פרייען אַזוי ווי איהר פרייט זיך.

— פאַרוואָס?

דער, וואָס מע רופט איהם הערשקאָ, האָט אַ שמייכעל געגעבען און גענומען נאָך מעהר מאַכען מיט די הענד:

— פאַר דעם, ווייל איהר, אַז איהר פרייט זיך, פרייט איהר זיך מיט אייער גאַנצען וועזען, מיט אײַערע אַלע אֵברים און חושים.

— און דו?

— און איך? איך טאָר ניט... איך קאָן ניט... פאַר מיינע אויגען שטעהט תמיד דער „מעמענטאָ מאָרי" און דערמאָנט מיר, אַז איך בין אַ יוד...

— אָט האָסט דו דיר!

גרישאַ האָט זיך אַ ביסעל ווי אָפּגערוקט פון הערשקען מיט'ן בענקעל, און הערשקאָ האָט פאָרגעזעצט ווי צו זיך אַליין:

— און טאָמער וויל איך פערגעסען, לאָזט מען ניט. טאָמער דערמאָן איך זיך אַליין ניט, איז שוין דאָ אַזעלכע, וואָס דערמאָנען מיר...

גרישאַ האָט זיך צוגערוקט מיט זיין בענקעל צו הערשקען, אָפּענטליך אַריינגעקוקט איהם אין פנים אַריין און וואַרים אַ זאָג געגעבען:

— הערשקאָ! אויף אונז קאָנסט דו דיך ניט בעקלאָגען. מיר, דיינע חברים, וועלכע...

— ביסט אַ נאַר! ווער רעדט פון דיר און פון די חברים? דו מיינסט, אַז דאָ איז די גאַנצע וועלט. אויף יענער זייט גימנאַזיע איז אויך פאַרהאַן אַ וועלט. אויסער אײַך זענען פאַרהאַן נאָך מענשען. פון יענעם גיהנום ווייסט איהר ניט. איהר ווייסט ניט און קאָנט ניט וויסען. אין מיין פעל ווען דו ביסט אָפּ חאָטש איין יאָהר, וואָלסט דו דעמאָלט געוואוסט, וואָלסט דו דעמאָלט געפיהלט...

דער, וואָס מע רופט איהם גרישאַ, האָט זיך אַ ווײַלע פערטראַכט. דערנאָך האָט ער געגעבען אַ וואָרף מיט דער פאַטליע געדיכטע שוואַרצע האָר:

— ווייסט דו וואָס, הערשקאָ, וואָס איך וועל דיר זאָגען?

— וואָס ועסט דו מיר זאָגען?

— לאָמיר זיך בייטען.

ביידע, אי הערשקאָ, אי גרישאַ, האָבען זיך צולאַכט פון דער המצאה. נאָכדעם רופט זיך אָן הערשקאָ צו גרישען:

— דיר איז גוט צו טרייבען קאַטאָוועס. זאָלסט אָבער הייסען הערשקאָ, ניט גרישאַ...

— לאָמיר זיך בייטען, — זאָגט איהם נאָך אַ מאָל גרישאַ שוין אָהן אַ געלעכטער, און הערשקאָ הערט איהם ניט און רעדט ווייטער:

— זאָלסט דאַרפען זיין אונטערוואָרפען, למשל, אונטערן געווי-סען צירקוליאַר פון דער פּראָצענט-נאָרמע...

— רעדסט נאַרישקייטען, הערשקאָ. וואָס מיר פּראָצענט? ווער מיר נאָרמע? האָסט דאָך אַ גאָלדענעם מעדאַל האָסט דו דאָך. וואָס הערסט דו צירקוליאַרען?

— נאַ דיר אַ גראָשען! קאַרג מעדאַליסטען זענען פערבליבען פון פאַראיאָהרען פון דער זייט, חאָטש וואַרף זיך אין וואַסער אַריין? זיי האָבען פון זיך די לעצטע פּאָר הויזען פערקויפט, נאַרעלע, צונויפגע-שלאָגען אַ ביסעל מזומנים און אַוועקגעקלאַפּט אַ דעפּעש צום מיניסטער. אַ גאַנצע מגילה, אַ וואַרימע, אַ האַרצרייסענדע, אַ הימעלשרייענדע.

— נו?

— נו-נו.

— וואָס „נו-נו?"

— נאַר, וואָס דו ביסט! מע האָט זיי אפילו ניט געענטפערט. יודלעך דעפּעשירען! נאַכאַלען! אַ גליק, וואָס מע האָט זיי ניט איינ-געזעצט! אָבגעקומען נאָר דערמיט, וואָס מע האָט זיי אַרויסגעטריבען פון שטאָדט: אויסגעגאַנגען זייער פּראַוואָזשיטעלסטוואָ... דאָס אייגענע וועט זיין מיט מיר אויך מסתמא...

— לייגסט! מיט דיר וועט דאָס ניט זיין. ביי דיר איז אַ מעדאַל.

— ווידער אַ מעדאַל? אָט אַ בהמה! האָט זיך איינגעחזר'ט אַ מע-דאַל, חאָטש געב איהם אַ קרענק!

— זאָג איך דאָך דיר — לאָמיר זיך בייטען.

— אָט דאָס איז דאָך דער גאַנצער חסרון, וואָס איהר הערט ניט, וואָס מע רעדט צו אייך. דאָס הייסט, הערען הערט איהר, נאָר פיהלען פיהלט איהר ניט.

— טפו זאָלסט דו ווערען! אַזש אין שווייס אַריינגעוואָרפען. גרישאַ האָט זיך גענומען ווישען דעם שווייס און מיט אַ גע-

לעכֿטער זיך צוגערוקט נאָך נעהענטער צו הערשקען, איהם אָנגענומען פאַר אַ האַנד:

— הער צו, הערשקאָ, וואָס איך רייד צו דיר: לאָמיר זיך בייטען!

הערשקאָ האָט אפּנים ערשט רעכֿט דערהערט, וואָס מע זאָגט איהם. ער האָט זיך ווי פון שלאָף אויפגעכאַפּט:

— וואָס בייטען? וואָס הייסט בייטען?

— מיט די אַטעסטאַטען לאָמיר זיך בייטען. דו וועסט מיר געבען דיין אַטעסטאַט מיט די פינפען און מיט דער מעדאַל, און איך וועל דיר געבען מיין אַטעסטאַט מיט די דרייען. דו וועסט זיין גרישאַ, איך וועל זיין הערשקאָ — האָסט דאָס צוקוועט, צי נאָך ניט?

— ביסט משוגע געוואָרען? צי דו טרייבסט קאַטאָוועס?

גרישאַ האָט זיך איבערגעצלמ׳ט, און הערשקאָ האָט זיך צולאַכֿט. דערנאָך האָבען זיי ביידע גענומען לאַכֿען, און גרישאַ מאַכֿט צו זיין חבר הערשקאָ שוין גאַנץ ערנסט:

— דו זאָגסט, איך זאָל זיין אין דיין פעל האָטש איין יאָהר? און איך זאָג דיר, אַז דער שוואַרץ יאָהר איז גאָר ניט אַזוי מסוכן, ווי מע מאָלט איהם... אויף תמיד זיך בייטען מיט דיר — וועל איך דיר ניט זאָגען, נאָר אויף איין יאָהר, האַפּט דיך דער רוח! זיי דו גרישאַ פּאָפּאָוו, און איך וועל זיין הערשקאָ ראַבּינאָוויטש. דו פערשטעהסט, צי נאָך אַלץ ניט? מיר וועלען זיך בייטען מיט די אַטעסטאַטען און מיט די נעמען, דאָס הייסט, מיט די פּאַספּאָרטען וועלען מיר זיך בייטען. איך וועל זיין דו און דו וועסט זיין איך. וואָס קוקסט דו מיך אָן? איך טרייב נישט קיין קאַטאָוועס מיט דיר. איך זאָג עס גאַנץ ערנסט... (גרישאַ האָט אַוועקגעשטעלט אויף זיין חבר אַ גאַנץ ערנסט פּנים). איך בין בעקאַנט מיט דיר און מיט נאָך יודישע קינדער ניט דאָס ערשטע יאָהר, און איך הער פון אייך אַלע מאָל: „יודען... יודען זענען איין אומגליק-פאָלק", און נאָך אַזעלכֿע ווערטער. איך פערשטעה דאָס ניט. דאָס הייסט, מיט׳ן קאָפּ פערשטעה איך עס, נאָר איך זאָל זאָגען, אַז איך פיהל עס — דאָס קאָן איך ניט. פערשטעהסט, צי ניין? איך וויל זיין אין דיין פעל האָטש אַ קליינע צייט. איין יאָהר וויל איך זיין אַ יוד און פיהלען דעם טעם, וואָס הייסט אַ יוד. פערשטאַנען? מיר וועלען זיך געבען די האַנד און דאָס עהרענוואָרט אָט דאָ פאַר אונזערע אַלע חברים, אַז וואָס ס׳זאָל ניט פּאַרקומען אינ׳ם דאָזיגען יאָהר, איז פאַרפאַלען, און קיין פויגעל טאָר ניט

וויסען, אַז דו ביסט דו און איך בין איך, מיין איך, אַז איך בין איך און דו ביסט דו — טפו! איך מיין, אַז איך בין דו און דו ביסט איך. נו, איז דאָס געמאַכט?

מיט די ווערטער האָט גרישאַ אויסגעצויגען אַ האַנד, און הערש־קאָ האָט זיך נאָך אַלץ געריבען דעם שטערן און געקוקט אויף זיין חבר, ווי אַ מענש, וואָס ווייס ניט, צי יענער איז גערירהט, צי ער אַליין איז ניט ביי אַלע געדאַנקען? און דאָך האָט ער אויסגעצויגען זיין האַנד צו זיין חבר, און זיין חבר גרישאַ האָט איהם אויפגעהוי־בען פון׳ם אָרט, צוגעפיהרט צו די איבעריגע חברים, וואָס האָבען גע־רעדט און געפילדערט אַלע אינאיינעם, האָט דערלאַנגט אַ זעץ מיט איין האַנד איבערן טיש אַזוי שטאַרק, אַז די פלעשלעך מיט די גלעזלעך האָבען געגעבען אַ קלונג, מיט דער אַנדערער האַנד אָנגעוויזען אויף הערשקען, וואָס איז געשטאַנען האַלב צומישט, און אויסגערופען אויף דער העכסטער אָקטאַווע פון זיין באַריטאָן־שטימע:

— סילאַנס! חברים! שטיל זאָל זיין! אַ פליג זאָל דורכפליהען!

און מיט אַמאָל איז איינגעטראָטען אַזאַ שטילקייט, אַז מע האָט טאַקי געקאָנט הערען אַ פליג דורכפליהען. אַלע אויגען האָבען זיך גע־ווענדט אויף גרישען און אויף דעם האַלב־צושראָקענעם חבר הערשקאָ, און גרישאַ האָט אָנגענומען אַ פאָזע פון אַ רעדנער און האָט אַוועקגע־לעגט אַזאַ מין דרשה:

דאָס צווייטע קאַפּיטעל.

## זיי האָבען זיך געביטען.

— חברים! — אַזוי האָט גרישאַ אָנגעהויבען שטיל, ווי אַ געניטער רעדנער, פערבויגען דעם גראָבען פינגער אונטער דער זשילעט און תחילת אַ ביסעל אַראָפּגעקוקט אַראָפּ; דערנאָך אויפגעהויבען דעם קאָפּ העכער און העכער און גערעדט וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער און הייסער. — חברים! אין דעם דאָזיגען מאָמענט רעדט צו אייך ניט אייער חבר גרישאַ פּאָפּאָוו, נאָר אייער צווייטער חבר הערשקאָ ראַבינאָוויטש רעדט מיט אייך. מיינט ניט, אַז איך בין גערידהרט, אָדער אַז עס רעדט אין מיר דער ווייַן. איך פערזיכער אייך, אַז איך בין ביי אַלע געדאַנקען, און איך שווער אייך, אַז איך בין נאָך קיינמאָל ניט געווען אַזוי ניכטער ווי אַצינד. די זאַך ווערט ערקלערט מיט אַ קורצע פּאָררעדע: אונזער חבר, וואָס האָט געהייסען הערשקאָ ראַבינאָוויטש און איצטער הייסט ער גרישאַ פּאָפּאָוו — אָט באַלד וועט איהר וויסען פאַרוואָס —, געהערט צו אַ פאָלק, וואָס די וועלט האָט ניט ליעב און ווערט פערפאָלגט כמעט אומעטום אויפ׳ן גאַנצען ערד-קוגעל. מיר וויסען ניט, פאַרוואָס און פון וואַנען עס נעמט זיך אַזאַ געוואַלטיגע שנאה, און דאָס איז ניט אונזער אויפגאַבע אַצינד צו דערגרונטעווען זיך, ווער עס איז דאָ מעהר שולדיג — צי די פערפאָלגער, צי די פערפאָלגטע, צי די אונטערדריקער, צי די אונטערדריקטע. מעגליך, אַז ביידע צדדים זענען גערעכט יעדער נאָך זיין גאַנג, אָדער זיי זענען אפשר ביידע אומגערעכט. מיר וויסען נאָר, אַז די שטאַרקערע זאָגען אויף די שוואַכערע וואָס אין דער קאָרט, געפינען אויס אַלע חסרונות אין דער וועלט, און די שוואַכערע טענה׳ן, אַז ס׳איז אַ ליגען, זיי זענען ניט ערגער פון אַנדערע און אפשר נאָך בעסער. ערגער אָדער

בעסער — דאָס איז אַ זאַך, וואָס לאָזט זיך ניט אַזוי גרינג אָפּצושאַצען, און איך ווייס ניט, ווער האָט דאָס רעכט צו שאַצען? איך קאָן מיר שאַצען אַזוי, איהר קאָנט אייך שאַצען אַנדערש. איך וויל נאָר מיי-נען, אַז ביידע צדדים האָבען אַ ביסעל איבערגעהאַפּט די מאָס. למשל, איך בין איבערצייגט, אַז מיר, אַלס קריסטען, האָבען גאָר ניט אַזוי שטאַרק פיינט די יודען, ווי די יודען שטעלען זיך דאָס פאָר, און איך בין דער מיינונג, אַז די יודען ליידען פון אונז נישט אַזוי פיעל, וויפיעל זיי ווילען אונז איינרעדען. אמת, עס איז נישט איינגענעהמען צו זיין פערפאָלגט און געהאַסט פון אַ גאַנצער וועלט.. עס ליגט אָבער אַ געוויסע בעפרידיגונג, אַ בעזונדער מין גדולה, איך וואָלט געזאָגט, אַ מין זיסקייט, אין דעם וואָרט „מאַרטירער". עס איז מיר מעהר איינ-גענעהמען צו וויסען, אַז עמיצער יאָגט מיך אומזיסט, ווי איידער צו וויסען, אַז איך יאָג עמיצען אומזיסט. יעדענפאַלס — דער רוח איז ניט אַזוי געפעהרליך ווי מע מאָלט איהם אויס. דעם דאָזיגען געדאַנק האָב איך אַרויסגעזאָגט אונזער חבר הערשקאָ... פּאַרדאָן! אונזער חבר גרי-שאַ, האָט ער מיר דערויף געענטפערט, אַז מיר איז דאָס גרינג צו זאָגען, ווייל איך בין קיינמאָל קיין יוד נישט געוועזען. אַז איך זאָל מיך געפינען — זאָגט ער — אין זיין פעל האָטש איין יאָהר, וואָלט איך דעמאָלט, זאָגט ער, געוואוסט, מיט וואָס מע עסט עס. די דאָזיגע ווערטער האָבען געבוירען אין מיר אַ געדאַנק: „אפשר איז ער נישט אינגאַנצען אומגערעכט? מע דאַרף זיין אין יענעמס שטאַנד, מע זאָל קאָנען אַקוראַט פיהלען, איבערלעבען און דערנאָך ערשט אורטיילען, בעשולדיגען אָדער פערענטפערן"... און אויפ'ן גרונד פון דעם דאָזי-גען רעיון האָב איך פאָרגעלעגט מיין חבר הערשקאָ, מיר זאָלען זיך בייטען מיט די אַטעסטאַטען, מיט די נעמען און מיט די פּעסער מעהר ניט אַז אויף איין יאָהר. דאָס הייסט, אַזוי גרויס, אַז פון דער מי-נוט אָן, וואָס איך רעד מיט אייך, בין איך שוין ניט מעהר ג ר י ג אָ-ר י א י וואַנאָוויטש פּאָפּאָוו, נאָר הערש מאָושאָוויטש ראַבינאָוויטש, און ער, הערשקאָ, איז שוין נישט מעהר ה ע ר ש מ אָ ו ש אָ ו י ט ש ר אַ ב י נ אָ ו י ט ש, נאָר גריגאָרי איוואַנאָוויטש פּאָפּאָוו. ער פאָהרט אַוועק מיט מיינע דאָקומענטען און טרעט אַריין אין אוניווערסיטעט, און איך פאָהר מיט זיינע דאָקומענטען. ער זאָגט אפילו, אַז מיט זיינע דאָקומענטען וועט מיר שווער זיין אַריינצוטרעטען, ווייל ער איז אַ יוד; און איך זאָג: בלאָטע, מיט אַ מעדאַל לאַך איך פון אייך אַלע.

— בראַוואָ! — האָבן אויסגעשאָסען די חברים אַלע אין איין קול און גענומען געשמאַק צו קלאַטשען. נאָר גרישאַ האָט זיי נישט געלאָזט לאַנג אַפּלאָדירען. ער האָט אויפגעהויבען די האַנד און גערעדט ווייטער:

— חברים! איך האָב אייך פּערטרויעט אַ סוד, אַ גרויסען סוד, און פאָדער פון אייך צוויי זאַכען: ערשטענס, איהר זאָלט אונז גראַטולירען ביידען מיט אונזערע נייע אומגעביטענע ראָלען. און צווייטענס — שאַט! האָט צייט, איך האָב נאָך נישט געענדיגט, — און צווייטענס, דאָס עהרען-וואָרט זאָלט איהר מיר געבען און צושווערען, אַז קיין לעבעדיגער מענש, אויסער אונז אַלע אָט דאָ, זאָל ניט וויסען, נישט איצטער, נישט אפילו שפּעטער, אפילו ווען דאָס יאָהר וועט איבערלויפען. די גאַנצע געשיכטע דאַרף זיין, הייסט עס, אַ סוד, אַ הייליגער סוד, וואָס מיר דאַרפען איהם מיטנעמען מיט זיך אין קבר אַריין!

— מיר שווערען! מיר שווערען! — האָבען אויסגעשריגען אַ סך פערשידענע קולות, און גרישאַ האָט פאָרגעזעצט זיין דרשה:

— איך בעשווער אייך אַלזאָ מיט אַלעס, וואָס אונז הייליג איז, אַז יעדער, וואָס וועט אַרויסטראָגען דעם דאָזיגען סוד אויף דער גאַס, דער איז אַ פעררעטער און אַ פערברעכער. חברים! איך לעג פאָר אָנפּילען די כוסות און טרינקען לחיים פאַר אונזער ניי-געבוירענעם חבר, וואָס האָט אַמאָל געהייסען הערשקאָ ראַבינאָוויטש און היינט הייסט ער גריגאָרי איוואַנאָוויטש פּאָפּאָוו. לאָמיר איהם ווינשען גליק און אַלדאָס גוטס. עס לעבע גריגאָרי איוואַנאָוויטש פּאָפּאָוו! הוררראַ!!!

• •

•

די התפעלות מיט'ן ענטוזיאַזם, וואָס דער דאָזיגער אומגעריכטער טאָסט האָט אַרויסגערופען צווישען חברה יונגוואַרג, לאָזט זיך גאָר ניט בעשרייבען. אַז אַלע האָבען גענומען אויף זיך האַלטען דעם סוד הייליג און נישט בעריהרט — פון דעם איז קיין רעדע ניט. און אַז אַלע האָבען מיטגעפיהלט דעם וואונש פון טאָסט — דאָס איז געוועזען צו זעהען פון דעם, וואָס די כוסות זענען אין איין מינוט אויסגעליידיגט געוואָרען ביז'ן דנאָ. חברה איז געוועזען אַזוי ווייט ענטציקט פון

דער אידעע, וואָס פון הערשקען איז געוואָרען אַ גרישאַ און פון גרי- שען אַ הערשקאָ, אַז די צוויי האָבען זיך פאַר אַלעמען אין די אוי- גען טאַקי באַלד און טאַקי שוין געביטען ניט נאָר מיט די דאָקומענ- טען, זיי האָבען געמוזט טאַקי דאָ אויפ׳ן אָרט זיך בייטען אויך מיט די קליידער. און אַז זיי האָבען זיך איבערגעטאָן, איז געוואָרען צווי- שען חברה אַזאַ גדולה, אַז מע האָט זייביידען אַרומגעחאַפּט קושען, און די געלעכטערן זענען געגאַנגען ביז׳ן הימעל אַריין. דערנאָך האָט זיך איינער אַוועקגעזעצט צו דער פּיאַנאָ און גענומען באַראַבאַניען אַ וואַלס, און דער גאַנצער עולם איז געגאַנגען אַ טענצעל. און אַז דער עולם האָט זיך גוט אָנגעטאַנצט, אָנגעהעפּעט און אָנגעהוליעט, איז אויפגעשטאַנען הערשקאָ ראַבינאָוויטש, דער וואָס הייסט היינט גריגאָ- רי איוואַנאָוויטש פּאָפּאָוו, און האָט זיך אָנגערופען צום עולם בזה הלשון:

— חברים! אונזער חבר גרישאַ פּאָפּאָוו, אָדער, ווי ער הייסט שוין איצטער, הערשקאָ ראַבינאָוויטש, איז בעגאַנגען אַ שפּאַס, וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט מיט אַיין ערנסט. מיר קאָנען גאַר אַזוי ווייט קלוג נישט זיין, מיר זאָלען קאָנען פאָראויס אַרויסזעהען, מיט וואָס דער דאָזיגער גרויסער שפּאַס קאָן זיך ענדיגען און וואָס פון דעם גע- פעהרליכען קאַטאָוועס טרייבען קאָן אַמאָל אַרויס... און ווידער, ווער פון אונז ביידע עס האָט געמאַכט אַ בעסער געשעפט (אַלס געוועזענער „הערשקאָ" קאָן איך מיך ניט בעהערשען און מוז דערמאָנען דאָס וואָרט „געשעפט") — דאָס וויים איך, און אויך איהר בעדאַרפט עס פער- שטעהן, אויב איהר האָט אַ קלעפּקע אין קאָפּ... און אויב איהר פער- שטעהט דאָס ניט — בין איך ניט שולדיג... איין זאַך מוז איך, אייך נאָר בעטען, מיינע טייערע חברים, אַזוי ווי אונזער חבר גרישאַ, מיין איך הערשקאָ, האָט גענומען אויף זיך און אָנגעוואָרפען אויף מיר אַ נדר, הייסט עס, אויף אַ יאָהר, אַז ער דאַרף זיין איך און איך — ער; און אַזוי ווי מיר קאָנען פאָראויס ניט וויסען, וואָס מיט יעדען פון אונז ביידען קאָן פאַסירען אויף דעם נייעם וועג, וואָס מיר לאָזען זיך געהען, — על כן וויל איך אויסנעמען אַ תנאי, אַז טאָמער וועט עמיצען פון אונז ביידע אויסקומען שוין זעהר שמאָל, דאָס הייסט...

— קיין שום תנאים מעהר! — האָט אויסגערופען, אויפחאַפּענדיג זיך פון אָרט, דער געוועזענער גרישאַ פּאָפּאָוו, איצט הערשקאָ ראַבי- נאָוויטש. — קיין שום תנאים מעהר! אָפּגעמאַכט — איז פאַרפאַלען!

— פאַרפאַלען! — האָט אונטערגעהאַפּט דער גאַנצער איבעריגער עולם.

— ביט פּאָסיעמו! — האָט צוגעגעבען דער נייער הערשקאָ ראַבינאָוויטש.

— ביט פּאָסיעמו! — האָט איהם אונטערגעהאַלטען דער עולם.

דערזעהען, אַז ס'איז אַ פאַרפאַלענע זאַך, איז אונזער נייער גריגאָרי איוואַנאָוויטש פּאָפּאָוו אויפגעשטאַנען פון טיש, צוגעגאַנגען צום געוועזענעם פּאָפּאָוו, איצט הערשקאָ ראַבינאָוויטש, און מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען איהם אויסגעשטרעקט די האַנד.

— געדענק-זשע, הערש מאָושאָוויטש ראַבינאָוויטש, זאָלסט קיין חרטה ניט האָבען...

— חרטה? — האָט איהם דער געוועזענער פּאָפּאָוו געענטפערט מיט שטאַרקייט און מיט גדלות. — די פּאָפּאָווס, מיין איך די ראַבינאָוויטשעס האָבען קיינמאָל קיין חרטה ניט! איך קום אַרויס פון אַזאַ פאָלק, טשאָרט וואָזמי, וואָס איז שוין איבערגעגאַנגען דורך פייער און וואַסער און מעשענע רעהרען! מיינע עלטער-עלטער-זיידעס, וואָס האָבען געקנעטען ליים אין מצרים, אויפגעשטעלט די אייביגע פּיראַמידען, אויסגעבויעט די בערי׳המטע שטעדט סדום און עמורה... פאַרדאָן! איך מיין פיתום מיט רעמסס, זענען געגוג אויסגעשטאַנען, ביז זיי האָבען זיך בעעצט אינ׳ם לאַנד כנען! און אַז מיר האָבען זיך בעזעצט אינ׳ם לאַנד כנען, איז געקומען בלשאצר... טפו! מיין איך נבוכדנצר און האָט פערברענט אונזער הייליגען טעמפּעל און אין אייזערנע קייטען אונז געבראַכט מיט אונזערע שוועסטער און קינדער אין דעם באַרבאַרישען בבל, און פון דאָרטען—איך טו אַ היבשען שפּרונג, חברים, און לאָז דורך המנ׳ען מיט אחשורוש׳ן מיט נאָך אַזעלכע פיינע מענשלעך, ווייל עס טאָגט שוין אין דרויסען — און פון דאָרטען האָט מען אונז פערטריבען קיין שפּאַניען, אין דעם פינסטערען קאַטוילישען שפּאַניען, וואו עס האָט געוואַרט אויף אונז די אינקוויזיציע. דערמאָנט אייך נאָר, חברים, וואָס מיינע גאָטצעליגע עלטערן זענען אויסגעשטאַנען פון דער אינקוויזיציע! אויפ׳ן אויטאָ-דאַפע האָבען זיי זיך געלאָזט ברענען; אויפ׳ן עשאַפאָט האָבען זיי זיך געלאָזט קוילען, שניידען, האַקען, בראָקען, פּערטלען!...

— בראַוואָ, הערשקאָ, בראַוואָ! — האָבען אויסגעשאָסען די גאַנצע חברה יונגוואַרג, און דער אמת׳ער הערשקאָ ראַבינאָוויטש אויך בתוכם, מיט הילכיגע אַפּלאָדיסמענטען און מיט נאָך מעהר הילכיגען געלעכטער,

אַזוי ווייט ענטציקט זענען זיי געווען פון זייער חבר גרישאַ פּאָפּאָוו, וואָס איז אַריין אין דער ראָלע פון הערשקאָ ראַבינאָוויטש אַזוי קונציג און אַזוי נאַטירליך, אַז עס האָט זיך נאָר געגלוסט איהם אויסקושען איטליכס אבר! איין אַרטיסט, איין אמת׳ער אַרטיסט! זעהט, ווי עס האָבען זיך איהם אָנגעצונדען די אויגען! און ווי געפעלט אייך זיין ערנסט פּנים? ער זאָל דאָס אייך געבען אַפילו אַ שמייכעל! וועט איהר זאָגען, ווען איהר זאָלט זיין מיט אַכצעהן קעפּ, אַז דאָס איז גרישאַ פּאָפּאָוו, ניט הערשקאָ ראַבינאָוויטש? ניין, איהר קוקט איהם אַריין אין זיין יודיש פּנים, אין זיינע יודישע אויגען, אַפילו די נאָז האָט זיך ביי איהם ווי אויסגעבויגען, געוואָרען אַ יודישע נאָז, חאַ-חאַ. בראַוואָ, הערשקאָ, בראַוואָ! ביס!! ביססס!!!...

*

* *

עס איז שוין געווען גרויסער טאָג, אַז חברה יונגוואַרג האָבען פּערלאָזען דעם עלעגאַנטען „עלעפאַנט-רעסטאָראַן” און האָבען זיך אויפ-געזעצט אויף דראָשקעס צו פאָהרען, דער אַהער, דער אַהין. אויך גרישאַ מיט הערשקען האָבען זיך אויפגעזעצטביידע אויף איין דראָשקע, גרישאַ אין הערשקאָס קליידער, הערשקאָ אין גרישאַס קליידער. ווארום חאָטש גרישאַ פּאָפּאָוו איז שוין הערשקאָ ראַבינאָווינטש און הערשקאָ ראַבינאָוויטש איז שוין גרישאַ פּאָפּאָוו,— דאָך האָבען זיי נאָך צו רעדען און צו רעדען, איבערגעבען אייגס דאָס אַנדערע סימנים, היסטאָריעס מיט געשיכטען, יעדער פון זיין ביאָגראַפיע, איידער מע צופאָהרט זיך און איידער מע טרעט אַריין יעדער אין זיין ראָל, טאַקי אויף דער רעכטער אמת — און... דער גרויסער שפּאַס הייבט זיך אָן.

## דאָס דריטע קאַפּיטעל.

### אַחדר גיט זיך אָפּ.

אין דער גרויסער אוניווערסיטעט-שטאָדט האָט זיך צום סוף זו-מער, שוין פאַר די אָסיענדיגע ימים-טובים, בעוויזען אַ בעזונדער לע-בעדיגקייט. עס האָבען זיך געענדיגט די זומערדיגע וואַקאַציעס, עס האָבען זיך געעפענט די גימנאַזיעס, דאָס פּאָליטעכניקום, די אוניווער-סיטעט און אַלע איבעריגע העכערע און נידעריגערע שולען און חדרים.

פון די נאָהענטע שטעדט און שטעדטלעך און פון דער גאַנצער סביבה אַרום און זענען זיך צונויפגעפאָהרען אין דער גרויסער אוניווערסיטעט-שטאָדט עלטערן מיט זייערע קינדער, קלענערע און גרעסערע; ווער עס האָט געהאַלטען ביים איבערגעהן פון איין קלאַס אין דער אַנדערער, און ווער עס האָט געהאַלטען ביי אָפּגעבען עק-זאַמען און אַריינטרעטען ערשט אין טעמפּעל פון השכלה און וויסענ-שאַפט.

אַ בעזונדער אויפרעגונג הערשט צווישען די עלטערן, נאָך מעהר ווי צווישען די אויפגערעגטע קינדער. די יונגע מאַמעס, אָנגעטאָן און אויסגעפּוצט נאָך דער לעצטער מאָדע, שלאָגען אָפּ די טירען פון די קאַנצעלאַריעס ביי די דירעקטאָרען, אינספּעקטאָרען און לעהרערס, זע-נען גרייט פּאַלען חלשות אָדער בעקומען דריי היסטעריקעס פאַר איין „צוויי", וואָס זייער „וואָלאָדיקע" אָדער זייער „סאַשקע" האָט געחאַפּט בשעת דעם אַריינטריטס-עקזאַמען.

די ביכער-הענדלער און פּאַפּיר-פאַבריקאַנטען האָבען אַרויסגע-שטעלט אין זייערע פענסטער דאָס נייעסטע און דאָס בעסטע, וואָס זיי האָבען צוגעגרייט פאַר דער יוגענד אויף צו לערנען און אויף צו שרייבען, און זענען גרייט צו מאַכען געשעפטען, לייזען געלד, ביי-טען ביכער אויף ביכער — מיט איינעם וואָרט, דיענען דער קולטור פון

פאָטערלאַנד מיט אמת און מיט אמונה, ווי גוטע עהרליכע פאַטריאָטען.

די שניידערס און קליידער-מאַגאַזינעס זענען אויך נישט קיין קליינע פאַטריאָטען. זיי האָבען אַרויסגעשטעלט אין די וויטרינעס דאָס שענסטע און דאָס מאָדערנסטע, וואָס זיי פערמאָגען, פונ'ם עלעגאַנטען מונדיר מיט גלאַנצענדיגע קנעפּלעך ביז'ן גרויען פּאָר הויזלעך, וואָס בעטען זיך: „נעם טו זיך אָן און לויף מיט אונז אין חדר אַריין!"

אויך די חברה קירשנערס און היטעלמאַכערס האָבען זיך אַרויסבעוויזען מיט גאַנצע קאָלעקציעס פון קעפּיס און פוראַזשקעס, קאַשקעטלעך און היטעלעך מיט אַלערליי ווייסע און געלע צאַצקעס, אָדלערס, פּאַסיקעס און אָקאָלעשקעס. אַפילו רענצעלעך האָט מען ניט פערגעסען אויסצוהענגען ביי די קראָמען, קאַמאַשען, קאַלאָשען, צוקערקעס, פּאַפּיראָסען. און אַפילו די חברה קאָלבאַסניקעס, וואָס שטעהען גאַנץ ווייט פון מיניסטעריום פאַר פאָלקסבילדונג און געהערען זיך שוין גאָר ניט אָן מיט השכלה, ווילען אויך האָבען אַ חלק, חאָטש מן-הצד, אין דער קולטור פונ'ם פאָטערלאַנד — האָבען זיי אַרויסגעשטעלט אין די פענסטער אויפשניטען פון קאָלבאַסעס, פון שינקען, פליישען און פּאַשטעטען, אַזעלכע פרישע און מיט קנאָבעל שמעקענדיגע, אַז אַ כפרה די גאַנצע קולטור מיט'ן גאַנצען פאָטערלאַנד, בעת מע איז רעכט הונגעריג און דער חזיר צושמעקט זיך מיט זיין גאַנצען אַראָמאַט...

די האָטעלס מיט די אַכסניות, די רעסטאָראַנען מיט די רעסטאָראַציעס זענען פול געפּאַקט מיט די אָנגעפאָהרענע געסט, פּאַטערס און מוטערס און קינדער פון אַלערליי עלטער, און אויף די פענסטער פון כמעט אַלע הייזער אויף אַלע גאַסען זענען אויפגעקלעפּט צעטעלעך: „קאָמנאַטאַ ווגאַיאָם — אַ חדר גיט זיך אָפּ"...

די, וואָס הענגען אויס די דאָזיגע צעטעלעך, ווייסען שוין פון פריהער, ווער עס וועט בעוואוינען דאָס חדר, וואָס גיט זיך אָפּ. דאָס וועט זיין אַדער איין עלענדער בחור אַ סטודענט, וואָס פערמאָגט איין פּאָר הויזען, צוויי העמדער און אַ באַרג מיט ביכער; אָדער אַ מיידעל אַ קורסיסטקע, וואָס פלעג אַמאָל טראָגען קורצע האָר און היינט האָט זי אַ השגה אויף אַ שמאָל געפּענטעט קליידעלע, וואָס מע רופט עס אין פּאַריז מיט'ן נאָמען „זשיפּקילאָט"... יעדענפאַלס פערמאָגט דאָס חדר'ל נישט מעהר אַז איין אייזערן בעטעל, וואָס האָט שוין געדיענט אַמאָל אין סדום, איין אייזערן וואַשטישעל, וואָס האָט פיינט, מע זאָל זיך צו דעם צוריהרען בעת וואַשען זיך, מחמת עס ליידט,

ניט פאַר אײַך געדאַכט, פון רעוומאַטיזם אין די פיס פון זינט מע האָט דאָס געבראַכט פון דער פאַבריק.

דאָס חדר׳ל פערמאָגט אויך אַ טישעל מיט אַ בענקעל. האָבען זיי ביידע זייערע מעלות מיט זייערע חסרונות. די מעלות פונ׳ם טישעל איז, וואָס עס קאָן דיענען פאַר אַ שרייב-טיש און פאַר אײַין עס-טיש און פאַר וואָס איהר ווילט. דאָס זענען די מעלות. און דער חסרון פונ׳ם טישעל איז ניט אינ׳ם טישעל גופא, נאָר אינ׳ם טישקעסטעל, אינ׳ם שיפלאָד. דאָס טישקעסטעל האָט אַ טבע, אַז מע עפענט עס, וויל זיך עס שוין צוריק ניט פערמאַכען; און אַז מע פערמאַכט עס — וועט זיך עס אײַך בשום אופן ניט עפענען. ניט פון פאָרענט, ניט פון הינטען, ניט פון די זייטען. איהר קאָנט עס שלעפען וויפיעל איהר ווילט, וועט אײַך דאָס גאַנצע טישעל נאָכשלעפען זיך. אפשר ווילט איהר זיין אַ חכם און פרובען שלעפען דעם שיפלאָד מיט ביידע הענד פון אונטען? פרובט זיך, אַדרבא, איך וועל אײַך זאָגען פריהער, וואָס וועט זיין: די הינטערשטע פיס פונ׳ם טישעל וועלען זיך אויפהייבען אַרויף און דאָס גאַנצע טישעל מיט אַלע ביכער, מיט׳ן טינטער און מיט׳ן קאַראַפין וואַסער וועלען ליגען אינאיינעם מיט אײַך אויף דער ערד. נו? וואָס האָט איהר געפועלט? איהר וועט זיך שוין בעסער בעגעהן אָהן אַ טישקעסטעל, אָהן אַ שיפלאָד. וואו שטעהט דאָס געשריבען, אַז אַ טיש מוז האָבען אַ שיפלאָד? למאי דאָס בענקעל, וואָס איך זאָג אײַך? אַ בענקעל ווי אַלע בענקלעך. פון דעם מין בענקלעך, וואָס מע רופט זיי „וויענער שטוהלען”. זיי זענען אי לייכט, אי שטאַרק און בעקוועם צו זיצען אויף זיי, ווארום זייערע געזעסלעך זענען פון שטרוי געפלאָכטען. פלאַך און גלאַט און ווייך. דאָס זענען די מעלות פון די „וויענער בענקלעך” בכלל. נאָר דאָס בענקעל, וואָס געפינט זיך אין דעם חדר, וואָס מיר געהען בעשרייבען, האָט ניט אין זיך איין מעלה פון די אַלע אויסגערעכענטע מעלות. עס וועט זיין געַנוג, אַז מיר וועלען אײַך אויסזאָגען אַ סוד, אַז דאָס בענקעל איז אָהן אַ געזעסעל. דאָס הייסט, אַ געזעסעל איז פאַראַן, נאָר אָהן שטרוי, דאָס הייסט, ס׳איז געווען שטרוי אויך, נאָר אַמאָל, בעת דאָס בענקעל איז נאָך געווען אַ בענקעל. איצט איז גאָר ניט כדאי פון דעם צו רעדען. לאָמיר בעסער שמועסען פון דער בעל-הבית׳טע, וואָס פערדינגט, וואָס גיט אָפּ דאָס דאָזיגע חדר׳ל, פון איהר מאַן, פון זייער טעכטערל בעטי און

פון דעם פּאַרשוין, וואָס איז געקומען דינגען דאָס דאָזיגע חדר׳ל. דאָס איז אַ סך וויכטיגער.

שרה שאַפּיראָ — אַזוי האָט געהייסען די בעל-הבית׳טע, נאָך גאָר אַ יונג ווייבעל און אַ שענע, אַ שוואַרץ-חנ׳עוודיגע — איז געשטאַנען ביי דער פּליטע מיט פּערקאַטשעטע אַרבעל און געקאָכט אָנבייסען, און איהר טעכטערל בעטי, אַ יפת-תואר, וואָס האַלט אין רעכטען ברען, צווישען אַכצעהן און צוואַנציג, איז געזעסען איבער אַ רוסיש בלאַט-ציייטונג, בעת עס האָט זיך דערהערט אַ שאַרפער קלונג פון דרויסען.

— עס געהער שוין זיין אַ נייער שלים-מזל אויפ׳ן חדר! — האָט די מוטער אַ זאָג געגעבען צו דער טאָכטער און אַ ווינק געגעבען, זי זאָל געהן עפענען.

ניט מיט גרויס חשק האָט די טאָכטער אוועקגעלעגט דאָס בלאַט און איז אַראָפּגעלאָפען פון אַלע טרעפּ אַראָפּ, פון דריטען שטאָק, עפע-נען די טיר און איז אין צוויי מינוט אַרום געקומען צוריק מיט אַ יונגעגמאַן, אַ גלות, מיט זעהר אַ מאָגערען טשעמאָדאַן אין די הענד — אָנקוקען דאָס חדר׳ל, וואָס גיט זיך אָפּ.

בעטראַכט דעם אַריינגעקומענעם פּאַרשוין מיט׳ן מאָגערען טשע-מאָדאַן, האָט די מוטער איהם גיך אָפּגעשאַצט, אַז ער בעדאַרף צו זיין אַ „כתריליק״ און אַז ער וועט דעם חדר נישט דינגען, און דע-ריבער האָט זי אַ זאָג געגעבען צו דער טאָכטער אויף יודיש, זי זאָל איהם זאָגען „מה יקר״. די טאָכטער האָט געפאָלגט און אַ זאָג געגע-בען דעם יונגעמאַן דעם פּרייז פונ׳ם צימער. האָט זיך דער יונגער-מאַן דוקא ניט דערשראָקען און האָט געהייסען זיך בעווייזען דאָס צי-מער. דעמאָלט האָט שוין די מאַדאַם שרה שאַפּיראָ אַוועקגעלעגט דאָס קאָכען אויף שפּעטער, אַראָפּגעקאַטשעט די אַרבעל און אַליין אויך מיט-געגאַנגען בעווייזען דעם פּאַרשוין דאָס צימערל.

אַריינגעקומען אין דעם אויבענבעשריבענעם חדר, האָט אונזער פּאַרשוין בעטראַכט די בעל-הבית׳טע מיט איהר טעכטערל אַ סך מעהר, ווי ער האָט בעטראַכט דאָס צימער מיט׳ן מעבעל, און גאָר נישט לאַנג געקלערט, האָט ער אַ זאָג געגעבען, אַז גוט, עס געפעלט איהם... האָט די מאַדאַם שרה שאַפּיראָ געפונען פאַר נויטיג נאָך אַ מאָל דער-מאָנען, וואָס עס קאָסט. האָט דער פּאַרשוין אַ זאָג געגעבען, אַז עס מאַכט איהם ניט אויס. וויבאַלד אַזוי, האָט שוין די מאַדאַם שאַפּיראָ געפונען פאַר גאַנץ נויטיג אַ זאָג געבען, אַז פאַר אַ האַלבען חודש מוז

בעצאָהלט ווערען באַלד. האָט דער פאַרשוין אַ זאָג געגעבען, אַז עס מאַכט איהם ניט אויס אַפילו פאַר אַ גאַנצען חודש.

דאָ האָט זיך שוין די מאַדאַם שרה שאַפּיראָ אַ ביסעל ווי דער־שראָקען: וואָס איז דאָס פאַר אַ שלאַק? אַ מענש קומט צו געהן, גיט אַ קוק, דינגט זיך ניט; מע זאָגט איהם פאַר אַ האַלבען חודש פריהער, גיט ער פאַר אַ גאַנצען — ווער ווייס, וואָס דאָס איז פאַר אַ פּאַסאַזשיר? און זי האָט אַ קוק געגעבען אויף איהר טאָכטער, די טאָכטער אויף איהר. דערנאָך האָט זי אַ קוק געגעבען אויפ'ן פּאַסאַזשיר, האָט זי דערזעהען, ווי דער בחור קוקט אויף איהר בעטין, לאָזט נישט אַראָפּ קיין אויג פון איהר, איז איהר דער פאַרשוין געוואָרען נאָך מעהר ניט צום האַר־צען, און זי האָט בעשטימט איהם אַ זאָג געבען מיט אַ האַלבען מויל:

— האָט קיין פאַראיבעל ניט, ס'איז ביי אונז זעהר שטרענג... פערשטעהט איהר, די פּאָליציע... איהר וועט זיין אַזוי גוט מיר וויי־זען אייערע דאָקומענטען... אייער פּאַס...

— אַך, מיין פּאַס?... אונזער יונגערמאַן האָט אַרויסגעהאַפּט פון זייט־קעשענע אַ פּאַפּיר און מיט אַ ליעבליך שמייכעלע אונטערגע־טראָגען דער מאַדאַם שאַפּיראָ זיין פּאַספּאָרט, און צו גלייכער צייט זיך אַ נעם געגעבען צום בייטעלע מיט געלד.

נאָר דאָ איז פאַרגעקומען אַזעלכס, וואָס האָט אָפּגעהאַלטען אַ ווײלע דעם יונגענמאַן פון צו אַרויס מיט די קלינגערס. די מאַדאַם שרה שאַפּיראָ האָט געהאַפּט אַ קוק מיט איין אויג אין פּאַס און האָט הויך אויף אַ קול איבערגעלייענט: שקלאָווסקי מעשטשאַנין הערש מאָושאָוויטש ראַבינאָוויטש... האָט זי זיך פריהער מאָדנע איבערגעקוקט מיט דער טאָכטער; דערנאָך האָט זי אַ זאָג געגע־בען צום יונגענמאַן.

— האָט מיר קיין פאַראיבעל ניט... איך ווייס ניט, אויב איהר וועט דאָ קאָנען זיין? איך האָב נישט געוואוסט, אַז איהר זענט אַ...

דער יונגערמאַן האָט מיט אַ שמייכעל זיך אויסגעקעהרט צו דער מאַדאַם שאַפּיראָ.

— אַז איך בין אַ וואָס?

— אַז איהר זענט אַ אונזעריגער... אַ יוד.

— און אַז איך בין אַ יוד, איז וואָס?...

דער יונגער פאַרשוין האָט אַראָפּגעלאָזט דאָס בייטעלע צוריק אין קעשענע און אַלע דריי האָבען זיך איבערגעקוקט אָהן ווערטער.

## דאָס פּערטע קאַפּיטעל.

## דער כּח פון אַ מעדאַל.

ביז אַהער איז דער שמועס געגאַנגען אויף רוסיש. און איצט, אַז עס האָט זיך אַרויסבעוויזען, אַז דאָס איז אַ שקלאָווער מעשטשאַנין און הייסט הערש ראַבינאָוויטש, איז נישקשה, אָהן אַיין אומגליק, אַז מע וועט מיט איהם ריידען אויף „אונזער" לשון. און שרה שאַפּיראָ האָט זיך געווענדעט צו איהם שוין אויף פּראָסט יודיש:

— ס'איז מיר אַ חידוש אויף אַייך. איהר ווייזט אויס אַ וועלט־ליכער יונגערמאַן צו זיין און ווייסט ניט, אַז ביי אונז בעדאַרף אַ יוד האָבען אַ פּראַוואָזשיטעלסטווע?...

דערויף האָט איהר דער וועלטליכער יונגערמאַן נישט געענטפערט גאָרניט, ווייל ער האָט ניט פערשטאַנען פון דעם גאַנצען קאָמפּלימענט איין וואָרט אַפילו. ער האָט זיך אָנגערופען צו דער שאַפּיראָ אויף רו־סיש און אַ ביסעל רויט געוואָרען דערביי:

— איזוויניטיע — איך פערשטעה ניט אויף יודיש.

דאָ האָט זיך די מאַדאַם שאַפּיראָ שוין גאָר ניט געקאָנט איינהאַל־טען זיך פאַר געלעכטער:

— אַ שקלאָווער מעשטשאַנין, און הייסט ראַבינאָוויטש, און פער־שטעהט ניט קיין יודיש?!...

בעטי, וועלכע איז געשטאַנען ביז אַהער ווי אַ זייטיגע, האָט זיך אַריינגעמישט אינ'ם שמועס און געקומען צו הילף דעם יונגענמאַן, וואָס איז געקומען דינגען דאָס צימער. זי האָט זיך אָנגערופען צו דער מוטער אויף רוסיש:

— קאַרג פאַרהאַן הייגט יונגעלייט, יודישע קינדער, וואָס פער־שטעהען ניט קיין יודיש?

און צום יונגענמאַן האָט זי זיך געווענדט, געגעבען איהם צו

פערשטעהן אין קורצע נאָר קלאָרע דבורים, אין וואָס דאָ האַנדעלט זיך: אַז אַ יוד טאָר דאָ ניט זיין אין דער דאָזיגער שטאָדט, אַז אַ יוד דאַרף האָבען אַ „פּראַוואָזשיטעלסטווע", און אַז טאָמער לאָזען זיי אַריין צו זיך אַ יודען אָהן אַ „פּראַוואָזשיטעלסטווע", האָבען זיי אויף זיך אַ גרויסען שטראָף: מע נעמט צו ביי זיי זייער פּראַוואָזשיטעלסטווע און מע שיקט זיי אַרויס פון שטאָדט אין פּיראָונצוואַנציג שעה.

— אַצינד פערשטעהט איהר שוין, צי נאָך ניט?

דאָס אַלעס איז געזאָגט געוואָרען מיט אַזאַ זיס שמייכעלע און מיט אַזוי פיעל חן, אַז ווען ניט די מאַמע וואָס ביי דער זייט, וואָלט דער פאַרשוין גרייט געווען אַרומחאַפּען קושען דאָס דאָזיגע חנ'עוודיגע מיידעל מיט איהר שעלמיש שמייכעלע. און האָטש דער דין פון „פּראַוואָזשיטעלסטווע" איז ביי אונזער העלד געווען כמעט ווי אַ נייס, דאָס הייסט, הערען האָט ער דערפון געהערט, אַז ס'איז דאָ שטעדט, וואו יודען דאַרפען האָבען „פּראַוואָזשיטעלסטווע", נאָר ער האָט דאָס געדענקט ווי עפּיס דורכ'ן שלאָף; פונדעסטוועגען האָט ער זיך געמאַכט, גלייך ווי דאָס איז ביי איהם גאָר קיין נייס ניט, און האָט זיך אָנגערופען צום חנ'עוודיגען מיידעל אויך מיט אַ שמייכעל:

— דער דין פון „פּראַוואָזשיטעלסטווע" איז מיר, מאָלט אַייך, גאַנץ גוט בעקאַנט, האָטש איך בין ניט קיין היגער. דאָס איז אַ דין, וואָס מע וואָלט איהם שוין לאַנג געמעגט אַרויפוואַרפען אויפ'ן בוידים מיט אַלע אַלטע שמאַטעס. נאָר גיט מיר צו פערשטעהן איין זאַך וואָלט איך וועלען וויסען: ווי אַזוי האָט מען ביי מיר צוגענומען מיינע דאָקומענטען אין אוניווערסיטעט?

דאָס וואָרט „אוניווערסיטעט" איז אויףביידען, אויף דער מוטער מיט דער טאָכטער, געווען ווי אַ ליכטיגער שטראַהל. ביידענס פנימער האָבען אָנגעהויבען צו שיינען, און די מוטער האָט אַזש דערלאַנגט זיך אַ פּאַטש מיטביידע הענד איבער די קליידלעך:

— אַזוי? זענט איהר, הייסט עס, אַ סטודענט פון היגען אוניווערסיטעט? היינט וואָס האָט איהר געשוויגען די גאַנצע צייט ביז אַהער?

— די גאַנצע צייט געשוויגען? מיר דאַכט, אַז מיר האָבען דאָ אַלע דריי גערעדט? — האָט איהר אָפּגעענטפערט דער סטודענט מיט אַ שמייכעל, אַלץ קוקענדיג אויף דער טאָכטער, ניט אויף דער מוטער. און די מוטער האָט איהם געשטעלט דעם לעצטען עקזאַמען:

— זענט איהר שוין, הייסט עס, אַ צוגענומענער?

— כמעט... איך האָב אַ מעדאַל.

— אַך! איהר זענט אַ מעדאַליסט? אַזוי? זעהסט דו?

דאָס לעצטע האָט די מוטער געזאָגט שוין אויף יודיש צו דער טאָכטער, מיט אַ זיפץ. זי האָט זיך אָבער באַלד פערהאַפּט און אַ זאָג געגעבען צום סטודענט צום מעדאַליסט אויף רוסיש: איך זאָג עס צו מיין טאָכטער, זי האָט אַ ברודער, דאָס הייסט, איך האָב אַ זוהן אַ גימנאַזיסט, ער איז שוין אין דריטער קלאַס, טענה איך צו איהם שוין דריי יאָהר באַלד, אַלע אינדערפריה און אויפ'ן דערנאַכט: „אַ מעדאַל, אַ מעדאַל, אַ מעדאַל!" — הערט ער מיך ווי דעם קאָטער. אַ יוד אָהן אַ מעדאַל איז אַלץ איינס, ווי אַ... ווי אַ...

די מאַדאַם שאַפּיראָ האָט געגומען זוכען אין חדר עפּיס אַ זאַך, וואָס מע זאָל קאָנען זיך'צו פערגלייכען אַ יודען אָהן אַ מעדאַל, איז אָבער אין חדר נישט געווען קיין זאַך, וואָס זאָל האָבען אַ שייכות צו אַ יודען מיט אַ מעדאַל אָדער אָהן אַ מעדאַל. און דערצו האָט די טאָכטער, בעטי, געפונען, אַז ס'איז גלאַט איבעריגע רייד; צו וואָס בע-דאַרף עס אַ פרעמדער מענש וויסען, אויב איהר ברודער וועט האָבען אַ מעדאַל אָדער ניט? האָט זי אַ זאָג געגעבען צום סטודענט, אָנוויי-זענדיג אויף זיין מאָגער טשעמאָדאַנטשיקעל:

— אָט דאָס זענען אַלע אַייערע זאַכען, צי איהר האָט עפּיס נאָך?

— צו וואָס דאַרף איך נאָך? — האָט ער איהר אָפּגעענטפערט און אַריינגעקוקט איהר אין די שענע קאַרע אויגען אַריין אַזוי שאַרף, אַז מע וואָלט עס געקאָנט אויסטייטשען: „צו וואָס בעדאַרף איך נאָך, אַז דו האָסט אַזעלכע שענע גוטע קלוגע קאַרע אויגען מיט אַזעלכע חן-גריבעלעך אין די בעקלעך?"...

די מוטער, וואָס איהר גאַנץ לעבען, אַפּנים, איז געווען געציעלט נאָר אין איין זייט צריין און אָפּגעשטעלט זיך נאָר אויף איין זאַך: אַז איהר זוהן זאָל האָבען אַ מעדאַל — האָט זיך איינגעשטעלט פאַר'ן נייעם שכן און זיך אָנגערופען צו דער טאָכטער ווידער מיט אַ זיפץ:

— זעהר געזעצט! צו וואָס בעדאַרפען זיי נאָך? אַז זיי האָבען אַ מעדאַל, בעדאַרפען זיי שוין ניט קיין זאַך. קיין זאַך!

די ווערטער „קיין זאַך" האָט זי אָפּגעשניטען ווי מיט אַ מעסער,

און איז מיט אַמאָל ווי צוגעזאָטען געוואָרען צום שכן דעם מעדאַליסט און זעהר פריינדליך איהם אַ פרעג געגעבען:

— האָט איהר פאָטער און מוטער?

דאָס איז געווען פאַר אונזער העלד אַזוי אומגעריכט, און אגב האָט ער אין דער מינוט אַקוראַט פערגעסען, צי הערשקאָ ראַבינאָוויטש האָט אַ פאָטער מיט אַ מוטער, אָדער נאָר אַ פאָטער אַליין, אָדער נאָר אַ מוטער אַליין? — ער האָט נישט באַלד געקאָנט ענטפערן דערויף. אַ גליק, וואָס בעטי איז איהם געקומען צו הילף. זי האָט זיך געווענדעט צו דער מוטער:

— טאָמער וואָלט געווען גענוג צו עקזאַמענירען אונזער איינוואוינער? פאַרוואָס פרעגסט דו זיי בעסער ניט, צי האָבען זיי געטרונקען טיי?

און צום נייעם שכן האָט בעטי אַ זאָג געגעבען מיט איהר חנ'עוודיג שמייכעלע:

— מיין מאַמע האָט ליעב אַ ביסעל רעדען... אפשר ווילט איהר טיי, קאָנט איהר אייך הייסען געבען דעם סאַמאָוואַר. איהר בעקומט צוויי סאַמאָוואַרען אַ טאָג. דאָס גיט זיך צו צום צימער.

— וואָס עפּיס צוויי סאַמאָוואַרען? — האָט איהר די מאַמע איבערגעשלאָגען, — דריי סאַמאָוואַרען. אינדערפריה און בייטאָג און אויפדערנאַכט.

— דאָס איז דערפאַר, וואָס איהר האָט אַ מעדאַל, — האָט זיך אָנגערופען בעטי מיט אַ געלעכטער צום נייעם שכן, און אַ זאָג געגעבען צו דער מוטער אויף יודיש: „קום!" און ביידע, די טאָכטער און די מוטער, זענען אַרויס פון חדר, איבערגעלאָזט דעם שכן דעם מעדאַליסט איינעם אַליין מיט זיין מאָגערען טשעמאָדאַן און מיט זיינע געדאַנקען, וואָס האָבען זיך געפּלאָנטעט אַרום דעם כח פון זיין מעדאַל, און נאָך מעהר אַרום דעם שענעם מיידעל מיט די שענע קאַרע קלוגע אויגען, מיט'ן שעלמיש שמייכעלע און מיט די חן-גריבעלעך אין די בעקלעך.

## דאָס פינפטע קאַפּיטעל.

### די משפחה שפּיראָ.

אויף וויפיעל דער נייַער קוואַרטיראַנט איז געווען צופרידען מיט זיין קוואַרטיר, אויף אַזוי פיעל, אויב ניט מעהר נאָך, איז די מאַדאַם שפּיראָ געווען צופרידען מיט איהר נייעם קוואַרטיראַנט. אַ לעבעדיגער בחור, זעהר אַ פּראָסטער ביי זיך, און אַ צוגעלאָזטער מענש, אַ דימאַנטיגער.

פונ'ם ערשטען טאָג אָן האָט ער זיך שוין אינטערעסירט מיט איהר זוהנדעל, אַ תלמיד פון דריטע קלאַס גימנאַזיע, איהם אַ נעם גע-געבען צום עקזאַמען און אַליין אָנגעשלאָגען זיך מאַכען מיט איהם אַלע טאָג די אורעָקען. די מאַדאַם שפּיראָ האָט שוין אַליין געקלערט אויס-זוכען איהם אַ רעפּעטיטאָר, ס'זאָל זיך מאַכען עפּיס אַ רעכטער סטודענט אין גלייכען געלד. קיין סך ס'זאָל קאָסטען קאָן זי ניט, נאָר זי וואָלט וועלען וויסען, וויפיעל וועט ער זיך הייסען צאָהלען?

דערביי האָט זי געוואָרפען אויף איהר קוואַרטיראַנט אַ קוק פון אונטען אַרויף און ס'איז איהר איבערגעלאָפען אַ מחשבה אין קאָפּ: „שען וואָלט געווען, ווען דער בחור זאָגט זיך אָפּ פון נעמען געלד ביי איהר!" און כּך הוה — גלייך ווי זי וואָלט זיין אַ נביא'טע; דער בחור האָט ניט נאָר זיך אָפּגעזאָגט פון געצאָהלטס, ער האָט זי נאָך אויסגעלאַכט: וואָס הייסט ער וועט ביי איהר נעמען געלד? פאַרוואָס?

— נו? וואָס האָב איך דיר געזאָגט? — האָט די גליקליכע מוטער זיך גערייצט מיט דער טאָכטער.

— וואָס האָסט דו מיר דען געזאָגט?

— האָסט שוין פערגעסען? האָב איך דיר ניט געזאָגט באַלד, אַז ער איז אַ טאַטענס אַ קינד?

— דו האָסט געזאָגט, אַז ער איז אַ טאַטענס אַ קינד?

— וואָס דען האָב איך געזאָגט?

— דו האָסט געזאָגט אויף איהם, אַז ער איז אַ שלימזול, — האָט איהר די טאָכטער דערמאָנט.

— איך האָב געזאָגט אויף איהם, אַז ער איז אַ שלימזול?

— ווער דען האָט געזאָגט? איך?

— בעטי! דו הייבסט שוין אָן דיינע אַלטע מעשות, אָפּענטפּערן דער מאַמע ווי אַ שייגעץ? מאַכען די מאַמע פאַר אַ ליגנערין?

— ווער מאַכט דיך דען פאַר אַ ליגנערין? איך זאָג נאַר, אַז דו געדענקסט ניט, וואָס דו האָסט געזאָגט. דו זאָגסט, אַז דו האָסט געזאָגט אויף איהם, אַז ער איז אַ טאַטענס אַ קינד, און איך זאָג, אַז דו האָסט געזאָגט אויף איהם, אַז ער איז אַ שלימזול.

— איך האָב געזאָגט — דו האָסט געזאָגט! דו האָסט געזאָגט — איך האָב געזאָגט! איך בעט אייך, עס וועט אַמאָל האָבען איין עק, צי ניין?

מיט די ווערטער קומט אַן דער בעל-הבית, דוד שפּיראָ, אַ יוד אַ צעוואָרפּענער, אַ גיכער, אַ האַפּענדיגער, וואָס טוט אַלסדינג גיך, בחפזון נדיג: רעדט גיך, עסט גיך, געהט גיך — אַלסדינג גיך, אין איין אָטעם.

אין געשעפט, וואו ער דיענט (ער איז אַ בוכהאַלטער אין אַ גרויסער קראָם) קען מען איהם ווי אַ שטילען מענשען, אַ נכנע, אָהן פּרעטענזיעס און אָהן אַ שום טאַרעראַם. נאַר ביי זיך אין דער היים שפּיעלט ער אַ ראָלע פון אַ בייזען בעל-הבית, אַ שטיקעל דעספּאָט, חאָטש קיינער הערט איהם ניט. דאָס ווייב לאַכט איהם אויס אין די אויגען, רופט איהם „מיין ראַכמייסטער", און „שווידקיי", און „שאַלאָ-ווילע", אָדער גאָר „קוריערסקי-פּאָיעזד".

און די קינדער הערען איהם גלאַט ווי דעם פאַראיאָהריגען שניי. זיי ווייסען, אַז זיי זענען ביי דעם פאָטער דאָס חיות מיט דער נשמה, און אַז דער פאָטער איז נאָך זיי די כפרה — וואָס איז דער חידוש? — סך-הכל צוויי קינדער: אַ בת-יחיד'קע בעטי, אַ מיידעל — אַ ברען, און אַ בן-יחיד'ל סיאָמקע, פערצויגען פון שלמה-שליאָמקע, אַ בחור'ל אין דריטע קלאַס, וואָס מאַכט ניט איין אוראָק, ביז די מאַמע בעצאָהלט איהם ניט פריהער אַ פּיטאַקעל פאַר יעדען אוראָק. פונ'ם פאָטער בעקומט ער אַחוץ פאַר יעדער 4, וואָס ער ברענגט פון גימנאַזיע, אַ פּיטאַקעל און פאַר יעדער 5 — אַ פערציגער. „וואָס איז דער שכל, וואָס פאַר

אַ 4 קומט אַ פּיטאַקעל און פאַר אַ 5 פּיער מאָל אַזוי פּיעל? וואו איז דער חשבון?"

אַזוי פּרעגט ביי איהם דאָס ווייב, שרה שפּיראָ, און חאַפּט פון איהם אַ מיאוסען פּסק. דוד שפּיראָ האָט אַ טבע גאָר אין גוטען מוט אָפּבאָדען זיין ווייב, חאָטש עס טרעפט אָפּטמאָל, אַז זי זאָל איהם געבען אַ גרעסערע פּאָרציע ווי ער איהר. זיי נאַרען זיך ניט איינס פון דאָס אַנדערע.

— ווער איז דיר שולדיג, אַז דו ביסט אַ גלאַטע בהמה, — זאָגט איהר דוד מיט אַ שמייכעלע — און דו הייבסט ניט אָן צו פערשטעהן דעם חילוק פון אַ 4 ביז אַ 5 אין גימנאַזיע?

— נו יאָ, ווי קום איך וויסען, וואָס איז 4 און וואָס איז 5! — ענטפערט איהם אָפּ מיט אַ ביטער שמייכעלע שרה, און די קינדער הערען, ווי טאַטע-מאַמע שפּיגעווען זיך און וואַרפען זיך דורך מיט שאַרפע ווערטער. — דאָס קאָן וויסען נאָר אַזאַ קאָפּ-מענש ווי דו. פאָרט אַ ראָכמייסטער. איין חסרון נאָר, וואָס דו ביסט אַ ביסעלע צו אַ שווידקיי און פליהסט צו גיך.

— זאָלסט דו טאַקי וויסען. אַ סימן, אָט וועל איך דיר באַלד בעווייזען, אַז דו הייבסט ניט אָן צו וויסען. למשל, ביי דיר קומט אויס, אַז דער חילוק פון אַ 4 ביז אַ 5 איז נאָר אין וויפּיעל? אין איינס? איאָ? זעהסט דו? זאָלסט אָבער האָבען אַ קלעפּקע אין קאָפּ, וואָלסט דו געוואוסט, אַז דאָ איז פאַרהאַן אַ גאַנצע רעכענונג. צום ביישפּיעל, אָט נעם דיין סיאָמקען...

— אָט האָסט דו דיר נאָך, טאָמער איז קאַרג! — האַקט איהם איבער שרה. — אַ שאַלאָווילע רעדט, פליהט ער מיט'ן קורירסקי-פּאָיעזד און הערט גאָר אַליין ניט, וואָס ער רעדט! וואָס עפּיס מיין סיאָמקע? ער איז אַזוי מיין סיאָמקע ווי דיין סיאָמקע.

— בקיצור, דיין סיאָמקע, מיין סיאָמקע; לאָז נאָר אַ שטייגער דיין סיאָמקע שוין האַלטען ביים לעצטען עקזאַמען און בעקומען אַלע 12 פינפען. 12 מאָל 5 וויפּיעל מאַכט עס? זעכציג. געטיילט אויף 12, קומט אויס וויפּיעל? 5. האָט ער, הייסט עס, אַ גאָלדענע מעדאַל.

— אמן, הלואי, רבונו-של-עולם! — מאַכט שרה, און הייבט אויף פרום די אויגען אַרויף, און חאַפּט אַ נייעם פּסק פון איהר דוד'ן, וואָס ווענדט זיך צו דער טאָכטער, צו בעטין:

— נו? קאָן מען מיט איהר רעדען? איך וויל איהר מאַכען אַ

רעכענונג, הייבט זי אויף די אויגען, די מאַמע דיינע, און מאַכט אַ שמועס מיט'ן רבונו-של-עולם!

— נו, רעכן, רעכן, רעכן, ווער לאָזט דיך ניט, ראַכמייסטער מיינער טייערער? — זאָגט צו איהם שרה מיט אַזאַ טאָן, אַז דוד ווערט נאָך מעהר אויפגעבראַכט, און רעדט נאָך גיכער, און מיט נאָך מעהר פייער:

— אַלזאָ ביי 12 פינפען האָט ער אַ גאָלדענע מעדאַל. ווי זשע איז אָבער דער דין, אַז ער איז געגאַנגען צום עקזאַמען און האָט בעקומען עלף פינפען און איין 4? כפל'ען מיר 11 אויף 5, מאַכט דאָס 55, און 4? איז 59, געטיילט אויף 12, קומט שוין אויס ווי־פיעל? נאָר דאָס איז שוין ניט פאַר דיין קאָפּ, ווארום דאָס ווערט שוין אָנ־געררופען, פערשטעהסט דו מיך, תשבורת — דראָב הייסט עס. הכלל, עס מאַכט אויס אַזוי גרויס אַזוי קליין ווי 4 מיט עלף צוועלפטלעך. און וויבאַלד עס פעהלט איהם אויס איין צוועלפטעל נאָר, קאָן ער שוין קיין גאָלדענע מעדאַל ניט האָבען, נאָר אַ זילבערנע.

— לאָז זיין אַ זילבערנע, — זאָגט שרה מיט אַ זיפץ, און דוד קוקט אויף דער טאָכטער:

— האָסט דו געזעהן איין אַקציע, אַ יודינע לאָזט ניט רעדען? הכלל, לאָמיר געהן ווייטער. ווי זשע איז אָבער דער דין, למשל, אַז ער זאָל האָבען, וועלען מיר זאָגען, 7 מאָל 5 איז 35, 5 מאָל 4 איז 20: 35 און 20 האָבען מיר וויפיעל? 55. געטיילט אויף 12? האָבען מיר אַפּנים 4 מיט וויפיעל? מיט 7 צוועלפטלעך. איז אויך אָהן איין אומגליק. ער קאָן נאָך אַלץ האָבען אַ זילבערנע מעדאַל. זעהסט דו, ווען ס'איז שלעכט? טאָמער, חלילה, פערקעהרט. טאָמער האָט ער, הייסט עס, 5 פינפען מיט 7 פיערען — אָ! דעמאָלט איז פּאַסקודנע! פאַרוואָס? אַ פּראָסטער חשבון: 5 מאָל 5 איז 25, 4 מאָל 7 איז אַלע מאָל 28. אינאיינעם גענומען, מאַכט עס אויס, פונקט ווי אין דער אַפּטייק, 53, געטיילט אויף 12, מאַכט עס אויס אַרום און אַרום 4 מיט 5 צוועלפטלעך, דאָס הייסט מיט איין צוועלפטעל וויני־ציגער ווי 4 מיט אַ האַלבען, און אַז דיין סיאָמקע ענדיגט גימנאַזיע מיט 5 צוועלפטלעך, גיט מען איהם אַ פייג ניט קיין מעדאַל, און אַז ער האָט ניט קיין מעדאַל — מעג ער שוין זיצען אין דער היים...

— בייס דיר אָפּ די צונג! — זאָגט שרה צו דוד'ן, און דוד טוט אַ שפּיי, האַפּט זיך אויף און אַנטלויפט אויף זיין שטעלע, צו זיינע בוכהאַלטערישע ביכער.

און שרה בלייבט ווי אַ אויסגעפּאַטשטע. ניט פון איהר מאַנס שפּיי, וואָס ער האָט געגעבען — מע ווייסט, אַז ער איז אַ שפּיראָ, און אַלע שפּיראָס זענען אַזוי: אַ משפּחה פון משוגעים. ניין, שרה איז צוקאָכט פון איין אַנדער זאַך. שרה האָט מורא, טאָמער טאַקי, חס וחלילה, געהט אָפּ איהר סיאָמקען אַ צוועלפטעל?... נאָר ניין! זי וויל ניט וויסען פון קיין רעכענונגען: 7 צוועלפטלעך, 13 צוועלפטלעך — איהר סיאָמקע מוז האָבען אַ מעדאַל, און וועט, אם-ירצה-השם, מיט גאָטס הילף, געוויס האָבען אַ מעדאַל, — סיידען ס'איז נישטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט?!

## דאָס זעקסטע קאַפּיטעל.

### מיר האָבען אַ גרויסען גאָט!

אומזיסט האָט שרה שפּיראָ געזינדיגט פאַר גאָט. האָט דאָס דען ניט איהר גאָט געטאָן, אַז גראָד איצט, ווען איהר סיאָמקע איז אין דריטע קלאַס און בעדאַרף האָבען אַ רעפּעטיטאָר אַזוי ווי מע בעדאַרף לעבען אויף דער וועלט, און קיין איבעריגע געלדען אויף צו דינגען אַ רעפּעטיטאָר איז נישטאָ, וואָרום חאָטש איהר דוד איז אַ זעלטענער עהרליכער מענש און איין אויסגעצייכענטער בוכהאַלטער און דיענט אין איינע פון די גרעסטע קראָמען אין שטאָדט, ביי די פיינסטע לייט, וואָס האַלטען זיך פאַר גרויסע אַריסטאָקראַטען, פונדעסטוועגען שעמען זיי זיך ניט פאָדערן פון איהם, ער זאָל זיך געפינען אין געשעפט פון אַכט אינדערפריה ביז ניין אויפדערנאַכט. און אַנומעלטען, אַז ס'איז געקומען צו אַ שמועס וועגען אַ הוספה, האָט מען איהם גע-געבען אָנצוהערעניש, אַז עס קוקען אַרויס אויף זיין שטעלע צעהן יונגע לייט, אַ סך מעהר געבילדעטע פון איהם, געענדיגטע, יונגע לייט מיט מעדאַלען!... אַ גליק, וואָס שרה שפּירא קאָכט אַליין און טוט אַליין אַלסדינג, חאָטש זי איז עס ביי איהר טאַטע-מאַמע ניט געוואוינט געוואָרען... און אונטער אַ נויט העלפט די טאָכטער, בעטי, אויך אין שטוב און אין קיך, חאָטש זי איז אַ בת-יחידה און אַ ציטעריגע. נו, ווי קאָן מען אין זינען האָבען אַ רעפּעטיטאָר? איז דאָך אָבער פאַרהאַן אַ גאָט אויף דער וועלט. וואָס טוט גאָט? טראָגט אָן דער גוטער יאָהר אַ סטודענט אַ שלימזל פון שקלאָוו...

— בעטי! — רופט זיך אָן די מוטער צו דער טאָכטער, וואָס זיצט די גאַנצע צייט איבער אַ בוך און חזר'ט, — בעטי! נישטאָ איהם נאָך, דעם שלימזל?

— זעהסט דו, מאַמע, איך האָב דיך געחאַפּט! אַבי דו זאָגסט, אַז דו האָסט ניט געזאָגט אויף איהם, אַז ער איז אַ שלימזל.

שרה שפּיראָ, וואָס איז געווען פערנומען מיט איין געדאַנק און האָט די גאַנצע צייט געטראַכט נאָר פון איין זאַך: וואָס פאַר אַ גרויסען גאָט מיר האָבען, האָט אַליין נישט געהערט, וואָס זי האָט נאָר-וואָס געזאָגט. האָט זי אַוועקגעשטעלט די אויגען אויף איהר טאָכטער, גלייך ווי יענע וואָלט גערעדט פון וועג.

— גאָט איז מיט דיר, בעטי! ווען האָב איך דען געזאָגט דאָס וואָרט „שלימזל"?

— מאַמעניו! — האָט זיך די טאָכטער צולאַכט — וואָס טוט זיך עס מיט דיר? אָט האָסט דו דאָך נאָר-וואָס געפרעגט: נישטאָ איהם נאָך, דעם „שלימזל"?

שרה האָט אַוועקגעשטעלט אויף איהר טאָכטער אַ האַלב שמייכלענדיג פּנים:

— בעטי, דו שלאָפסט? צי דו רעדסט פון היץ?

— ניין, מאַמעניו, דאָס רעדסט דו פון היץ, ניט איך.

אַ מינוט קוקען זיך די מוטער מיט דער טאָכטער אין די אויגען אַריין אָהן ווערטער, גרייט אויסצושיסען ביידע אַ געלעכטער. דערנאָך רופט זיך אָן די מוטער צו דער טאָכטער, אַלץ טראַכטענדיג איהר מחשבה, אַז ס'איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט:

— בעטי, דו ווערסט וואָס אַ טאָג אַלץ מעהר עזות-פּנים, כ'לעבען. עס איז שוין באַלד ניט אויסצושטעהן פון דיר. מעג מען זשע אַזוי צו רעדען מיט אַ מאַמע? אַי, בעטי, בעטי! מיר האָבען אַ גרויסען גאָט, הערסט דו... וואָס האָב איך דיר געוואָלט זאָגען? יאָ. איך האָב מיך דערמאָנט. טאָמער וואָלסט דו איהם אַ פרעג געגעבען אָט דעם שלימ... מיין איך, אָט דעם סטודענט, אפשר וואָלט געווען אַ סברה, אַז ער זאָל רעפּעטיטעווען מיט אייך ביידע, מיט דיר און מיט סיאָמקען?

— ניט רעפּעטיטעווען, נאָר רעפּעטירעווען, — פערריכט איהר די טאָכטער.

— לאָז זיין ווי דו זאָגסט. דו פערשטעהסט? מע בעדאַרף ניט קיין בעסערען רעפּעטיטאָר ווי ער איז. וואָרום זינט ער האָט זיך אַ נעם געגעבען, האָט סיאָמקע אויפגעהערט צו ברענגען פּיערען, נאָר פינפען. ער זאָל אַיינגעהן דערויף, דאָס הייסט, ער זאָל וועלען רע-

פעטיטעווען מיט אייךביידען...

— רעפעטירעווען, — פעררייכט איהר נאך א מאל די טאכטער, און די מוטער רעדט ווייטער:

— לאז זיין ווי דו זאגסט... וואלט איך ביי איהם ניט גענומען קיין געלד פאר קוואַרטיר.

— אזוי? טאקי באמת? דו ווילסט שוין האנדלען אפנים גאר א גרויסע מציאה, מאמע? דו פערגעסט, אז ער איז איין ארימער סטו-דענט, וואס לעבט פון שטונדען, און יעדע מינוט איז ביי איהם געלד. מע טאר ניט ווערען עקספלאאטירען די גאנצע וועלט.

די מוטער פיהלט, אז די טאכטער איז גערעכט, נאר עס פער-דריסט איהר, למאי זי לערנט א מאמע דרך-ארץ און למאי זי רעדט מיט איהר פון עקספלאאטירען. עס ווילט זיך איהר פרעגען ביי דער טאכטער, למאי רעדט זי ניט בעסער, אז זי רעדט שוין יא פון עקס-פלאאטירען, למאי רעדט זי ניט בעסער פון דעם, ווי מע עקספלאא-טירט איהר פאטער דעם בוכהאלטער, וואס מע האלט איהם דרייצעהן שעה אין מעת-לעת ווי איין ארעסטאנט און מע מאכט איהם אזוי נערוועז און משוגע, אז מע קאן שוין באלד מיט איהם אווארט ניט רעדען? נאר זי וויל ניט אריינלאזען זיך מיט דער טאכטער אין לאנגע חקירות, ווארום ערשטענס איז זי א גרויסער עזות-פנים, און צווייטענס פערשטעהט זי טאקי מעהר פון איהר מאמע. „דעם טאטענס קאפ אויף איהר, מיר פאר איהר שכל, ליכטיגער פנים!“...

אזוי טראכט זיך שרה שפירא, קוקט מיט ליעבשאפט אויף דער טאכטער און מאכט צו איהר ווייך:

— דו זאלסט זיין א מליץ-יושר פאר דער גאנצער וועלט, נאר נישט פאר דיין מאמע... דיך דארף ארען, טאמער וועט איין אדעסער סטודענט, חלילה, פערלירען א מינוט פון זיינע שטונדען, און פאר דיין ארימער מאמע, וואס וויל, אז איהרע קינדער זאלען לערנען, און האט ניט מיט וואס, זאל דיך ניט ארען, חס-ושלום, גארנישט. קיין ברעקעל אפילו. ניין. צו וואס?

ביידע, די מוטער און די טאכטער, זיצען א מינוט אהן ווער-טער. שרה'ן ווילט זיך אבער דורכפיהרען איהר פלאן. רופט זי זיך אן צו דער טאכטער גאר איבער א נייעס:

— הערסט דו, בעטי, איך האב מיך בעקלערט. וויבאלד ער זאל זיך אונטערנעהמען רעפעטיטעווען...

— רעפעטירעווען, ניט רעפעטיטעווען.

שרה שפירא חאפט זיך אויף מיט א גוואלד:

— וואס איז דאס פאר א גאטס-שטראף אויף מיר היינטיגען פריה־מארגען! אז וואס איך זאל ניט זאגען, און ווי אזוי איך זאל ניט זאגען, איז שלעכט! איין עק, לאז שוין זיין, ווי דו זאגסט! אז ער וועט זיך אונטערנעהמען רעפעטיטעווען מיט אייך ביידע, וואלט איך איהם געגעבען עסען אויך, טאקי מיט אונז ביי איין טיש.

— טאמער איז קארג, הייסט עס, וואס ער הערט פון זיין חדר'ל, ווי דו קריעגסט זיך טאג ווי נאכט מיט'ן טאטען...

— איך קריעג זיך טאג ווי נאכט מיט'ן טאטען?

— ווער דען? איך קריעג זיך? ווער רופט דער טאטע ביים טיש „בהמה", און „פערד", און „סאטעציג"?

— בעטי! דו זאלסט שוין בעסער אנשוויגען ווערען, וואלט געווען געזינטער, אבער טאקי אנשוויגען ווערען!

— אויף שטענדיג? ווילסט דו, הייסט עס, מאמע, איך זאל שטום ווערען, צי איך זאל שטארבען?

שרה שפירא האט אזש פערבראכען מיט די הענד:

— שטום און קרום זאלען ווערען אלע יודישע שונאים! נא דיר גאר איך וויל זי זאל שטארבען! די צונג בייס דיר אפ, טעכטערל מיינס! מע קאן שוין גאר מיט איהר קיין גלייך ווארט ניט אויסרעדען, גאט זאל ניט שטראפען פאר די רייד!

אין דער מוטערס קול הערען זיך טרערען. דער טאכטערס הארץ ווערט ווייכער:

— וואס זשע ווילסט דו, מאמעניו?

— איך וויל שוין גארניט. איין עק.

די מאמע ווערט ברוגז, וויל ניט רעדען מעהר, און די טאכטער לאשטשעט זיך צו איהר, גלעט זי און קושט זי אזוי לאנג, ביז זיי הייבען ביידע אן צו לאכען

— וועסט דו איהם זאגען, טאכטער?

— וואס זאגען?

— שוין פערגעסען! איך האב דאך דיך געבעטען, אז טאמער וויל ער רעפעטיטעווען מיט אייך ביידען, וועט איהם ניט קאסטען ניט קיין קווארטיר, ניט קיין קעסט. וועסט איהם זאגען, אז...

— איך וועל איהם זאגען, זאגען. לאז ער פריהער פארטיג

ווערען מיט זיך אַליין. לאָז מען איהם שוין פריהער צונעמען אין אוניווערסיטעט. היינט איז דער לעצטער טאָג ביי איהם.

— דער לעצטער טאָג?

— דער לעצטער טאָג.

עס לאָזט זיך הערען אַ קלונג פון דער דרויסען-טיר.

— אָ! ס'איז ער! — זאָגט בעטי, עטוואָס ווי רויט געוואָרען, און לאָזט זיך לויפען און קאַטשען זיך אַראָפּ פון אַלע טרעפּ מיט אַזאַ אימ-פּעט, אַז די מוטער חאַפּט זיך אָן ביים קאָפּ, און זי קעהרט זיך גאָלד אום צוריק צו איהרע פריהעריגע געדאַנקען, און מיט אַ זיפץ זאָגט זי צו זיך אַליין:

— מיר האָבען אַ גרויסען גאָט!...

## דאָס זיבעטע קאַפּיטעל.

## דער יום-הדין אין אוניווערסיטעט.

אין דער צייט, וואָס ביי די שפּיראָס אין שטוב איז פאָרגעקומען דער אויבנבעשריבענער געשפּרעך וועגן זייער נייעם קוואַרטיראַנט, איז דער קוואַרטיראַנט גופא געווען אין אוניווערסיטעט — געוואוירע ווערען, וואו ער האַלט.

דאָס איז געווען דער לעצטער טאָג — אַ יום-הדין פאַר יודישע סטודענטען. עס זענען געבליבען זעהר ווייניג פרייע וואַקאַנסיעס אויף העכער הונדערט קאַנדידאַטען, צווישען זיי אַ פּאָר צעהנדלינג מע-דאַליסטען, וואָס האָבען זיך צונויפגעזאַמעלט אין אַ בעזונדער גרופּע אין גרויסען קאָרידאָר פון אוניווערסיטעט און האָבען אויסגעזעהען ווי נאָוואָבראַנצעס, וואָס זענען געקומען זיך שטעלען צום פּריזיוו. מע ווייסט נאָך ניט, ווער פון זיי וועט געהן דיענען און ווער ניט. עס איז אַ גורל, אַ לאָטעריע.

אונזער גייציגער העלד, וואָס איז דורך אַ יונגעלשען קאַפּריז פון אַ קונדעס פערוואַנדעלט געוואָרען פון אַ גליקליכען, פרייען, גלייכ-בערעכטיגטען דוואָריאַנין גריגאָרי איוואַנאָוויטש פּאָפּאָוו אין אַ אָהנבע-רעכטיגטען שקלאָוער מעשטשאַנין הערש מאָושאָוויטש ראַבינאָוויטש, האָט ניט מיט אַמאָל, נאָר ביסלעכווייז אָנגעהויבען צו פערזוכען דעם אמת'ען טעם פון „אתה בחרתנו מכל העמים", דעם טעם פון געהן טאָג-טעגליך אין דער קאַנצעליאַריע פון אוניווערסיטעט, אָנקוקען דאָס בלאַסע אויסגעטריקענטע פּנים פונ'ם סעקרעטאַר, וואָס האָט פיינט אַ יודען, חאָטש ער בעהאַלט עס, און אויסהערען פון איהם אַלע מאָל די אייגענע חכמה: „הערש מאָושאָוויטש גאָספּאָדין ראַבינאָוויטש, איך קאָן אייך, ליידער, ביי מיין בעסטען ווילען, קיין גוטס נאָך אַלץ ניט אָנזאָגען..." דאָך האָט ער עס ניט געקאָנט פיהלען אַזוי, ווי דאָס

האָבען געפּיהלט זיינע באמת יודישע חברים, וואָס בלאָנזען אַרום ווי די שאָטענס אין די דאָזיגע גרויסע ווענט מיט די הויכע פענסטער. עפּיס רעדען זייערע איבערגעשראָקענע פּנימער — ער ווייסט ניט וואָס. עפּיס זאָגט איהם דער בלאָנזעדיגער קוק פון זייערע טרויעריגע יודישע אויגען — ער פערשטעהט נאָך ניט זייער לשון... ווען ער זאָל פער-שטעהן די דאָזיגע שפּראַך, וואָלט ער געקאָנט איבערלייענען כמעט אויף יעדענס פּנים די געשיכטע פון זיין לעבען, אַ טרויעריגע גע-שיכטע, אַ גאַנצע טראַגעדיע. אַ טראַגעדיע פון אַ נשמה, וואָס האָט זיך פון קינדווייז אָן געפּרעגעלט אויף אַ לאַנגזאַמען פייער פון דלות, עלענד, נויט, אונטערגעשלאָגען מיט אומזיסטען ראַטען-האַס, אַלערליי ער-נידערונגען און כל-המינים בעליידיגונגען מיט שלאַנגען-גיפט און סם-המות...

צווישען די דאָזיגע עלענדע און בעליידיגטע, צווישען די דאָזיגע „נאָוואָבראַנצעס-קאַנדידאַטען" האָט ראַבינאָוויטש סך-הכל צוויי בעקאַנטע: טומארקין און לאַפּידוס.

די בעקאַנטשאַפט מיט טומאַרקינען איז ביי איהם פאָרגעקומען מיט עטליכע טעג פריהער, טאַקי דאָ אויפ'ן אייגענעם פלאַץ, דאָס הייסט, אין הויף פון אוניווערסיטעט. טומאַרקין איז איהם פון דער ערשטער מינוט געפעלען געוואָרען פאַר זיין לעבעדיגקייט, ריהרעוודיגקייט און בערעדעוודיגקייט. אויף זיין בלאַס דורכזיכטיג פּנים שוועבט שטענדיג אַ שמייכעלע. די אויגען, האָטש זיי זענען איבערגעצויגען מיט אַ טרויעריג רויכעל, לאַכען שטענדיג. די שוואַרצע גלאַנצענדיגע הערלעך גרייזלען זיך ווי ביי אַ יונג שעפעלע. אפילו דאָס קליינע נאָר-וואָס אַרויסגעשפּראָצטע בערדעלע גרייזעלט זיך ביי איהם, און דערצו האָט ער אַ טבע, אַז ער רעדט אָדער ער טראַכט, גרייזעלט ער יעדעס הערעלע גיך-גיך מיט זיינע דינע ווייסע פינגער. לייגט צו צו דעם אַ ביסעל אַיין אויסגעבויגענע נאָז, אַ שטאַרק איינגעבויגענע פלייצע, אַ פאַפּירענע מאַנישקע, אַיין אָפּגעבליאַקעוועט האַלזטיכעל, אַיין אָפּגע-ניצט רעקעל, אויסגעטראָטענע שיך און אַיין אָפּגעבאַרעט היטעלע — און אָט האָט איהר אַייך אינגאַנצען דעם פּאָרטרעט פון דער דאָזיגער טראַגי-קאָמישער פיגור.

די ערשטע מינוט, אַז פּאָפּאָוו-ראַבינאָוויטש האָט איהם דערזעהען, האָט זיך איהם אָפּגעריסען אין האַרצען. עס האָט זיך איהם אויסגע-דאַכט, אַז דאָס איז יאָסקי דער פּאַפּיראָסניק מיט די דינע פינגער —

דער איינציגער יוד, וועלכען ער האָט געקענט אין זיין ניט-יודישער שטאָדט.

בעמערקט, אַז מע קוקט אויף איהם, איז טומאַרקין צוגעגאַנגען, אויסגעצויגען אַ דין ווייס הענטעל און מיט אַ שמייכעלע זיך פאָר-געשטעלט:

— טומאַרקין.

ערשט דאָ האָט פאָפּאָוו-ראַבינאָוויטש בעמערקט, אַז ער האָט אַ טעות געהאַט, און האָט זיך אויך פאָרגעשטעלט:

— ראַבינאָוויטש...

דערהערט דעם נאָמען ראַבינאָוויטש, האָט זיך טומאַרקין ווי דער-פרייט און גענומען רעדען מיט זיין נייעם בעקאַנטען גליין אויף יודיש:

— אחינו אַתה? שלום-עליכם. פון וואַנעט איז אַ יוד? וויפיעל האָט איהר? וויפיעל פעהלט אייך? און דער וויפיעלטער זענט איהר אין דער רייהע?

— איזוויניטיע, איהר רעדט אויף אַ שפּראַך, וואָס... וואָס איך פערשטעה זי ניט.

טומאַרקין איז אַזש אָפּגעשפּרונגען צוריק.

— אָבער איהר זענט דאָך אַ...

— אַ יוד? נו, פערשטעהט זיך. איך זאָל ניט זיין קיין יוד, וואָלט איך דאָך ניט געשטאַנען אָט דאָ... איך וואָלט שוין לאַנג געווען אָט דאָרטען...

ער האָט אַ ווייז געגעבען מיט דער האַנד אַרויף, וואו אויף אַייזערנע טרעפּ האָבען געקלעטערט איינס נאָך דאָס אַנדערע אַ גאַנצע רייהע פון גליקליכע שוין פערשריבענע סטודענטען, אייניגע שוין מיט ביכער אונטער די אָרעמס. עס איז איהם אויסגעקומען נאָך אַ מאָל אויסטראַכטען אַ ליגען, אַז ווייל ער האָט געלערנט אין אַ רוסישער שטאָדט, ווייט פון די עלטערן, האָט ער אינגאַנצען פערגעסען יודיש רעדען... און בעת-מעשה האָט איהם געפלאַמט דאָס פּנים, וואָס טומאַרקין האָט אָנגענומען פאַר אַ סימן, אַז ער שעמט זיך דערמיט, וואָס ער האָט פערגעסען יודיש רעדען. האָט ער איהם גענומען אויס-רעדען דאָס האַרץ: וואו ווערען אונזערע יודען בישט פערוואָרפען? און וועמען געהט עס אָן — קאָנסט יאָ רעדען יודיש, קאָנסט ניט רעדען יודיש, קוים ביסט דו אַ יוד, ביסט דו מחויב טראָגען דעם גלות און אויסשטעהן אַלסדינג, וואָס אונז איז אָנגעצייכענט געוואָרען.

ראַבינאָוויטש האָט געפּיהלט, ווי עס ברענט איהם דאָס פּנים, און טומאַרקין האָט ניט אויפגעהערט איהם צו טרייסטען:

— נאַרישקייטען! איהר דאַרפט זיך ניט שעמען דערמיט, וואָס איהר פערשטעהט ניט מאַמע-לשון. איך שטעל עס מיר פּאָר גאַנץ פּשוט. איהר זענט געבוירען געוואָרען אין אַ גויישער שטאָדט, אויס-געוואַקסען צווישען קריסטען, און, מסתּמא, אָהן עלטערן, און ווי איך פערשטעה, איז בּישטאָ קיין שום זאַך, וואָס זאָל אייך צובּינדען צו אייער יודישקייט — אויסער אייער נאָמען ראַבּינאָוויטש — און דאָך שטעל איך אייך אַוועק אַ סך העכער פון די, וואָס קאָנען ניט אויסשטעהן דעם נסיון און וואַרפען זיך מיט צוגעמאַכטע אויגען אין וואַסער אַריין, אַנטלויפען פון די געפּייניגטע צו די פּייניגער. אָ! אויף זיי בין איך גזלן! די דאָזיגע לייט וואָלט איך צוריסען אויף שטיקלעך! זעהט איהר אָט אָ יענעם פראַנט מיט'ן טשאַקענדיגען שטעקעלע? לאַפּידוס איז זיין נאָמען. דאָס איז איינער פון די דאָזיגע פערדאַמטע טרוסען, וואָס אַנטלויפען ביי דער ערשטער געפאַהר, וואָס זענען גרייט צו פערקויפען זייער געוויסען, זייער פאָלק, זייער גאָט צוליעב דער קאַריערע... שאַט! ער געהט אַהער, צו אייך, ווייזט אויס. איהר זענט מיט איהם בעקאַנט? איך וואָלט אייך געעצה'ט, איהר זאָלט מיט איהם זיין פון דערווייטען... ווארום אַחוץ וואָס ער איז אַ קאַנדידאַט אויף שמד'ען זיך, איז ער נאָך, האָב איך מורא, אַ שטיקעל פּראָוואָקאַטאָר אויך...

## דאָס אַכטע קאַפּיטעל.

## טומאַרקין און לאַפּידוס.

טומאַרקין ווערט פערשוואונדען, און אויף זיין אָרט וואַקסט אויס לאַפּידוס, דער פּראַנט מיט'ן טשאַקענדיגען שטעקעלע.

— וואָס הערט זיך עפּיס ביי אַייך, ראַבינאָוויטש? נישטאָ באַך קיין נייעס? איך האָב געהערט, אַז מיט פינף צוועלפטלעך וועט ניט צריין איינער אַפּילו... וואָס האָט גערעדט מיט אַייך אָט דער פּאַנאַטיק?

— וועלכער פּאַנאַטיק?

— אָט דער שוואַרצער קאָטער מיט די גרייזעלעך... אָנקוקען קאָן איך זיי ניט, אָט די ציוניסטען!

— וואָס האָט איהר צו די ציוניסטען? — פרעגט איהם ראַבינאָוויטש, אַליין ניט צו וויסען אַקוראַט, וואָס איז אַזעלכס „ציוניסטען”.

— איהר קענט זיי דען נישט? איהר ווייסט ניט, אַז זיי זענען שאָוויניסטען, וואָס וואָלטען וועלען, אַז אַלע זאָלען דענקען אָט דאָס וואָס זיי?...

חאָטש די דאָזיגע בעקאַנטשאַפט איז געשלאָסען געוואָרען גאָר ניט לאַנג, אי דאָס פּאַרבייגעהענדיג, פונדעסטוועגען האָט לאַפּידוס אָנגענומען ראַבינאָוויטשען פאַר'ן קנעפּעל, גאַנץ יודישליך, און האָט גענומען שיטען פעך און שוועבעל אויף טומאַרקינען און אויף אַלע ציוניסטען, רעדען וואָס אין דער קאָרט, המנ'ס מסירות:

— אָנקוקען קאָן איך זיי, ניט אָט די צבוע'קעס, גאָטס סטריאַפּטשעס, וואָס נעמען זיך אָן די קריוודע פונ'ם רבונו-של-עולם! ס'איז זייער עסק, וואָס טאָמער האָבען זיך געטויפט עטליכע אומגליקליכע קינדער, צוליעב דעם, זיי זאָלען זיך אויפהערען אַרומדרעהען אָט דאָ אין דרויסען, ווי איך מיט אַייך... איך פרעג אַייך, וואָס און צוליעב וואָס ליידען מיר טאַקי, איך און איהר? הי? און ביז ווי לאַנג באַך

וועלען מיר זיך אָט אַזוי אַרומבלאָנקען, איך מיט אײַך, הי?
אויסגעצוואָגען און אויסגעקעמט, אויסגעפּוצט פון דער נאָדעל אַרויס, אויגען בלויע, ברעמען הויכע, אַ בערדעלע אַ געלס, אונטער-געשפּיצט, ווייסע צייהן, אַ פּיסקעלע ווי אויף שרייפעלעך, און אַז ער רעדט, לאָזט ער אויס מיט אַ „הי", וואָס דאַרף בעדייטען „האַ"? — דאָס איז לאַפּידוס.

*

*

דעם דאָזיגען פריהמאָרגען איז לאַפּידוס געוועזן זעהר-זעהר ניט אויפגלעגט. ער האָט געזוכט אויף וועמען אויסצוגיסען זיין צאָרן, און איז געוועזן צופרידען, וואָס האָט זיך אונטערגעחאַפּט טומאַרקין דער ציוניסט... באמת איז ער געוועזן אויפגעטראָגען ניט אויף טומאַרקינען און ניט אויף די ציוניסטען, וואָס האָבען איהם גאָרניט געטאָן. זיין כּעס האָט זיך גענומען פון אַיין אַנדער שורש. לאַפּידוס האָט געהאַט פּאַרוואָס צו זיין אויפגערעגט. ערשטענס, פּאַרוואָס ער האָט ניט קיין מעדאַל. צווייטענס, פּאַרוואָס מע נעמט איהם ניט אַריין אין אוניווערסיטעט. דריטענס, פּאַרוואָס ער דאַרף זיך שמדען, און קאָן ניט צוליעב דער מאַמע. זיין מאַמע וועט דאָס נישט איבערטראָ-גען — ער ווייס עס פּאַר געוויס — און סוף-כּל-סוף וועט ער עס מוזען טון... לאַפּידוס האָט, נעבאַך, געזוכט עמיצען, פּאַר וועמען ער זאָל חאָטש קאָנען זיין האַרץ אויסגיסען, און געפונען זיין נייעם בעקאַנטען ראַבינאָוויטשען, וועלכער איז איהם געפעלען דערמיט, וואָס חאָטש ער האָט אַ יודיש אויסזעהען, האָט ער אָבער ניט קיין יודישע טבע אַריינקריכען אײַך מיט די שטיוועל אין דער נשמה אַריין.

— גוט איז אײַך, ראַבינאָוויטש, איהר האָט אַ מעדאַל און זענט בעוואָרענט, אַז איהר וועט אַריין. פּרובט אָבער זיין אויף מיין אָרט. איך האָב אַ מאַמע אַיין אַלטע און אַ שוועסטעכל, און ביידע זענען זיי אויף מיינע פּלייצעס, און זייער גאַנצע האָפענונג איז אויף מיר, טאָמער וועל איך אַמאָל ענדיגען, זיין אַ דאָקטאָר. דערווייל דאַרפען מיר אַלע דריי לעבען דערפון, וואָס איך גיב אַ שטונדע ביי אַ רייכען קריסט, אי דאָס בסוד-סודות, וואָרום טאָמער ווערט מען געוואָהר אין גימנאַזיע — איז הימעל עפען זיך! איך ווייס ניט, אויב אַיין אַנדערער

אויף מיין אָרט, לאָמיר נעמען אַפילו אָט דעם טומאַרקינען, אויב ער וואָלט זיך שוין לאַנג ניט געשמדט, און ווער וואָלט עס גאָר געקאָנט וואַגען זאָגען אויף איהם אַ שלעכט וואָרט? וואָס וואָלט איהר געזאָגט דערויף — הי?

וואָס וואָלט ער זאָגען דערויף? ער ווייס אַליין ניט. ער שטעהט נאָר און בעטראַכט די דאָזיגע אַלע טומאַרקינס און לאַפּידוסעס, וואָס זייער גאַנץ לעבען איז, ווי עס ווייזט אויס, נאָר אַ מעדאַל... אַלע וואָלטען זיי וועלען האָבען מעדאַלען. אַפילו זיין בעל-הבית׳טע, די פרוי שפּיראָ, זעהט שטענדיג אין חלום נאָר אַ מעדאַל פאַר איהר סיאָמ-קען, און דוקא אַ גאָלדענע מעדאַל — אַ מאָדנע פאָלק דאָס איז! גלייך ווי אויסער גימנאַזיע, אויסער מעדאַל, אויסער אוניוועריסיטעט איז פאַר זיי מעהר קיין אינטערעס נישט פאַרהאַן... גלייך ווי אויף יענער זייט אוניווערסיטעט ענדיגט זיך שוין פאַר זיי די גאַנצע וועלט — אַ מאָדנע, אַ מאָדנע פאָלק!...

און ראַבינאָוויטש דערמאָנט זיך, אַז בעת ער איז נאָך געוועזען פּאַפּאָוו, ניט ראַבינאָוויטש, האָט ער געהאַט אַ אַנדער בעגריף וועגען דעם דאָזיגען פאָלק. ער האָט געהערט, אַז פאַר דאָס יודישע פאָלק איז פאַרהאַן נאָר איין הייליגע זאַך אויף דער וועלט, און די דאָזיגע זאַך איז געלד!

פּלוצים האָבען זיך אַלע, דאָס גאַנצע בינטעל קאַנדידאַטען, מע-דאַליסטען און ניט-מעדאַליסטען, געגעבען אַ ריס אָפּ פון אָרט און אַ לאָז צו דער טיר פון דער קאַנצעליאַריע. וואָס איז געשעהן? — דער סעקרעטאַר איז געקומען. היינט איז אַ יום-הדין, היינט איז דער לעצ-טער טאָג. היינט וועט מען שוין וויסען אַקוראַט, ווער עס איז צוגע-נומען און ווער ניט. און עס ווערט מיט אַ מאָל אַ בהלה, אַ טומעל. אַ גאַנצע מאַה, און אפשר מעהר, יודישע יונגעלייט פון אַלערליי קלאַסען און אויסזעהען האָבען זיך אַריינגעפּאַקט אין אַ ענגען חדר און אַלע האָבען זיך אַרויפגעוואָרפען, געבאַך, אויף איין מענשען, אויפ׳ן סעקרעטאַר פון אוניווערסיטעט, אַ פאַרשוין אַ בלאַסער, איין אויסגע-ווייקטער, ווי אַ לימענע. אָט באַלד וועט מען איהם צוטראָגען די ביי-נער. איטליכער האָט עפּיס צו זאָגען און יעדער וויל וויסען וואָס פריהער.

אונזער ראַבינאָוויטש איז געווען איינער פון די לעצטע, וואָס האָבען זיך געקאָנט דערשלאָגען צום סעקרעטאַר, דער סעקרעטאַר מיט׳ן

בלאָס אויסגעווייקטען פּנים, אַראָפּגעלאָזט די אויגען אַראָפּ, האָט איהם ווי אַלעמען אַ פרעג געגעבען קורץ און טרוקען:

— אייער נאָמען?

— ראַבּינאָוויטש.

דער סעקרעטאַר האָט גענומען גרעבּלען זיך צווישען אַ פּאַק פּאַפּירען און אַ זאָג געגעבען מיט אַ קוועטש:

— ראַבּינאָוויטש הערשקאָ מאָושאָוויטש? ווילט איהר פערנעמען אַייערע פּאַפּירען באַלד, צי מע זאָל אַייך זיי אָבשיקען דורך פּאָליציע?

— טאָ יעסט קאַק? — האָט איהם ראַבּינאָוויטש איבערגעפרעגט אַזוי איבערראַשט, גלייך ווי ער וואָלט ניט פערשטאַנען, וואָס מע רעדט צו איהם.

דעם סקרעטאַרס בלאַס אויסגעווייקט פּנים איז נאָך געוואָרען מעהר אויסגעמוטשעט, און ווי אַ זאָג געגעבען: „וואָס ווילען האָבען פון מיר אָט די אַיינגעגעסענע יודען?" ווי ווייט מעגליך ווייך האָט איהם דער סעקרעטאַר געגעבען צו פערשטעהן, אַז ער קאָן צונעמען צוריק זיינע פּאַפּירען, וואָרום צו זיין נומער איז ניט אָנגעקומען; דאָס צונעמען פון יודען, לויט פּראָצענט-נאָרמע, האָט זיך געענדיגט...

— האָט איהר עס פערשטאַנען, גאָספּאָדין הערש מאָושאָוויטש ראַבּינאָוויטש, צי נאָך ניט?

נישט בעקומען קיין ענטפער, האָט זיך דער סעקרעטאַר געווענדט שוין צו אַיין אַנדערען, אויך אַ יודען:

— אַייער נאָמען?

און צו ראַבּינאָוויטשען האָט ער אַ וואָרף געגעבען פאַרביי-געהענדיג:

— איהר קאָנט געהן. אַייערע פּאַפּירען וועט איהר בעקומען דורך פּאָליציע...

## דאָס נייענטע קאַפּיטעל.

## דרייצעהן מעדאַליסטען.

די ערשטע מינוט, אַז אונזער פּאָפּאָוו-ראַבינאָוויטש איז געוואוירע געוואָרען, אַז ער איז פערבליבען הענגען אין דער לופטען, האָט ער זיך געפיהלט מאָדנע ניי... ער האָט קיין צייט ניט געהאַט נאָך רעכט בעטראַכטען די לאַגע, זיך אָפּגעבען דין-וחשבון, אַרומצוקוקען זיך, וואו ער איז אין דער וועלט, און האָט זיך בעגעגענט מיט זיינע נייע בע-קאַנטע. פריהער מיט'ן אויסגעפּוצטען לאַפּידוסען, דערנאָך מיט'ן טראַגי-קאָמישען טומאַרקינען.

— נו? — האָט איהם לאַפּידוס אָפּגעשטעלט מיט אַ ביטער געלעכ-טערל און אָנגענומען ביים אַרבעל און אַריינגעקוקט איהם אין די אויגען אַריין, גלייך ווי ער וואָלט שוין געוואוסט, אַז ראַבינאָוויטש איז בישט קיין צוגענומענער, און גלייך ווי ער וואָלט געווען דערפון העכסט צופרידען. — וואָס האָב איך אייך געזאָגט, חי? טאַקי כדאי געווען אייך צו האָרעווען אַכט יאָהר, דערשלאָגען זיך צו אַ מעדאַל!... ניין, איך וועל אַנדערש טון. איך וועל זיך מיט זיי אָפּרעכענען! זיי זאָלען אַפילו אויפלויפען, וועל איך זיין אַ סטודענט! און אַחוץ דעם, וואָס איך אַליין וועל אַריין אין אוניווערסיטעט, וועט מען צוליעב מיר מוזען צונעמען נאָך אַ יודען, אין אפשר טאַקי אייך, ראַבינאָוויטש, ווי מיינט איהר, חי?

לאַפּידוס האָט געזעהן נאָך ראַבינאָוויטשעס קוקען אויף איהם, אַז ער הייבט ניט אָן צו פערשטעהן, ווי אַזוי וועט ער, ראַבינאָוויטש, קאָנען צוליעב איהם, לאַפּידוסען, אַריינטרעטען אין אוניווערסיטעט אַריין? האָט ער איהם אָנגענומען ביים קנעפּעל און גענומען איהם אויסברייהען אַ גאַנצע טעאָריע פון פּראָצענט-נאָרמע.

דער פּשט האָט בעדאַרפט זיין אַזוי: אין אוניווערסיטעט ווערען

יודען אָנגענומען לויט רעכענונג פון 10 %. אַלזאָ, מאַכט עס אויף נייען ניט-יודען מוז מען צונעמען איינעם אַ צעהענטען אַ יודען. און אַזוי ווי ער, לאַפּידוס, איז געוואוירע געוואָרען פונ'ם חשבון, אַז עס פעהלט אַ נייענטער קריסט, בכדי מע זאָל קאָנען צונעמען אַ צעהענטען אַ יודען, על-כן וועט ער, לאַפּידוס, זיין דער דאָזיגער נייענטער, בכדי ער, ראַבינאָוויטש, זאָל זיין דער צעהענטער...

די דאָזיגע קונציגע קאָמבינאַציע איז לאַפּידוסען אַזוי שטאַרק געפעלען, אַז ער האָט זיך אַליין, מיט אַ פּאַטש אין שטערן, געמאַכט אַ קאָמפּלימענט, אַז ער, לאַפּידוס, האָט אַ קעפּעלע.

— אָבער איאָ איין איינפאַל, חי? — האָט ער אַ פרעג געגעבען ביי ראַבינאָוויטשען און נישט בעקומען דערויף קיין שום ענטפער, ווארום ראַבינאָוויטש איז געווען פערנומען מיט זיין צווייטען בעקאַנטען, מיט טומאַרקינען, וואָס איז געשטאַנען אין אַ רעדעל יונגעלייט און געוואונקען צו איהם פון דערווייטען, ער זאָל צוגעהן. ראַבינאָוויטש האָט זיך ענטשולדיגט פאַר לאַפּידוסען און איז צוגעגאַנגען צו טומאַרקינען, וועלכער האָט איהם פאָרגעשטעלט פאַר זיינע חברים:

— אָט האָט איהר נאָך אַ קרבן... אויך אַ מעדאַליסט. פּראָשו ליוביט אי זשאַלאָוואַט. אַ וואַרימער יוד, חאָטש ער פערשטעהט ניט אַ וואָרט יודיש, נישט קוקענדיג אויף זיין יודישען נאָמען ראַבינאָוויטש.

— איין אמת'ער פענאָמען! — האָט זיך אָנגערופען איינער פון דער קאָמפּאַניע, אַ בחור פון פינסק, מיט אַ ענערגיש-קלוג-פרישטשעוואַטע פנים און מיט אַ ווייסען זומערדיגען אַנצוג, וואָס האָט זיך ניט געפּאַסט ניט צום סעזאָן, ניט צום פנים. — אַ יוד, הערט זיך איין, וואָס הייסט ראַבינאָוויטש און פערשטעהט ניט אַ וואָרט יודיש, מעג מען אַרויסשטעלען אויף חדושים אָדער בעווייזען פאַר געלד אויף בילעטען, ווארום לאָמיר זיך וועטען אויף וויפיעל איהר ווילט, אויב עס וועט זיך געפינען צווישען הונדערט און דרייסיג מיליאָנען גוים איין גוי, וואָס זאָל הייסען פּאָפּאָוו און זאָל ניט פערשטעהן קיין וואָרט רוסיש, סיידען אַ שטומער פון געבוירען.

דער וויץ פונ'ם פינסקער בחור איז געווען אַרויסגעוואָרפען. עס איז קיינעם ניט געווען אין זינען איצטער צו לאַכען. אַלעמענס געדאַנקען האָבען זיך אין דער מינוט געדרעהט נאָר אַרום אוניווערסיטעט, גאָרמע, מעדאַל, וואַקאַנסיע און ווידראַמאָל אוניווערסיטעט.

אויב עס איז יאָ געווען איינער, וואָס איז פון דעם וויץ גע-

וואָרען ווי איבעררא͏ַשט, איז דאָס געווען ראַבינאָוויטש, און ניט אַזוי פונ׳ם וויץ, ווי פון דעם, וואָס איז געבראַכט געוואָרען אַלסביישפּיעל גראָד זיין נאָמען... וואָס איז איהם איינגעפאַלען גראָד פּאָפּאָוו, פאַר-וואָס ניט איוואַנאָוו? סידאָראָוו?...

לאַנג טראַכטען אָבער האָט מען איהם ניט געלאָזט. טומאַרקין האָט איהם געגעבען צו וויסען, אַז ס׳איז געבליבען איצט נישט מעהר ווי איין וועג: אַלע מעדאַליסטען זאָלען זיך צונויפלייגען און אַוועקשי-קען אַ גוטע, אַ וואַרימע טעלעגראַמע צום מיניסטער, און טאַקי שוין, און טאַקי באַלד.

— יודען! וויפיעל זענען מיט דאָ? — האָט טומאַרקין אַ פרעג גע-געבען, און גענומען מיט׳ן קליינעם ווייסען הענטעל צו צעהלען: — ניט איינס, ניט צוויי, ניט דריי, ניט פיער... נייען, צעהען, עלף, צוועלף, דרייצעהן. דרייצעהן מעדאַליסטען!

— דרייצעהן? — האָט אונטערגעהאַפּט דער פינסקער בחור. — נישט קיין גוטער מספר!... איך האָב מורא, אַז איינער פון אונז, הערט זיך איין, וועט זיך מוזען שמדען...

אויך דער דאָזיגער וויץ איז געווען אַרויסגעוואָרפען. קיינער האָט איהם אַפילו מיט קיין שמייכעל ניט בעשענקט. דעם מיניסטער אַ טע-לעגראַמע איז אפשר אַ שטיקעל פּלאַן, נאָר עס בייסט זיך. די גרעס-טע העלפט פון דער קאָמפּאַניע זענען אַזעלכע, וואָס ניט נאָר אויף אַ טעלעגראַמע — אויף אַ גלעזעל קאַפע צו בעצאָהלען איז אַמאָל אַ שווער שטיקעל גמרא...

— וואָס דאַרף עס קאָסטען, און וויפיעל וועט זיך עס אָנגעמען אויף אַ קאָפּ? — האָט זיך אָנגערופען איינער אַ בחור׳ל מיט אַ הונגעריג פנים און מיט איבערגעשראָקענע אויגען.

— איך נעם אויף זיך די טעלעגראַמע! — האָט זיך אַרויסגעהאַפּט ראַבינאָוויטש און איז רויט געוואָרען, ווארום אַלע צוועלף פּאָר אויגען האָבען אַ קוק געגעבען אויף איהם נייגעריג, און דער פינסקער בחור האָט זיך ניט געקאָנט איינהאַלטען, האָט איהם אַרייגעקוקט אין די אוי-גען אַריין און האָט זיך צעוויצעלט:

— הערט זיך איין, פון וואָסערע ראַבינאָוויטשעס זענט איהר דאָס אייגענטליך? און וואָס געהער זיך אָן מיט אייך, למשל, לעוו בראָד-סקי? וועלכע אַקציעס געבען מעהר דיווידענד, און אין וואָס פאַר אַ באַנק רעכענט איהר איז גליכער, איך זאָל מיר עפענען אַ טיעקושטשע סטשאָט,

אַ גליק, וואָס די אַלע חכמות זענען געזאָגט געוואָרען אין יודיש, אין דעם לשון, וואָס ראַבינאָוויטש פערשטעהט ניט. אַניט וואָלט ער גאָר פערשעמט געוואָרען.

— עס געהט ניט אין דעם, — האָט זיך טומאַרקין אָפּגערופען — וויפיעל די טעלעגראַמע דאַרף קאָסטען און ווער ס'זאָל צאָהלען. צאָהלען וועלען אַלע, ווער עס קאָן צאָהלען, און ווער עס קאָן ניט — וועלען פאַר איהם די חברים בעצאָהלען. דער עיקר איז, וואָס פאַר אַ טעלעגראַמע דאָס דאַרף זיין, און וואו מיר זאָלען זיך צונויפקלויבען? איך וואָלט געזאָגט, מיר זאָלען געהן אַלע גלייך פון דאַנען אין דער ביליגסטער קיך פון די וועגעטעריאַנצעס. חברים, וואָס ווערט איהר זאָגען דערויף?

— צו די וועגעטעריאַנצעס, צו די וועגעטעריאַנצעס! — האָבען אונטערגעהאַפּט עטליכע קולות, און אונזער'ע אַלע דרייצעהן מעדאַליסטען האָבען זיך געלאָזט געהן צו די וועגעטעריאַנער.

## דאָס צעהנטע קאַפּיטעל.

### ביי די וועגעטעריאַנער.

אָפּגעגעסען אַ גאַנץ פיינעם אָנבייסען און געפונען, נאָכ'ן חשבון, וואָס מע האָט זיי דערלאַנגט, אַז די אידעע פון וועגעטעריאַניזם איז טאַקי אַ זאַך, וואָס איז כּדאי צו פּראָפּאַגאַנדירען אין דער וועלט, נישט נאָר צוליעב דעם געדאַנק פון ניט עסען דבר-מן-החי — וואָס דאָס אַליין איז אַ גרויסע זאַך — נאָר אויך צוליעב דעם, וואָס איז מעהר איינגענעהמען און מעהר צוגעגליך פון אַלע פליישיגע פּרעסערייען, האָט מען צו-נויפגעשטעלט אַ גאַנץ פיינע טעלעגראַמע צום מיניסטער פון העכער הונדערט ווערטער. דערנאָך האָט זיך דער רעדעלפיהרער פון די דריי-צעהן מעדאַליסטען, טומאַרקין, אויפגעהויבען פון אָרט, גרויסאַרטיג אָנגעגאָסען זיך פון קאַראַפין אַ פולען באָקאַל מיט וואַסער און אָפּגע-האַלטען, אפילו אויף רוסיש, נאָר שטאַרק האָרחלענדיג אויף דער רי"ש, אַ ספּיטש, וועלכען מיר זעצען איבער אין אונזער יודיש לשון וואָרט אין וואָרט:

— חברים! אַז דרייצעהן יודישע מעדאַליסטען, וואָס זענען גע-בליבען אין דרויסען, ניט געקאָנט, איבער זייערע גרויסע זינד, אַריין אין טעמפּעל פון וויסענשאַפט דערפאַר, וואָס זיי קומען אַרויס פון אברהם יצחק ויעקב, אַז אַזעלכע דרייצעהן העלדען, זאָג איך, קומען זיך צונויף אין אַ וועגעטעריאַנישען רעסטאָראַן צו לעבען אַ גוטען טאָג, מעג איך מיר ערלויבען צו טרינקען אַ טאָאַסט פון אַזאַ משקה, וואָס וויפיעל מע זאָל ניט טרינקען, קאָן מען זיך ניט איינשיכּורען.

איך וויל זאָגען, אַז אָט דער באָקאַל און אָט די ניכטערע משקה איז אַ סימבאָל פון דער אָפּגעזונדערטער אומה, פון דעם ניכטערען פאָלק, וואָס מיר אַלע דרייצעהן געהערען צו דעם און ווילען זיך מיט דעם

ניט שיידען, האָטש מיר ליידען איבער דעם און טראָגען איבער צרות מיט קלעפּ, מיט יסורים און מיט בזיונות, מע קאָן זאָגען, פון זינט מיר זענען צו אונזער שכל געקומען ביז צו היינטיגען טאָג. ניין! מיר ווילען זיך מיט אונזער פאָלק ניט שיידען! און איך געה נאָך ווייטער. איך זאָג: מיר קאָנען זיך ניט שיידען, מיר זאָלען אפילו ווען.

איך וואָלט אייך געקאָנט ברענגען, חברים, אַ סך ראיות און משלים פון אונזער האַלטען זיך אין יודישקייט. נאָר למאי זאָלען מיר געהן ווייט, אַז מיר האָבען דעם ביישפּיעל אַזוי נאָהענט? אָט געפינט זיך צווישען אונז, דרייצעהן מעדאַליסטען, איינער אַ חבר פון טיעף רוס-לאַנד, אַ יוד, וואָס פערשטעהט ניט אַ וואָרט יודיש — האָטש אַ נאָמען טראָגט ער אַ יודישען — איך וואָלט געזאָגט שוין צו אַ יודישען, וואָרום וואָס קאָן נאָך זיין אַ מעהר יודישער נאָמען ווי דער נאָמען ראַבינאָ-וויטש? — און אַנו, פרעגט איהם אַקאָרשט, וועלכס האַלט איהם אויף אין זיין יודישקייט? וואָס האַלט איהם אָפּ פון צו מאַכען אַיין שריט, נאָר איין שריט, ער זאָל פּטור ווערען אין איין טאָג פון אַלע צרות, יסורים און בזיונות? אָסור, אויב ער אַליין וועט אייך קאָנען געבען אַ קלאָרע, אַ ריכטיגע תשובה!...

ווילט איהר, אַז איך זאָל אייך זאָגען, וואו ליגט דער דאָזיגער כח? ווילט איהר, איך זאָל אייך אָנווייזען, וואו געפינט זיך די קראַפט, וואָס האַלט אונז אַזוי שטאַרק איינגעיינעם שוין אַזוי פיעל צייט?

איך האָב מורא, אַז דער כח ליגט ניט אין אונז, נאָר אויסער אונז.

דאָס, וואָס מיר האָבען זיך אַזוי פער'עקשנ'ט און שטופען זיך אַלע צום ברונען פון תורה, ליכטיגקייט און וויסענשאַפט, און ווילען אַלע דוקא זיין געבילדעט — זענען ניט מיר שולדיג, נאָר די, וואָס לאָזען אונז ניט צו, די, וואָס רייסען אונז אָפּ, טרייבען אונז מיט שטעקענס. אַנו, לאָזען זיי נאָר עפענען טיר און טויער — וועט איהר זעהען, אַז ביי אונז וועט באַלד אָפּפאַלען דער חשק צו השכלה... אַנו, לאָזען זיי אונז נאָר צווינגען מיט גוואַלד, מיר זאָלען געהן לערנען — וועט איהר זעהען, ווי עס וועט ביי אונז באַלד אָפּגעקיהלט ווערען...

איהר מעגט אייך האַלטען מיינע ווערטער פאַר אַ פּאַראַדאָקס און קאָנט אייך לאַכען נאָך שטאַרקער ווי איהר לאַכט. נאָר איך זאָג אייך

נאָך אַ מאָל: דאָס ברענען צום לערנען איז ביי אונז נאָר דערפאַר, ווייל מע לאָזט אונז ניט.

עס געהט אַרום אַ וויץ, אַפילו זעהר אַ באַנאַלער, נאָר אַ ריכ-טיגער. עס זאָל אַרויס, למשל, אַ זאַקאָן, אַז פו״ם ערשטען יאַנוואַר אָן וועט מען זיך ניט טאָרען שמדען, וועט דעם 31 דעקאַבר פאַר-נאַכט זיין פערפלייצט די וועלט מיט משומדים!...

חברים! עס איז אַ וויץ, אַ באַנאַלער, אַ נאַרישער וויץ, נאָר אַ ביטערער אמת! איהר קוקט זיך נאָר צו, ווי אונזערע ברידער לויפען זיך שמדען הייגטיגס יאָהר מעהר ווי אַלע מאָל. ווייסט איהר איבער וואָס? איבער דעם, ווייל עס לאָזען זיך הערען גזרות אויף משומדים... זיי האָבען מורא, טאָמער וועט מען שוין באַלד ניט טאָ׳ען... טאָמער וועט אַרויס אַ פּראָצענט-נאָרמע אויף שמד...

חברים! רעד איך פון די דאָזיגע לייט, וואָס האָבען פערלוירען אַלסדינג, וואָס הייליג איז, און וואָס זענען גרייט פערקויפען זייער אייגענע נשמה, צינדט זיך אָן אין מיר אַ פייער, און איך האָב ניט געגנוג ווערטער זיי צו פערדאַמען! מע זאָגט מיר וועגען פאַנאַטיזם. מע דערמאָנט מיר דאָס וואָרט רחמנות. מע וויל זיי ריינוואַשען, פערענטפערן, געפינען אַ זכות אויף זיי, ווי ביי אונז אין תלמוד שטעהט: „אל תדין את חברך — זאָלסט ניט משפטען דיין חבר, עד שתגיע למקומו — ביז דו ביסט ניט געוועזן אין זיין שטאַנד״...

דערויף וועל איך אייך ענטפערן, אַז אויב די דאָזיגע, וואָס אַנטלויפען פון אונז אין אַזאַ ביטערער צייט צוליעב זייערע פּעל-אינ-טערעסען, צוליעב זייערע קאַריערען, פערדיענען נאָך אפשר ביי אונז אַמאָל רחמנות, זענען אָבער זייערע אַפּאָטראָפּסים, וואָס ווילען אויף זיי מלמד זכות זיין, ניט ווערט, וואָס די ערד טראָגט זיי! און אויב אונ-זער פערייאָמערט פערייאָגט פאָלק איז מחויב צו האַלטען זיך דוקא אין אַזאַ ביטערער צייט וואָס שטאַרקער אין זיין יודישקייט, זענען מיר, די יוגענד, דאָס מחויב אוודאי און אוודאי!

דעריבער טרעטען מיר אַרויס אַזוי שאַרף און דאַרפען אַלע מאָל אַרויסטרעטען קעגען יענע פון אונזערע חברים, וואָס לאָזען אונז איבער אַליין אין פעלד, מיר זאָלען מלחמה האַלטען מיט די וויסטע פינסטע-רע אומשטענדען. מיר שרעקען זיך אָבער וויניג וואָס פאַר דעם, וואָס אונזער צאָהל ווערט קלענער. אויב מיר ווערען וויניציגער אין צאָהל, ווערען מיר אָבער שטאַרקער אין גייסט, און מיר פיהרען אונ-

זער קאַמפּף מיט נאָך מעהר שטאָלץ און מיט נאָך מעהר פרישקייט, ווי מיר האָבען איהם געפיהרט ביז אַהער, און וועלען ניט אַוועקלייגען אונזער געוועהר פאַר קיין פאַל!

אונזער געוועהר איז פון תמיד אָן געווען און וועט זיין: דאָס בוך.

איך טרינק, חברים, פאַר אונזער אייביג געוועהר, פאַר'ן בוך, און פאַר אונזערע העלדען, וואָס שרעקען זיך ניט איבער און מידען זיך ניט אַיין און לייגען ניט אָפּ דאָס געוועהר.

עס לעבע דאָס בוך! הורראַ! הורראַ!...

## דאָס עלפטע קאַפּיטעל

## אַלע דריי האָבען געלאַכט

חאָטש די דרייצעהן מעדאַליסטען האָבען ביי די וועגעטעריאַנער געטרונקען ביים עסען וואַסער, ניט קיין וויין, פונדעסטוועגען איז אונזער העלד, ראַבינאָוויטש, געקומען אַהיים מאָדנע פריילין, און ער האָט געפיהלט, ווי עס דרעהט זיך איהם דער קאָפּ און עס זשומעט איהם אין די אויערן. דאָס איז איהם געקומען פון דעם, וואָס ער האָט זיך אָנגעזעהען און אָנגעהערט די לעצטע טעג צווישען זיינע נייע חברים, וועלכע ער האָט נאָך ניט רעכט פערשטאַנען. ער האָט געזעהען פערשידענע עקסטרעמען; ער האָט געהערט פערשידענע מיינונגען, פערשידענע רייד און פערשידענע דרשות. נאָר אָפּגעבען זיך דין-וחשבון פון דעם אַלעם — דאָס האָט ער געזעהען, אַז עס איז נאָך פריה.

איין זאַך איז פאַר איהם געוועזען קלאָר — דער פאַקט, אַז ער איז ניט קיין סטודענט... מע האָט איהם צוגעזאָגט אָפּשיקען די פּאַפּירען דורך פּאָליציי... גוט. וואָס-זשע וועט זיין ווייטער?...

די דאָזיגע מורא׳דיגע פראַגע, וואָס האָט ביי אַלע איבעריגע יודישע קאַנדידאַטען געעקבויערט דעם מח און דערלאַנגט ביז׳ן ביין, נישט געלאָזט ניט עסען, ניט שלאָפען, האָט ביי איהם אָנגעריהרט נישט מעהר ווי זיין נייגעריגקייט אַליין. ער איז נאָר געווען ציקאַווע צו וויסען, וואָס וועט זיין ווייטער? און וואָס וועט בכלל זיין דער סוף פון דער דאָזיגער קאָמעדיע, וואָס אַלע האַלטען איהם פאַר אַ יודען און גלויבען, אַז ער, גרישאַ פּאָפּאָוו, איז ניט גרישאַ פּאָפּאָוו, נאָר הערשקאָ ראַבינאָוויטש, — חאַ-חאַ? ער אַליין האָט זיך גאָר אויף אַזוי פיעל ניט גערעכט, עס זאָל איהם אַזוי אָפּגעראָטען צו שפּיעלען זיין ראָלע אַזוי קונציג אויסגעהאַלטען און אַזוי בריה׳ש!

צופרידען מיט זיך אַליין, האָט ער אָנגעקלונגען ביי זיך אויף

זיין קוואַרטיר און האָט געבעטען גאָט, אַז עפּענען זאָל איהם בעטי, די שוואַרצ'חנ'עוודיגע שענע בעטי, מיט איהרע קלוגע קאַרע אויגען און מיט די שעלמישע חן-גריבעלעך אין די בעקלעך. נאָכמעהר, ער האָט זיך אין דער מינוט געמאַכט אַ סימן, אַז אויב עס וועט איהם עפּענען בעטי, איז אַ בעוויַיז, אַז זי האָט איהם ליעב... און אויב איין אַנדערער וועט איהם עפּענען?...

ער האָט קיין צייט ניט געהאַט צו ענדיגען זיין געדאַנק, איז שוין די טיר געווען אָפּען, און אַקעגען איהם איז געשטאַנען בעטי, די שוואַרצ'חנ'עוודיגע שענע בעטי, און געקוקט אויף איהם מיט איהרע שענע, גוטע, קלוגע, קאַרע אויגען. „גיט שוין זשע האָט זי מיך ליעב?..." אָט דאָס איז געווען די ערשטע מחשבה, וואָס ביי איהם איז דורכגעפּלויגען אין קאָפּ. „יאָ. זי האָט מיך ליעב, אַזוי ווי איך זי..." האָט ער זיך אַלֵיין געענטפֿערט, געהענדיג מיט איהר אַרויף אויף די טרעפּ.

דערזעהען דעם קוואַרטיראַנט, ווי די בעקלעך פלאַמען איהם און די אויגען גלאַנצען, האָט בעטי גלייך פערשטאַנען, אַז דאָ וועט זי הערען באַלד די גוטע בשורה, אַז ער איז שוין ענדליך אַ סטודענט. אין דער מחשבה האָט זי איהם שוין געזעהען אין זיין נייער סטודענטישער אוניפאָרם, מיט גלאַנצענדיגע גאָלדענע קנעפּ, און זי האָט זיך געוואָלט פאָרשטעלען, ווי אַזוי וועט ער אויסזעהען אינ'ם נייעם מונדיר...

— נו? וואָס הערט זיך? — האָט איהם בעטי אַ פרעג געגעבען, אַריינקוקענדיג איהם אין זיינע גליקליכע אויגען, געהענדיג מיט איהם אַרויף.

— זעהר גוט! אויסגעצייכענט! — האָט איהר דער קוואַרטיראַנט אָפּגעענטפערט, און נישט געקאָנט אָנקוקען זיך זאַט אין איהר ליכטיג פּנים און איהרע שענע קלוגע אויגען, און געטראַכט האָט ער בעת-מעשה וועגען דעם גליקליכען סימן, וואָס ער האָט זיך נאָר-וואָס געמאַכט...

— מעג מען אַייך, הייסט עס, גראַטולירען? — מאַכט צו איהם בעטי פריינדליך און שטרעקט אויס צו איהם איהר האַנד.

— מיט וואָס גראַטולירען? — פרעגט ער זי איבער און נעמט איהר האַנד, איהר ווייכע, וואַרימע, צערטליכע האַנד.

— מיט דעם, וואָס איהר זענט צוגענומען אין אוניווערסיטעט...

דעם קוואַרטיראַנט האָט נעבעך שטאַרק באַנג געטאָן אַרויסצו-לאָזן די דאָזיגע טייערע האַנד, האָט ער אַ ביסעל אָפּגעצויגען זיין ענטפער. נאָר סוף-כל-סוף האָט ער געמוזט איהר זאָגען דעם אמת, אַז וועגען אוניווערסיטעט איז נאָך צו פריה איהם צו גראַטולירען, ווייל... ווייל דאָס צונעמען פון יודען האָט זיך היינט געענדיגט, און די דאָקומענטען האָט מען איהם צוגעזאָגט אָפּשיקען דורך פּאָליציע...

— וואָס הייסט? — האָט בעטי אויסגעשריגען און געגעבען אַ פּלעסק מיט די הענד אַזוי שטאַרק, אַז די מוטער איהרע, שרה שפּיראָ, וואָס איז געווען אין קיך ביי דער אַרבייט, איז אַריינגעלאָפען מיט פער-קאַטשעטע אַרבעל, ניט טויט ניט לעבעדיג.

— וואָס איז? וואָס איז דאָ געשעהן? — האָט זי געפרעגט און געקוקט פון איינס אויף דאָס אַנדערע מיט אַזעלכע דערשראָקענע אויגען, אַז די טאָכטער האָט זי געמוזט בערוהיגען:

— גאָרנישט, גאָרנישט איז געשעהן... דו ווייסט, מאַמע, מע האָט דאָך זיי ניט צוגענומען אין אוניווערסיטעט, — האָט זי אָנגעוויזען אויפ׳ן קוואַרטיראַנט מיט אַזאַ טרויעריגער מינע, גלייך ווי זי וואָלט איהר אָנגעזאָגט אַ בשורה, אַז איין אויטאָמאָביל איז איהם איבערגע-פאָהרען און אָפּגעשניטען אַ פוס.

— אוי, אַ דונער האָט מיך דערשלאָגען! — האָט שרה שפּיראָ אויסגעצויגען אויף יודיש און געקוקט אויפ׳ן קוואַרטיראַנט מיט אַזעלכע אויגען, גלייך ווי ניט נאָר איין פוס, נאָר מע האָט איהם אָפּגעשני-טען ביידע פיס מיט ביידע הענד. — וואָס זשע וועט איצטער זיין, וועה איז מיר?!

אין איין מינוט איז איהר דורכגעפלויגען אין קאָפּ דריי מחשבות, איינע טרויעריגער פון דער אַנדערער: 1) וואָס וועט ער טון אָהן אַ פּראַוואָזשיטעלסטווע? 2) וואָס וועט זיין מיט׳ן חדר׳ל אָהן אַ קוואַר-טיראַנט? און דער עיקר 3) וואָס וועלען זיי טון אָהן אַ רעפּעטיטאָר?...

— וועה איז מיר, ווינד איז מיר, דער שלימזל, מ׳שטיינס גע-זאָגט, שלעפּט זיך! — האָט שרה ניט אויפגעהערט צו ברעכען מיט די הענד, קוקענדיג אויפ׳ן קוואַרטיראַנט און בעוויינענדיג איהם ווי אַ געטרייע מוטער. און האָטש דער קוואַרטיראַנט האָט נישט פערשטאַנען קיין איין וואָרט פון דעם, וואָס די שפּיראָ האָט דאָ געזאָגט, נאָר פון איהר אומגליקליך פנים, פון איהר וויינענדיג קול און פון איהר ברעכען די פינגער האָט ער אַרויסגעזעהן, אַז דאָס בעוויינט מען איהם. האָט

ער זי אָנגענומען ביי בײדע הענד און געוואָלט איהר אויסרעדען דאָס האַרץ:

— בערוהיגט אַייך, מאַטושקאַ, בערוהיגט אַייך...

שרה שפּיראָ האָט אָבער ניט געוואָלט זיך בערוהיגען. זי האָט זיך געווענדט ניט צו איהם, נאָר צו דער טאָכטער:

— וואָס מיר מאַטעשקע? ווער מיר מאַטעשקע? פרעג איהם בע-סער, דעם שלימזל, וואָס וועט ער טון איצטער אָהן אַ פּראַוואָזשי-טעלסטווע, וואָס?

פון דער גאַנצער פראַגע האָט דער קוואַרטיראַנט פערשטאַנען נאָר איין וואָרט: „פּראַוואָזשיטעלסטווע".

— פּראַוואָזשיטעלסטוואָ, מאַטושקאַ, ניטשעוואָ! — האָט ער איהר אַ זאָג געגעבען מיט אַ גלעט איבער דער פּלייצע, וועלכעס האָט אַרויס-גערופען אַ שמייכעל ביי אַלע דריי.

— האָסט עפּיס צו איהם? — האָט די מוטער זיך אָנגערופען צו דער טאָכטער ווידער אויף יודיש, כמעט מיט טרערען אויף די אוי-גען. — נו? און דו ביסט נאָך געווען ברוגז אויף מיר, למאי איך האָב איהם אַ נאָמען געגעבען „שלימזל"...

— טשטאָ עטאָ זנאַטשיט „שלימאַזאַט"? — האָט דער קוואַרטיראַנט זיך אָנגעפרעגט ביי דער טאָכטער, געמיינט אַפּנים, אַז דאָס האָט אַ שייכות צו „פּראַוואָזשיטעלסטווע".

דאָס וואָרט „שלימאַזאַט" האָט אַרויסגערופען אַ פריילכען געלעכ-טער ביי דער טאָכטער מיט דער מוטער, און דער קוואַרטיראַנט, וואָס האָט זיך געשפּיגעלט אין בעטיס ווייסע, קליינע, פּערעלדיגע ציינדלעך, האָט געוואָלט בעווייזען, אַז חאָטש ער רעדט ניט קיין יודיש, נאָר פערשטעהן פערשטעהט ער כמעט איטליכס וואָרט.

— אויב עס ווענדט זיך נאָר אין „מאַזאַט" (שמירען), וועלען מיר „מאַזשען" (שמירען)! — האָט ער אַ זאָג געגעבען און בעוויזען מיט דער האַנד, ווי אַזוי ער וועט שמירען...

דאָס האָט שוין אַרויסגערופען ביי דער מוטער מיט דער טאָכ-טער אַזאַ הילכיגען געלעכטער, אַז אויף זייי קוקענדיג האָט זיך שוין דער קוואַרטיראַנט אויך צולאַכט.

— וואָס פאַר אַ געלעכטער דאָ אויף אַייך? — האָט זיך אָנגערופען דער בעל-הבית, דוד שפּיראָ, שטרענג, ווי זיין שטייגער איז, אַריינ-געפלויגען אין שטוב אַריין ווי אַ ווינט, אָהן אַ קלונג, ווייל ער האָט

ביי זיך אַ שליסעל צו דער טיר, — וואָס איז דאָ ביי אײַך אַזוי פרייליך?... קומט איהם שוין מזל-טוב? — האָט ער אַ זאָג געגעבען צום ווייב און צו דער טאָכטער, אַנווייזענדיג אויפ׳ן קוואַרטיראַנט.

דער דאָזיגער „מזל-טוב” האָט אַרויסגערופען אַ פרישען געלעכטער ביי דער מוטער מיט דער טאָכטער, און אויף זיי קוקענדיג האָט געלאַכט אויך דער קוואַרטיראַנט.

אַלע דריי האָבען געלאַכט, געשמאַק געלאַכט, הנאה געהאַט פון זייער לאַכען. און דוד שפּיראָ איז געשטאַנען און אָנגעקוקט זיי ווי די משוגעים, ניט געוואָלט זיי שענקען אַפילו איינאונאיינציג שמייכעלע פון זיינע שטרענג בייזע אויגען.

אין קורצע ווערטער האָט איהם די טאָכטער איבערגעגעבען דעם אומגליק, וואָס זייער קוואַרטיראַנט האָט געטראָפען. האָט ער זיך אָנגעחאַפּט ביים קאָפּ און גאָר ניט געוואָלט גלויבען. סטייטש! אַ מעדאַליסט! ?...

דערנאָך האָט ער זיך געווענדעט צום ווייב:

— זעהסט דו? און דו זאָגסט טאָג ווי נאַכט: מעדאַל! מעדאַל! אָט האָסט דו דיר אַ מעדאַל! נאַ!

און נישט אויסהערענדיג, וואָס שרה וועט איהם ענטפערן, האָט ער זיך אַ קראַץ געגעבען הינטערן אויער, שטאַרק פערקנייטשט דעם שטערן און אָנגערופען זיך צו זיך אַליין:

— אַי-אַי! אַי-אַי! אַי! גאַרטעל זיך אונטער, דוד, — דו האָסט אויף זיך אַ פּעקעל! אַ גוט פּעקעל!!

## דאָס צוועלפטע קאַפּיטעל.

### דער שכל פון „פּראַוואָזשיטעלסטווע".

אויף אונזער שפּיראָ׳ן לאָזט זיך זאָגען דעם שבח, אַז אין דעם ענין פון „פּראַוואָזשיטעלסטווע" איז ער געווען אַ ספּעציאַליסט. מע קאָן זאָגען: אַ גאון. דעריבער האָט שפּיראָ און ניט קיין אַנדערער גענומען זיך מיט גרויס ענערגיע מאַכען פאַר זיין קוואַרטיראַנט ראַבינאָוויטש אַ „פּראַוואָזשיטעלסטווע" אַזעלכע, אַז ס׳זאָל „זיין מיט׳ן קנאַק"!

— אַ בחור, וואָס האָט אַיין אַטעסטאַט פון אַ גימנאַזיע, נאָך מיט אַ מעדאַל דערצו, — אַזוי האָט געזאָגט צו איהם דוד שפּיראָ, וויבאַלד מע האָט געבראַכט צו טראָגען דעם קוואַטיראַנטס דאָקומענטען פון פּאָליציע, און בעת-מעשה האָט שפּיראָ געציטערט אַ סך מעהר פונ׳ם קוואַטיראַנט, ממש אַ צאָהן אָן אַ צאָהן האָט איהם געשלאָגען, — אַזאַ בחור, זאָג איך, האָט ניט וואָס צו זאָרגען פאַר אַ „פּראַוואָזשיטעלסטווע". צעהן פאַר איינע! וואו שטעהט עס געשריבען, אַז הערש ראַבינאָוויטש בעדאַרף זיין דוקא אַ דאָקטאָר מעדיצין? און אַז ער וועט זיין נאָר אַ דאָקטאָר מיט די ציינער (אַ דאַנטיסט), איז איהם ווינציג?

און מיט די ווערטער איז ער אַוועק מיט׳ן קוואַרטיראַנט גלייך אין אַ „זובאָוראַטשעבנע שקאָלע" און האָט זיך בעדונגען און איהם פערשריבען פאַר אַ דאַנטיסט איינס-צוויי-דריי.

עס רעדט זיך אָבער נאָר אַזוי: איינס-צוויי-דריי. עס איז געווען דערביי נאָך גענוג וואָס צו טון. פּאַפּירען, פּאַפּירען און פּאַפּירען! נאָר דוד שפּירא שרעקט זיך ניט איבער פאַר אַזוינע זאַכען. דוד שפּיראָ איז, ווי איהר קוקט איהם אָן, אַ מענש אַ געניטער, וואָס האָט שוין די ציינער אויפגעגעסען אויף דעם, אַ געשלאָגענער הונט, ווי ער אַליין זאָגט אויף זיך. וואָס ער איז אויסגעשטאַנען, זינט ער האָט זיך בעזעצט אין דער דאָזיגער הייליגער שטאָדט, ביז ער האָט בעקו-

מען זיין רעכטע, כשר׳ע פּראַוואָזשיטעלסטווע, צוליעב דעם, וואָס זיין סיאָמקע איז אַ גימנאַזיסט, — דאָס לאָזט זיך גאָר ניט דערצעהלען, ניט בעשרייבען.

— איין עבירה, וואָס איהר זעגט שוואַך אין אונזער לשון! — האָט ער געזאָגט צום קוואַרטיראַנט, צו ראַבּינאָוויטשען, נאָכדעם ווי ער איז געקומען מיט איהם פונ׳ם דאַנטיסט און אַוועק מיט איהם אין פּאָליציע אַריין, געהאַט גרויסע צרות, ווארום פּאָליציע האָט איהם שוין געהאַט געשטעמפּעלט דעם פּאַס מיט רויטען: „נאַ ווייעזד וו׳דוואַדצאַט טשעטירע טשאַסאַ" *). — ע! ווען איהר זאָלט פערשטעהן אונזער לשון און קאָנען שרייבען יודיש, וואָלט איהר געהאַט פון מיין פּראַוואָזשי־טעלסטווע אָט אַזאַ בוך צו מאַכען! (דאָ האָט איהם שפּירא בעוויזען מיט דער האַנד פון דער ערד ביז כמעט צו דער סטעלי, אַזוי אַז ווען עמיצער שרייבט אָן אַזאַ גראָבען בוך, וואָלט עס טאַקי באמת געווען אַ גוואַלד!).

און חאָטש דער קוואַרטיראַנט איז „שוואַכליך אין אונזער לשון", און ווערט „אָט אַזאַ בוך" אויף יודיש ניט קאָנען מאַכען, דאָך האָט איהם שפּירא צוליעב געטאָן און האָט איהם דערצעהלט אַזוי פיעל מורא־דיגע און מאָדנע גוזמאדיגע מעשיות, קאָמישע עפּיזאָדען, שרעקליכע היסטאָריעס און וואונדערליכע געשעהענישען, וואָס ווען דערביי זאָל ניט געווען זיצען די פרוי שפּירא, און דער עיקר די טאָכטער בעטי, וואָלט דער קוואַרטיראַנט רעכט געהאַט צו דענקען, אַז זיין בעל־הבית פאַנטאַזירט, האַקט אַ טשייניק, טראַכט אויס זאַכען, וואָס ניט געשטוי־גען ניט געפלויגען. ווארום ווי איז דאָס מעגליך צו גלויבען, אַז איין מענש אַליין, ער מעג זיין אַפילו אַ גלית הפלשתי, אַ שמשון הגבור אָדער, לפחות, אַ איליא מוראָמעץ, זאָל קאָנען איבערטראָגען אויף זיך אַזאַ פּאַק מיט צרות, גזרות און רדיפות, און גאָר ניט אין אַזאַ לאַנגער צייט, און נישט האָבען אַפילו קיין איין גרויע האָר?...

וויפיעל מאָל, מיינט איהר, איז שוין אָט דער דוד שפּירא גע־ווען אַרויסגעשיקט פון פּעטערבורג און פון מאָסקווע און פון אַנדערע רוסישע שטעדט? וויפיעל מאָל, שטעלט איהר זיך פאָר, איז ער שוין געגאַנגען מיט׳ן עטאַפּ, געשלאָסען האַנד אין האַנד מיט אַלערליי גנבים,

*) אַרויספאָהרען אין 24 שעה.

גזלנים און קעפּשניידער? אין וויפיעל טורמעס, אַ שטייגער, איז ער געווען צו גאַסט, און מיט וואָסערע פערברעכער, למשל, האָט ער זיך ניט בעקענט? און איבער וואָס, מיינט איהר? נאָר צוליעב איינאונ-איינציגער עבירה — וואָס זיין זיידע האָט זיך אַיינגעשפּאַרט, ניט גע-וואָלט אויסבייטען דאָס רענדעל!... און דאָ? טאַקי אָט דאָ, אין דער הייליגער שטאָדט? וויפיעל מאָל, רעכענט איהר, איז ער געשטאַנען אין אַ סכנה אַרויסגעשיקט צו ווערען? און ווער זאָגט עס, אַ שטייגער כּדומה למשל, אַז היינט איז ער שוין אויסער געפאַהר? אַז היינטיגע נאַכט קאָן מען ניט קומען צו איהם, אויפוועקען פון שלאָף און בע-טען מחילה, ער זאָל זיך מטריח זיין: „אַ פאָהר-פאָהר נאַ באַרדי-טשעוו"... אַזוי ווי ער האָט שוין געהאַט ניט איין מאָל אין פעטער-בורג און אין מאָסקווע און אַנדערע שטעדט...

שפּיראָ הערט ניט אויף צו דערצעהלען חידושים און וואונדער פון פּראַוואָזשיטעלסטווע פאַר זיין קוואַרטיראַנט, און זיין קוואַרטיראַנט הערט איהם אויס און טראַכט זיך: „רבונו-של-עולם! וואָס איז דאָס פאַר אַ מין אומה אויף דער וועלט, וואָס מע יאָגט זי און מע רודפ'ט זי ווי אַ הונט, און זי זאָל עס, אַ שטייגער, אַרויס מיט אַ פּראָטעסט. שפּיראָ איז דאָך ניִשט איינער, דאָס גאַנצע פאָלק זיינס איז דאָך אַזוי... איין מענש אַז ער שרייט, געהט זיין קול פערלוירען מיט'ן ווינט און מיט'ן רויך, אָבער אַ פאָלק, אַ גאַנץ פאָלק זאָל אויפהייבען אַ קול, וואָלט דאָס שרייען, דאַכט זיך, דערגרייכט פון איין עק וועלט ביז'ן אַנדערען!... אַלע הימלען וואָלטען זיך געטרייסעלט!... אַ מאָדנע פאָלק! אָט זיצט זיך אַ יוד שפּיראָ, אַ מענש, דאַכט זיך, גלייך מיט אַלע מענשען, און רעדט פון פּראַוואָזשיטעלסטווע, דאָס הייסט, פון אַ רעכט, וואָס געהערט ניט נאָר יעדען מענשען, נאָר יעדער חיה און יעדער בהמה!... ניין, ער געפינט נאָך אין זיך מוט צו רעדען מיט אַזאַ טאָן: „פאָהר-פאָהר נאַ באַרדיטשעוו"?!

— ווי איז דאָס מעגליך — פרעגט ער ביי שפּיראָ'ן — ווי איז דאָס מעגליך, מע זאָל אייך אַרויסשיקען? און וואו איז אייער „פּראַוואָ-זשיטעלסטוואָ"?

— מיין פּראַוואָזשיטעלסטווע, האַ-האַ-האַ? — צוגיסט זיך שפּיראָ פאַר געלעכטער. — וואָס הייסט מיין פּראַוואָזשיטעלסטווע? ווי קאָן איך זאָגען, למשל, מיין האַנד? אָדער מיין פוס? די האַנד איז מיינע, כּל-זמן איך שרייב מיט איהר, אָדער איך עס מיט איהר. דער פוס

בראַכט פון גימנאַזיע צוויי פינפען; נאָר דאָס, וואָס ער האָט איהר געזאָגט, איז געווען גאַנץ גענוג, אַז זי זאָל ווערען אָנגעצונדען ווי אַ שפּיץ דאַך אויף דער פערגעהענדיגער זון... נישקשה, בעטי איז גע-נוג קלוג, זי זאָל פערשטעהן, ווי ווייט ער, ראַבינאָוויטש, האָט זי ליעב, און ווי ווייט זי, בעטי, איז ביי איהם טייער...

און נישט נאָר בעטי, אפילו בעטיס-מוטער, שרה, איז איהם אין דער מינוט געוואָרען ליעב און טייער. שרה שפּיראָ האָט איהם היינט אָנגעזאָגט אַ צווייטע בשורה, וואָס איז ביי איהם געווען נאָך אַסך אָנגעלעגטער, ווי דאָס, וואָס סיאָמקע האָט געהאַפּט צוויי פינפען אין גימנאַזיע. שרה שפּיראָ האָט אויסגענוצט דעם מאָמענט, ווען די טאָכ-טער איז ניט געווען אין שטוב, און אַ זאָג געגעבען דעם קוואַרטי-ראַנט, אַז זי האָט צו איהם אַ געשעפט

— אַ שטייגער?

— אַ שטייגער, איך וויל, איהר זאָלט רעפּעטיטעווען (ניט געווען בעטי, וואָס זאָל איהר צורעכט מאַכען דאָס וואָרט!) מיט מיין טאָכטער גלייך ווי איהר רעפּעט,יטעוועט מיט מיין זוהן. צאָהלען קאָן איך אייך ניט. נאָר ווארעמעס און וועטשערע קאָן איך אייך גע-בען דערפאַר אומזיסט...

ראַבינאָוויטש איז געווען שטאַרקער פון אייזען, אַז ער האָט זיך איינגעהאַלטען און ניט אַרומגעהאַפּט די בעל-הבית׳טע קושען פאַר אַזאַ טייערער בשורה! צוויי בשורות: ערשטענס, וואָס ער וועט לער-נען מיט בעטין. צווייטענס, וואָס ער וועט עסען מיט בעטין ביי איין טיש! ניין, די וועלט פערמאָגט ניט קיין סך אַזעלכע בעל-הבית׳טעס ווי זיין בעל-הבית׳טע, — אין דער ערד אַלע בעל-הבית׳טעס און אַלע ווייבער פון דער גאַנצער וועלט פאַר אָט דער שרה שפּיראָ!

און ראַבינאָוויטש האָט אָנגענומען די בעל-הבית׳טע פאַר אַ האַנד און האָט איהר געדאַנקט ווארים און געשמאַק און האָט פערזיכערט זי, אַז ער נעמט אָן מיט פערגעניגען, וואָס זי לעגט איהם פאָר. מיט פערגעניגען! מיט גרויס פערגעניגען!

— נאָר וואָס דען? מיט אַ תנאי, — האָט איהם שרה שפּיראָ אויס-געגומען.

ביי ראַבינאָוויטשען האָט זיך אָבגעריסען אין הארצען:

— צום ביישפּיעל?

— טיי און צוקער זאָל זיין אייערע,

איז מיינער, כל-זמן איך געה אויף איהם. און אַנו, לאָז גאָט וועלען צונעמען ביי מיר אָט די האַנד אָדער אָט דעם פוס, וועמענס וועלען זיי שוין דעמאָלט זיין? פונקט אַזוי איז מיט מיין „פּראַוואָזשיטעל-סטווע״. כל-זמן דער זאַקאָן איז אַ זאַקאָן, אַז צוליעב קינדער, וואָס לערנען אין גימנאַזיע, מעגען זייערע פאָטער און מוטער וואוינען — איז גוט. ווי איז אָבער דער דין, אַז טאָמער געפינט זיך אַ חכם און ווייזט אָן, אַז דער זאַקאָן זאָגט בפירוש, אַז נאָר יענע קינדער מעגען לערנען אין גימנאַזיע, וועמענס פאָטער און מוטער האָבען פּראַוואָ-זשיטעלסטווע? איהר פערשטעהט אַ שכל? אַי, בלייבט דאָך ווידער אַ קשיא: ווי אַזוי קאָן איך האָבען אַ פּראַוואָזשיטעלסטווע איידער איך האָב בעקומען די פּראַוואָזשיטעלסטווע? איהר פערשטעהט, צי ניין? איהר הערט זיך נאָר צו מיט קאָפּ. עס איז גלייך ווי איהר זאָלט מיך פרעגען, למשל: ווי אַזוי האָב איך געקענט געבוירען ווערען איידער מיין טאַטע-מאַמע זענען נאָך גאָר אויף דער וועלט געווען? דאָס איי-גענע פרעגען אונזערע תּלמודיסטען: ווי אַזוי איז דאָס געמאַכט געוואָרען די ערשטע אייזערנע צוואַנג, אַז אויף צו אויסהאַלטען אַ צוואַנג אויפ׳ן פייער מוז מען האָבען אַ צוואַנג? איהר פערשטעהט, ווי טיעף דאָס איז? נו? וואָס זשע שווייגט איהר? — זאָגט דער בעל-הבית צום קוואַרטיראַנט און דערלאַנגט איהם מיט׳ן עלענבויגען אין זייט אַריין.

וואָס קאָן איהם דער קוואַרטיראַנט זאָגען דערויף? ער האַלט אָפען מויל און אויערן און הערט. וויבאַלד, אַז צו אַזאַ הימעלשריי-ענדע געשיכטע ווי „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ״ איז דאָ אַזאַ מאָדנע פילאָזאָפיע פון אַ האַנד מיט אַ פוס און אַ תלמודישער פּלפּול פון אַ צוואַנג מיט אַ צוואַנג — איז שוין ניטאָ מעהר קיין ווערטער ביי איהם! און אגב זיצט אַקעגען, אָט דאָ ביים טיש, בעטי, די שענע שוואַרצ-חנ׳עוודיגע בעטי, כלומרשט איבער אַ ביכעל, נאָר ער איז איבער-צייגט ווי צוויי מאָל צוויי, אַז חאָטש זי קוקט אין ביכעל אַריין, זעהט זי גאַנץ גוט, ווי ער, ראַבינאָוויטש, קוקט אויף איהר, און זי ווייסט גאַנץ גוט, אַז ער טראַכט פון איהר, וואָרום ערשט היינט אינ-דערפריה האָט ער איהר פאַרבייגעהענדיג אַ זאָג געגעבען: „בעטי, איך האָב אייך עפּיס צו זאָגען...״ און חאָטש ער האָט איהר נאָך גאָר-נישט געזאָגט, וואָרום אין יענער מינוט איז אויסגעוואַקסען די מו-טער, איהם אָנגעזאָגט אַ בשורה, אַז איהר סיאָמקע האָט היינט גע-

ראַבינאָוויטש האָט דערפיהלט, ווי טויזענד פוד איז איהם אַראָב פון דער נשמה.

— פערשטעהט זיך, מיינע! פערשטעהט זיך!

אין דעם קומט אָן בעטי, וועלכע האָט מיט איין קוק געחאַפּט, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, און האָט געגעבען דער מוטער אַיין אויס-רעד אויף יודיש:

— האָסט קיין צייט ניט געהאַט, ביז איך אַליין וועל פאָר-לעגען?...

און צום קוואַרטיראַנט האָט זי זיך געווענדט אויף רוסיש, און אַ ליעבלעך שמייכעלע האָט געשוועבט אויף איהרע שענע ליפען, און אַ שטראָם מיט פאַרב האָט בעגאָסען איהרע שענע באַקען ביז די חן-גריבעלעך:

— דאָרט, וואו עס געהער זיך אָן מיט לערנען די קינדער, ווערט מיין מאַמע אַ מענש פון געשעפט...

— אָ! טייערע, טייערע בעטי! — טראַכט זיך ראַבינאָוויטש און נעמט זי דורך מיט'ן קוק. — נאָר אַזאַ מלאך פון הימעל, ווי בעטי, קאָן האָבען אַזאַ מוטער! און נאָר אַזאַ מוטער, ווי אָט די שרה שפי-ראָ, קאָן האָבען אַזאַ טאָכטער, ווי בעטי!...

## דאָס דרייצעהנטע קאַפּיטעל.

### יהודית.

עס קאָן זיין, אַז מיר האָבען זיך אַ ביסעל צוגעאײלט דערמיט, וואָס מיר האָבען אַרויסגעגעבען דוד שפּיראָ'ן איין אַטעסטאַט, אַז אין הלכות פּראַוואָזשיטעלסטווע איז ער אַ ספּעציאַליסט און אַ גאון. אין עטליכע טעג אַרום, נאָך דעם ווי זיין קוואַרטיראַנט באַבינאָוויטש האָט זיך פערשריבען פאַר אַ דאַנטיסט, האָט זיך ביי שפּיראָ'ן אין שטוב געטראָפען אַ קאַטאַסטראָפע. איינע פון יענע קאַטאַסטראָפעס, וואָס טרעפען זיך ניט זעלטען — און אין דער לעצטער צייט גאַנץ אָפט, כמעט אַלע נאַכט — אין דער אוניווערסיטעט-שטאָדט, וואו עס קומט פאָר אונזער אויסערגעוועהנליכער ראָמאַן.

עס איז שוין געוועזען ווייט נאָך האַלבע נאַכט, אַז ביי שפּיראָ'ן אין וואוינונג האָט זיך דערהערט אַ קלינגען אין דער טיר. נאָר אַזאַ קלינגען, וואָס קאָן אויפוועקען אַ טויטען: דזין-דזין-דזין-דזין-דזין-דזין — גאָר אָהן איין אויפהער. איין אַנדערער אויף שפּיראָס אָרט וואָלט זיכער אַראָבגעפאַלען פון בעט, אָדער אַרויסגעשפּרונגען דורך אַ פענסטער. שפּיראָ איז דאָך אָבער, ווי מיר ווייסען שוין, אַ מענש אַ געניטער, איז ער שוין גוט בעקאַנט מיט דעם אַרט קלינגען. ער ווייסט, אַז אַזוי קלינגען קלינגט מען נאָר, אָדער דעמאָלט, ווען דאָס גאַנצע הויז איז אַרומגענומען אין פלאַם-פייער, און מע וויל אַרויסראַטעווען לעבעדיגע נפשות, אָדער דעמאָלט, ווען מע מאַכט איין אָבלאַווע אויף יודען; בלשון פאָליציע ווערט עס אָנגערופען: „מע מאַכט אַ רעוויזיע אויף די ניט צוגעשריבענע".

רופט עס זיך אָן ווי איהר ווילט, אָבלאַווע, רעוויזיע — נאָר מע קלינגט זיך אַזוי לאַנג, ביז איהר עפענט ניט אויף די טיר. און

אַז איהר עפענט אויף די טיר, טוען זיך אַ שיט אַריין צו אַייך געסט: פּריסטאַוועס, נאַדזיראַטעליעס, גאָראָדאָוואָיעס און וואָס איהר ווילט, און מע הייסט אַייך אויפוועקען די גאַנצע שטוב, יונג און אַלט, קליין און גרויס. און מע הייסט זיך ווייזען דאָקומענטען. די דאָקומענטען ווערען איבערגעשריבען, די מענשען ווערען איבערגעקוקט און איבערגעצעהלט, און אויב ס'איז אַלסדינג אין אָרדענונג, לאָזט מען אַייך אָב געזונטערהייד און מע צוגעהט זיך, און איהר קאָנט אַייך נאָכדעם טון, וואָס איהר ווילט: שטעלען דעם סאַמאָוואַר און טרינקען טיי, אָדער צוריק זיך לעגען שלאָפען, אויב איהר קאָנט, און עס מעגען זיך אַייך חלומ'ען זיסע חלומות...

טאָמער זענען בײַ אַייך אָבער די פּאַפּירען, חלילה וחס, ניט אין אָרדענונג, אָדער טאָמער געפינט מען בײַ אַייך, חס ושלום, טרפה סחורה, קאָנטראַבאַנדע, דאָס הייסט, אַ יודישע נשמה אָהן אַ פּראַוואָזשיטעלסטווע, בעט מען אַייך, איהר זאָלט אַייך מטריח זיין אָנטון וואָס גיכער, און מוחל זיין געהן מיט דער חברה אַהין... דאָרט וועט מען אַייך שוין חוקר ודורש זיין, און מע וועט אַייך אָנ-שרייבען מיט רויטען „וו'דוואַדצאַט טשעטירע טשאַסאַ“, אָדער מע וועט אַייך עקספּעדירען מיט גרויס כבוד אין אַייער געבורטשטאָדט, וואו איהר קאָנט זיך זעהען מיט אַלע אַייערע פעטערס און מומעס, וואָס איהר האָט זיי שוין אַזאַ צייט ניט געזעהען...

דוד שפּיראָ, ווייל ער איז אַ געניטער מענש, וואָס איז קלאָר אין אַלסדינג, אפילו אין הלכות אָבלאַווע, האָט געפונען, אַז ער האָט ניט וואָס אויסצופּיינען זיך פּאַר די ניט גערופענע געסט, און אַז ער וועט זיי אויפנעמען אָהן אַ סמאָקינג, איז אויך אָהן אַיין אומגליק. דע-ריבער האָט ער זיך ניט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות, געחאַפּט אַ קורץ פּידזשאַקעל אויף די אונטערשטע לאַנגע תחתונים מחילה, אַריינגע-שטעקט די באָרפיסע פיס אין די שטעק-שיך און גענומען, קודם כל, רייבען שוועבעלעך, וועלכע האָבען בשום אופן ניט געוואָלט זיך אָנ-צינדען, ביז ס'איז ניט אויפגעשטאַנען שרה שפּיראָ פון איהר גע-לעגער:

— שאַלאָווילע, וואָס רייבסט דו? — האָט זי איהם געזאָגט, און אויסגעריסען בײַ איהם די שוועבעלעך פון די הענד. — רייבט און רייבט! האָט קיין צייט ניט! קוריערסקי פּאָיעזד! דער רוח וועט זיי

ניט נעמען, אַז זיי וועלען שטעהן אין דרויסען נאָך אַ ביסעל און קלינגען!

מיט די ווערטער האָט איהם שרה אָנגעצונדען אַ קליין לעמפעל מיט אַ פעררויכערט גלעזעל, און דוד איז אַראָבגעלאָפען עפענען די טיר. גיך האָבען זיך דערהערט אַ סך פיס אויף די טרעפ, און ביי שפּיראָ'ן אין שטוב איז געוואָרען ששון ושמחה, ליכטיג אין אַלע ווינ-קעלעך, אַזוי ליכטיג, אַז וויפיעל שרה שפּיראָ האָט זיך ניט געהילט אין דער קאָלדרע, וואָס זי האָט אויף זיך געחאַפּט אין גרויס אימפּעט, האָט זי פאָרט נישט געקאָנט זיך אַיינהילען, אַז מע זאָל ניט אַרויס-זעהען אָדער די נאַקעטע ברוסט, אָדער די באָרפיסע פיס. פון די האָר, וואָס האָבען זיך ביי איהר צופלאָכטען און צעוואָרפען איבער די נאַקעטע אַקסלען, שמועסט מען ניט. און ווער איז שולדיג, אַז ניט ער, דער „קוריערסקי פּאָיעזד"? נעחייבי וואָלט ער אַזוי ניט געפלויגען עפענען די טיר, וואָלט זי געקאָנט צונויפנעמען די האָר, אָדער האַפען אויף זיך אַ קליידעל.

— וויפיעל זענט איהר דאָ? — האָט זיך אָנגערופען צו דוד'ן אַ טשינאָווניק, אַ הויכער, אַ ברייטביינינגער, מיט גראָבע ליפּען פון אַ בעל-תאוה'ניק, מיט רויטליכע פערשלאָפענע אויגען, און האָט אויסגע-צויגען אַ לאַנגען הילכיגען געניץ, ווי אַ געזונטער מענש, וואָס דאַרף נאָך שלאָפען.

— מיר זענען דריי, — האָט איהם דוד שפּיראָ אָבגעענטפערט, זיך אָנגענומען מיט קוראַזש, חאָטש די צייהן האָבען זיך איהם גע-טרייסעלט ווי אין אַ קדחת, און ווי אַ מענש אַ געניטער „אין די זאַ-כען", האָט ער ניט געוואַרט, ביז מע וועט איהם זאָגען דאָס וואָרט „פּאַטשפּאָרט!" און האָט זיך אַליין גענומען צום סורדוט, וואָס אויף דער וואַנט, אויפגעשפּיליעט די בוזים-קעשענע און אַרויסגעצויגען פון דאָרטען דעם פּאַספּאָרט מיט דער פּראַוואָזשיטעלסטווע מיט די איבע-ריגע פּאַפּירען, און אונטערגעטראָגען זיי דעם טשינאָווניק גאַנץ עלע-גאַנט, מיט אַ שאַר מיט אַ פוס, גאָר מעשה קאַוואַליער, פערגעסען, אַפּנים, אַז ער געהט באָרפיס, מיט אַ קורץ וויטיקעל אויף די ווייסע תחתונים.

— זאָגסט דו, אַז דריי? — מאַכט צו איהם דער האַלב פערשלאָ-פענער טשינאָווניק און קוקט זיך איין מיט די רויטליכע אויגען אויף דער מאַדאַם שפּיראָ, און טראָגט אונטער צו איהר פנים אַ העל-לייכ-

טענדעס לאַמטערנדעל — און זי ווייס ניט, וואָס זי זאָל טון מיט די צעוואָרפענע האָר, מיט די נאַקעטע ברוסט און מיט די באָרפיסע פיס... פלוצים דערמאָנט זי זיך, אַז איהר מאַן האָט געזאָגט אַזעלכס, וואָס ס'ניט געהערט צו ווערען: וואָס הייסט, זיי זענען דריי, אַז זיי זענען אייגענטליך פיער, און ניט פיער, נאָר מיט'ן קוואַרטיראַנט זע- נען זיי גאָר גאַנצע פינף!... פון שרעק האָט זי שוין פערגעסען, אַז זיי זענען דאָ ניט אַליין, און האָט אויסגעצויגען צו איהר מאַן איהרע נאַקעטע הענד און גענומען אויסשמועסען זיך מיט איהם אויף יודיש:

— דוד! גאָט איז מיט דיר! וואָסערע דריי? האָסט פערגעסען, אַז מיר זענען פינף?

דוד האָט זיך געריבען די אויגען, גלייך ווי ער וואָלט דער- הערט מי יודע וואָס פאַר אַ נייעס.

— פינף? ווי אַזוי קומט אויס נאָך דיין חשבון פינף?

— ראָכמייסטער מיינער! איך און דו איז ניט צוויי. בעטי איז ניט דריי. סיאָמקע איז ניט פיער...

דוד האָט זיך געגעבען אַ פאַטש אין שטערן, אויסגעשפיגען אָן אַ זייט און אָנגערופען זיך צום טשינאָווניק:

— איך האָב גאָר פערגעסען. מיר זענען ניט דריי, נאָר פיער. פיער זענען מיר.

— ניט פיער — שרייט צו איהם שרה — ניט פיער, נאָר פינף!

— פאַרוואָס פינף? וואו איז דער חשבון?

— דעם קוואַרטיראַנט האָסט דו פערגעסען? צי דו ווילסט אַליין נעמען אַיין אומגליק אויף דיין קאָפּ?...

— טפו זאָל דאָס ווערען! — האָט שפּירא ווידעראַמאָל זיך מכבד געווען מיט אַ פאַטש אין שטערן און מיט אַ שפיי אויס, און אָנגערו- פען זיך צום טשינאָווניק, כלומרשט מיט אַ שמייכעלע:

— איך האָב מיך שוין גאָר פערפלאָנטעט. מיר זענען ניט דריי און ניט פיער, מיר זענען פינף.

— טעעעקס *)! — האָט דער טשינאָווניק אויסגעצויגען, ניט אויפ- געהערט זיך צו שפיגלען אין שרה שפּיראָס שוואַרצע האָר, וואָס האָבען זיך צעוואָרפען אויף איהרע קלאָר-ווייסע נאָך גאַנץ יונגע

*) אזוי.

ברוסט. — פינף זאָגסט דו? אפשר זעקס? אפשר זיבען? און אפשר נאָך און נאָך? איבעריגענס, אָט וועלען מיר באַלד זעהען.

און דער טשינאָווניק מיט די פערשלאָפענע רויטליכע אויגען האָט אַ וואונק געגעבען צו זיינע בעהעלפערעס, מע זאָל מאַכען אַ רעוויזיע, און די בעהעלפערעס האָבען זיך געגעבען אַ נעם צו דער אַרבייט. בעטען און שאַפעס, טישען און בענקלעך זענען געווען אי־בערגעקוקט עטליכע מאָל. פון סיאָמקען האָט מען אַראָבגעצויגען די קאָלדרע און צוגעטראָגען איהם צום פנים אַ רעפלעקטיוו לאַמטערנדעל, אַזוי אַז סיאָמקע האָט זיך פערשעמט און צולאַכט. דאָס אייגענע האָט געזאָלט פאָרקומען אויך מיט בעטין, האָט בעטי זיך געגעבען אַ חאַפ אויף און אַ שפרונג אַראָב פון בעט, מיט כעס זיך איינגעהילט אין אַ ליילעך, און געבליבען שטעהן אויג אויף אויג מיט׳ן האַלב פערשלאָ־פענעם טשינאָווניק, מיט די בעל־תאוה־ליפען, וואָס האָט געוואָרפען מיט זיינע רויטליכע אויגען פון דער טאָכטער אויף דער מוטער און פון דער מוטער אויף דער טאָכטער, פערגלייכענדיג, אַפּנים, וועלכע פון די צוויי וואָלט ער אַ בעלן געווען צו האָבען...

— דער שוואַרץ־יאָהר זאָל זיי וויסען, ווער ס׳איז שענער! — אַזוי האָט ער געטראַכט ביי זיך אין האַרצען. — דער רוח האָט זיי ביידע ניט גענומען! שען זענען זיי ביידע. נאָר די קליינע איז ריי־צענד! ווענוס... יונאָנאַ... אַפראָדיטאַ... האָבען זיך איהם געפּלאָנטעט אין זיין זכרון אַלערליי נעמען, וועלכע ער האָט אויסגעלייענט אין די ראָמאַנען. און פון די אַלע נעמען האָט ער פערגעסען איין נאָמען, וועלכער וואָלט זיך אַמבעסטען געפּאַסט אין דער דאָזיגער מינוט פאַר דער שענער בעטין מיט איהר קלאָר מאַטעווע פנים, מיט דער אויס־געטאָקטער נאָז, מיט די פערעכטיגע טונקעלע האָר, מיט די געדיכטע ברעמען און מיט די גרויסע קאַרע אויגען, וואָס האָבען געברענט אין דער מינוט מיט אַ פייער פון צער און פון צאָרן.

יהודית — איז געווען דער דאָזיגער נאָמען.

## דאָס פערצעהנטע קאַפּיטעל.

### אָהן הענד!

ווען אונזער ראַבינאָוויטש זאָל טאַקי זיין דער אמת׳ער ראַבינאָוויטש, ניט פּאָפּאָוו, וואָלט ער, האָבענדיג אַ מעדאַל און ניט אַריין אין אוניווערסיטעט, זיכער אַזוי געשמאַק ניט געשלאָפען, ווי דער איז געשלאָפען אין דער דאָזיגער נאַכט... ניט נאָר ער האָט ניט געהערט ניט קיין מורא׳דיגע קלונגען, ניט קיין טופען פון אַ סך פיס און ניט קיין קולות פון אַ סך מענשען, ער האָט אפילו ניט געהערט, ווי דער בעל-הבית זיינער, דוד שפּיראָ, שטעהט איבער איהם און טאָרעט איהם ביי דער קאָלדרע און וועקט איהם אַלע מאָל העכער און העכער: „ראַבינאָוויטש! ראַבינאָוויטש!! ראַבינאָוויטש!!!"... ראַבינאָוויטש איז גאָר געווען ווייס איך וואו! ערגיץ אויף שליטעלעך האָט ער זיך געשליטעלט באַרג-אַראָב, איבער שניי, און ניט אַליין, נאָר דווקא אין צווייען, און דווקא מיט בעטין, וואָס האָט איהם אַרומגענומען מיטביידע הענד, צוגעטוליעט איהר פּנים צו זיין פּנים, איהרע חנ׳עוודיגע בעקלעך צו זיינע ליפּען, און ער קושט זי, קושט זי, קושט זי, און זי לאַכט, רייסט זיך פון זיינע הענד און לאַכט, און ער קושט זי און קושט זי און ציהט זי צו זיך. „וואוהין ציהסט דו מיך?" — קום, טייערע! קום, בעטי! „וואוהין?" — אַהין, אַהין, אין קלויסטער אַריין... „אין קלויסטער? חאַ-חאַ-חאַ! וואָס וועלען מיר טון אין קלויסטער?" — דאָרט וועלען מיר חתונה האָבען. דאָרט וועל איך דיך נעמען. דאָרט וועסט דו זיין מיינע, מיינע, מיינע!...

— וואָס בעלעבעטשעט איהר: מיינע, מיינע, מיינע? — זאָגט דער בעל-הבית צום קוואַרטיראַנט און שלעפּט פון איהם די קאָלדרע. —

שטעהט נאָר אויף, פּאָליציע איז דאָ, ראַבינאָוויטש! ראַבינאָוויטש!! ראַבינאָוויטש!!!

— וועלכער רוח ראַבינאָוויטש? פון וואַנען האָט זיך דאָ גענומען אַ ראַבינאָוויטש? — מאַכט דער קוואַרטיראַנט צום בעל-הבית, שלעפּענדיג צוריק מיט איין האַנד צו זיך די קאָלדרע און מיט דער אַנדערער רייבענדיג זיך די אויגען, — וואָס איז? וואָס איז געשעהן?

— פּאָליציע איז דאָ. אַ רעוויזיע... איין אָבלאַווע... מיין איך אַ רעוויזיע.

— וועלכער רוח פּאָליציע? וועלכע רעוויזיע? ווער דאַרף זי? האַלז און נאַקען די פּאָליציע!...

— גאָט איז מיט אייך, ראַבינאָוויטש! וואָס רעדט איהר? פּראַוואָזשיטעלסטווע...

דאָס לעצטע וואָרט האָט, אַפּנים, פּאָרט געווירקט בעסער פון אַלסדינג.

— פּראַוואָזשיטעלסטווע? אַהאַ! איך וויים שוין. וואו-זשע איז זי?

— ווער?

— די פּראַוואָזשיטעלסטווע, צו אַלדי ר׳חות!...

— טפו זאָל דאָס ווערען! איהר זאָלט ניט זיין קיין יוד, וואָלט איך געזאָגט, אַז איהר זענט שכור. איהר רעדט ניט ווי אַ ניכטערער. איך דערצעהל אייך, אַז פּאָליציע איז דאָ, איין אָבלאַווע, מיין איך, אַ רעוויזיע, פרעגט זיך נאָך אויף אייער פּראַוואָזשיטעלסטווע, פרעגט איהר מיך: וואו איז זי?

ערשט נאָך די ווערטער און דערזעהען ביי דער טיר אַ נאַדזיראַטעל, האָט ראַבינאָוויטש קוים צוקייט, וואָס דאָ טוט זיך, און האָט אָנגעהויבען זיך דערמאַנען, וואו ער איז אין דער וועלט... פונדעסטוועגען, האָט ער דעם רוח׳ס נאָמען איבערגע׳חזר׳ט נאָך אַ היבשע עטליכע מאָל, ביז דער בעל-הבית האָט איהם געשטעלט אויף די פיס און אַריינגעפיהרט אין צווייטען צימער, וואו ער האָט געטראָפען דאָס אויבענבעשריבענע בילד: די בעל-הבית׳טע שטעהן איינגעהילט אין אַ קאָלדרע, בעטי — אין אַ ליילעך, און אַקעגען זיי דער טשינאָווניק מיט די בעל-תאווה-ליפּען.

די ערשטע מינוט האָט ער ניט אינגאַנצען געקאָנט פערשטעהן, וואָס דאָ טוט זיך. מילא, אַ רעוויזיע איז אַ רעוויזיע. אָבער וואָס

האָבען דאָ צו שטעהןביידע פרויען האַלב נאַקעט?... און וואָס קוקט אויף זיי אָט דער נפש מיט אַזעלכע אויגען?...

און עס האָט זיך אָנגעצונדען אין איהם אַ פייער אויף דעם נפש מיט די גראָבע בעל-תאוה-ליפען, וואָרום ער איז אָנגעקומען פּונקט אין דער מינוט, ווען דער טשינאָווניק האָט אויסגעפּרעגט ביי בעטין, וויפיעל יאָהר זי איז אַלט.

— אַכצעהן, — האָט איהם די מוטער געענטפערט פאַר דער טאָכ-טער, און דער טשינאָווניק האָט איהר אָבגעהאַקט:

— איך פרעג ניט ביי דיר, איך פרעג ביי איהר

— אַכצעהן, — האָט איהם געענטפערט שוין בעטי אַליין.

— לייגסט, דושינקאַ, — האָט איהר אַ זאָג געגעבען דער טשי-נאָווניק מיט אַ שמייכעלע אויף זיינע בעל-תאוה-ליפען און געוואָלט אויפדעקען אַ ביסעל פון איהר דעם ליילעך. איז אויסגעוואַקסען דער קוואַרטיראַנט און אויסגעדונערט אויף אַזאַ קול, אַז אַלע האָבען זיך דערשראָקען:

— אָהן הענד *)!!! . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

זינט דער טשינאָווניק איז אַ טשינאָווניק און געהט אויף „רע-וויזיעס”, האָט ער נאָך ניט געהערט, אַז אַ יוד זאָל האָבען אַ העזה אויפצוהייבען אַזאַ קול... אַ מינוט איז ער געשטאַנען און געקוקט אויף דעם יונגענמאַן, נישט געקאָנט אויסרעדען אַ וואָרט פון איבערראַשונג. נאָכדעם האָט ער אָפּגעאָטעמט און גענומען זיך צום חברה-מאַן:

— דו... ווער ביסט דו אַזעלכער?

— וואָס פאַר אַ „דו”? אויס דו. היינט זאָגט מען „איהר”, ניט „דו”...

דער טשינאָווניק האָט אַזש אַראָפּגעלאָזט ביידע הענד, און אַ קרום שמייכעלע האָט זיך בעוויזען אויף זיינע גראָבע בעל-תאוה-ליפען. ער האָט נאָר אַ קוק געגעבען אויף זיינע בעהעלפערס און אַרויסגע-לאָזט אַ בעפעהל:

— נעמען זאָל מען איהם!

— מע דאַרף מיך ניט „נעמען”, איך געה אַליין, — האָט ראַבי-

---

*) הוקי פּראָטשט!!

נאָוויטש געזאָגט פעסט און איז אינאיינעם מיט די בעהעלפערעס אַריין צו זיך אין חדר׳ל אָנצוטון זיך און געהן, וואוהין מע וועט איהם פיהרען.

דער טשינאָווניק מיט די בעל-תאוה-ליפען, וואָס איז אַ מינוט פריהער געווען פול מיט יצר-הרע צו אָט די צוויי האַלב-נאַקעטע פרויען, און בעזונדער צו דער יונגערער, וואָס האָט אויסגעזעהען אין זיינע אויגען ווי אַ פרישע פרי, אַ שמעקענדיגע צייטיגע פערשקע, נאָך מיט טוי איבערגעדעקט, האָט פאַר רציחה נישט געקאָנט רעדען אַ וואָרט. עס האָט אין איהם געברענט אַ פייער. ערשטענס, אויף דעם זשידאָווסקי בחור, פאַר זיין חוצפה און פאַר זיין האַלטען זיך; און צווייטענס, וואָס מע האָט איהם צושטערט זיינע בעסטע מחשבות און אילוזיעס, אַזוי אַז ער האָט שוין כמעט גאָר פערגעסען, וועגען וואָס האָט ער דאָ נאָר-וואָס געטראַכט.

— אַ??? — האָט ער זיך באַלד דערמאַנט, וואַרפענדיג דעם לעצטען קוק אויף בעטין, וואָס האָט אויסגעזעהן אין דער מינוט, אַיינגעהילט אין ווייסען ליילעך, ווי אַ פּרעכטיגע סטאַטוע, אויסגעהאַקט פון מאַרמאָר. — אַ? ווענוס... יונאָנאַ... אַפראָדיטאַ... אַיין אַפּעטיטנע זשידאָוואָטשקאַ — ניטאָ וואָס צו רעדען... אַיין עבירה! אויף׳ן אָרט פון דעם חוצפה׳דיגען בחור וואָלט איך בעסער געוואָלט אָבפיהרען אָט די... אָט די ווענוס פון דער יודישער גאַס...

און ניט ווילענדיג האָט זיך אַרויסגעריסען ביי איהם אַ שווערער זיפץ פון טיעפען האַרצען. פאַר אָט דעם בן-אדם איז עס באמת געווען אַ גרויסער שאָדען...

ווי האָט ער געקאָנט פאָראויסזעהען בנבואה, אַז די דאָזיגע זעלטענע שענהייט, די דאָזיגע ווענוס פון דער יודישער גאַס, וועט נאָך אַמאָל אַריינפאַלען צו איהם אין די הענד אַריין, און נאָך ווי אַזוי אַריינפאַלען?!...

דערווייל די נאַכט שטעהט ניט, מע מוז געהן ווייטער. דער טשינאָווניק טרייבט די בעהעלפערעס, זיי זאָלען נעמען דעם חברה-מאַן, און דער חברה-מאַן האָט צייט. ער טוט זיך אָן... דוד שפּיראָ האָט זיך אפילו געוואָלט אַרויסשטעלען פאַר אַ מליץ-יושר, אַ שתדלן פאַר זיין קוואַרטיראַנט, אָבגעשוואָרען זיך, אַז ער האָט אַ פּראַוואָזשיטעלסטווע; איהם אַזאַ שטיק גאָלד, וואָס פאַר אַ פּראַוואָזשיטעלסטווע! נאָר וואָס דען? זי געפינט זיך נאָך אין דער זובאָוראַטשעבנע... האָט

איהם אָבער דער טשינאָווניק אָפּגעשטופּט מיט דער האַנד, אויסגע-דרעהט דעם קאָפּ צו זיינע בעהעלפערעס, וואָס האָבען געהאָלפען ראַ-בינאָוויטשען אָנטון זיך, און אויסגעשריגען, שוין גאָר אויף דער הויכער אָקטאַווע:

—וואָס באָברעט איהר זיך דאָרט אַזוי לאַנג? וועלכע שוואַרצע יאָהר? אָקאָרשט ווי מע זעהט ניט געהט אַוועק די נאַכט! ס'איז נאָך דאָ גענוג קאָנטראַבאַנדנע סחורה אויף דער דאָזיגער גאַס, ביי די קינדער פון ישראל! לעבעדיג! ריהרט זיך! פאַרטיג? מאַרש!

## דאָס פופצעהנטע קאַפּיטעל.

## אַ נאַכט אָהן שלאָף.

אין דער דאָזיגער צושטערטער נאַכט איז שוין ביי שפּיראָ'ן אין שטוב קיינער ניט געשלאָפען, האָטש אַלע האָבען זיך שוין ווי בערו-היגט, אָוועקגעלעגט זיך צוריק אויף זייערע געלעגערס און אויסגע-לאָשען דאָס לעמפּעל אויף אַנשלאָפען צו ווערען.

עס איז אָבער קיין שלאָף ניט געקומען אויף קיינעם.

דוד שפּיראָ מיט דער פרוי האָבען געהאַלטען אין פּלאַנעווען אויף מאָרגען. אם-ירצה-השם, מאָרגען, לאָז נאָר ווערען טאָג, אַזוי פליהט אַוועק דוד צום פּאָליצמייסטער...

— צום פּאָליצמייסטער? — שלאָגט איהם איבער שרה, — וואָס ועסט דו פליהען צום פּאָליצמייסטער, „קוריערסקי-פּאָיעזד"? פריהער דאַרפסט דו זיין אין דער זובאָוראַטשעבנע, דערנאָך שוין...

— גוט, וואָס דו האָסט מיר געזאָגט! — חאַפּט אונטער דוד, — אָהן דיר וואָלט איך גאָר ניט געוואוסט מסתמא, וואָס איך האָב צו טון. דאָרט, וואו ס'איז שייך צו פּראַוואָזשיטעלסטווע, מעגסט דו זיך שוין, נישקשה, פערלאָזען אויף מיר.

— אַזוי? אַז דו ביסט יאָ אַזאַ בריה, פאַרוואָס-זשע האָסט דו ניט געזעהען, אַז די פּראַוואָזשיטעלסטווע זאָל זיין ביי איהם אין קע-שענע, ראָכמייסטער מיינער?

— וואָס זאָל איך רעדען מיט אַ בהמה? איך האָב דיר געזאָגט, דאַכט מיר, זיבען און זיבעציג מאָל, אַז ער איז אַ יונגעל און אַ יונ-געל און אַ יונגעל: וויפיעל איך טאָלקעווע איהם און טאָלקעווע, אַז אַ יוד אָהן אַ פּראַוואָזשיטעלסטווע אין קעשענע איז ווי אַ מענש אָהן „וואָזדעך" און ווי אַ פיש אָהן וואַסער — הערט ער מיך ווי דעם פּאַראַ-

יאָהריגען שניי. אין איין אויער אַריין, פונ׳ם אַנדערען אַרויס... אַ מאָדנע נפש, אָט דער ראַבינאָוויטש! למאי אַזוי ווי ער האָט נייטיג בעדאַרפט אַרויסשפּרינגען קעגען דעם דאָזיגען טשינאָווניק און אויפהייבען אויף איהם אַ קול, אַז איך בין שיער טויט געפאַלען! ער האָט אין זיך, זאָג איך דיר, אָפּשניצלען גאָר ניט פון קיין יודען! איך ווייס גאָר ניט, וואָס דאָס איז פאַר אַ מין יוד אויף דער וועלט! האָט קיין מורא ניט פאַר קיין זאַך, ניט פאַר קיין פּאָליציע, ניט פאַר קיין רוח, ניט פאַר קיין שוואַרץ-יאָהר!...

דאָ מישט זיך שוין אַריין די טאָכטער, וואָס קאָן מעהר ניט איבערטראָגען די דאָזיגע רייד, און גיט אַוועק דעם פאָטער אַ גאָב, למאי ער רעכענט פאַר אַ חסרון דאָס, וואָס איז אייגענטליך אַ מעלה...

שטעלט זיך אַוועק אַקעגען די מוטער, נעמט זיך אָן דעם מאַנס קריוודע, און האַפּט אויך אַ פּסק פון דער טאָכטער. און אָט אַזוי געהט אַוועק די נאַכט אין אונענדליכע שמועסען, און פון שלאָפען האָט מען שוין גאָר פערגעסען אפילו קלערען.

אפילו דער קליינער סיאָמקע! סיאָמקע, וואָס איז פון קינדוויז אויף אויסגעוואַקסען אויף אייביגע פּחדים פאַר „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ" און אין שטענדיגע שרעק פאַר פּאָליציע, האָט אויך נישט געקאָנט אַזוי גיך נאָך אַ מאָל איינשלאָפען.

דער פאַקט, וואָס מע האָט צוגענומען פּלוצים, אין מיטען דרינען, זיין לעהרער, איז ביי איהם געוועזען ניט אַזוי שטאַרק אָבגעפרעגט: נו, מסתמא איז ביי איהם ניט די „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ" ווי עס דאַרף צו זיין... דאָס, וואָס איהם האָט ניט געלאָזט שלאָפען, איז געוועזען איין אַנדער זאַך: וואָס וועט זיין מיט די אָטמעטקעס אין גימנאַזיע? אָהן דעם רעפּעטיטאָר וועט ער נישט ברענגען מעהר קיין פּינפען (ער ווייסט עס פאַר געוויס), און אַז ער וועט ניט ברענגען קיין פּינפען, וועט איהם דער טאַטע ניט געבען קיין פערציגערס. און אַז ער וועט ניט האָבען קיין פערציגערס, וואו וועט ער נעמען געלד אויף צו געהן אין קינעמאַטאָגראַף?

אַ ביסעל האָט איהם אויך באַנג געטון טאַקי דער רעפּעטיטאָר אַליין. אַ רחמנות — טאָמער שיקט מען איהם מיט׳ן עטאַפּ... און מיט וועמען וועט ער, סיאָמקע, איצט מאַכען די אוראָקען? מיט בעטין? ער האָט פיינט לערנען מיט בעטין. באַלד ווערט זי אין כעס. אַ שוועבעלע! מיט דעם קוואַרטיראַנט לערנען איז גאָר אַנדערש. מיט

איהם לערנען איז אַ מחיה. ער האָט ליעב דעם קוואַרטיראַנט און דער קוואַרטיראַנט האָט ליעב איהם. ער ווייס, אַז דער קוואַרטיראַנט האָט איהם ליעב. ער האָט זיי אַלעמען ליעב: איהם און די מאַמע און בעטין. בעטין נאָך מעהר ווי אַלעמען... דאָס ווייס ער פּאַר געוויס... וואָרום וואָס דען קוקט ער אַזוי אויף דער שוועסטער, טאַקי אָט דער ראַבּינאָוויטש, בעת קיינער זעהט ניט?... און פאַרוואָס לאָזט ער אַראָב די אויגען, אַז די מאַמע קוקט אויף איהם, ווי ער קוקט אויף דער שוועסטער?...

און די שוועסטער איהם — האָט אויך ליעב סכנות-נפשות! וואָרום אַז ניט, וואָס ווערט זי אַזוי רויט אַלעמאָל, ווען ער קוקט אויף איהר?... און וואָס שרייבען זיי דאָס ביידע, איינס דאָס אַנדערע, אויפ׳ן טאָוועל פון ביכעל איינציגע אותיות, וואָס מע דאַרף זיין מיט אַכצעהן קעפּ, מע זאָל עס קאָנען איבערלייענען!... אַ רחמנות אויף דער שוועסטער, טאָמער בלייבט זי אָהן אַ לעהרער... נאָר ניט שוין-זשע וועט ער טאַקי צוריק ניט קומען? ביי ועמען ווערט מען עס געוואָהר? ביי בעטין? בעטי איז אין כעס. זי שווייגט, נאָר ער ווייס, אַז זי איז אין כעס... טאַטע-מאַמע זענען פערנומען אין זייער שמועס. מע שמועסט און מע ווערטעלט זיך. ער איהר „בהמה" און זי איהם „קוריערסקי-פּאָיעזד" — חאַ-חאַ-חאַ!... נאָר שאַ. אָט האָט בע-טי זיך אויך אַריינגעמישט אין זייער שמועס. מע בעדאַרף האָרכען, וואָס זאָגט בעטי...

און סיאָמקע הערט זיך איין, וואָס בעטי זאָגט.

— איך קאָן שוין מעהר ניט הערען, — זאָגט זי — די גאַל קאָן צוזעצט ווערען! וואָס האָט איהר געוואָלט — ער זאָל זיך לאָזען טרע-טען מיט די פיס אַזוי ווי איהר? קריכען אויף אַלע פיער אַזוי ווי איהר?... איהם וועט מען ניט זאָגען דו, אַזוי ווי אייך. זייט זיכער!...

— אַ גליק האָט איהם געטראָפען! — רופט זיך אָב די מוטער פון איהר בעט אַרויס, מיט אַ קול פון אַ מענשען, וואָס וואָלט אַ בעלן געווען חאָטש נאָך אַ ביסעל שלאָפען און קאָן ניט. — וואָס זאָגסט דו אויף דעם גליק: מע וועט איהם שוין ניט זאָגען דו, מע וועט איהם זאָגען איהר! זייט-זשע מוחל, וועט מען איהם זאָגען, פאָהרט אייך געזונטערהייד צוריק קיין שקלאָוו...

— מאָל דיר, דאָס רעדסט דו שוין ווי אַ יודינע! — האַקט איהר אָפּ דוד פון זיין בעט אַרויס, — צוריק קיין שקלאָוו וועט מען איהם

ניט שיקען, מעגסט זיך שוין פּערלאָזען אויף מיר. אַ זאַקאָן איז אַ זאַקאָן. זובאָווראַטשעבנע איז אַזוי גוט ווי אוניווערסיטעט. לאָז נאָר ווערען טאָג, אַזוי פליה איך אַוועק צום פּאָליצמייסטער.

— ווידעראַמאָל צום פּאָליצמייסטער? דו קעהרסט מיינען אין זובאָווראַטשעבנע? — שלאָגט איהם איבער שרה.

— נו, פּערשטעהט זיך. פריהער אין זובאָווראַטשעבנע, דערנאָך צום פּאָליצמייסטער. וועט איהם דער פּאָליצמייסטער באַלד הייסען אַרויסלאָזען. מעגסט שוין זיין זיכער!

— הלואי, רבונו-של-עלום! — זאָגט שרה מיט אַ זיפץ. — פון דיין מויל אין גאָטס אויערן...

— נו, דאַנקען גאָט! — טראַכט זיך סיאָמקע. — וויבאַלד אַזוי, קאָנען מיר נאָך מאָרגען מאַכען מיט איהם די אוראָקען. היינט איז סיי ווי ניטאָ ניט קיין מאַטעמאַטיקע, ניט קיין געאָגראַפיע. וואָס דען איז היינט?

און סיאָמקעס געדאַנקען געהען אַוועק אינגאַנצען מיט איהם אינ-איינעם אין די אוראָקען, גימנאַזיע, מאַטעמאַטיקע, געאָגראַפיע, און ער הערט נישט מעהר דעם ווייטערען שמועס פון דער שוועסטער און דאָס ווערטלען זיך פון טאַטע-מאַמע. ער דרעהט זיך אויס מיט'ן פּנים צו דער וואַנט, דעקט זיך איבער מיט דער קאָלדרע איבערן קאָפּ און ווערט גיך אַנשלאָפען, מיט דעם רוהיגען געבענשטען שלאָף, וואָס איז נאָך מעגליך נאָר אין די יונגע, גליקליכע, קינדערשע יאָהרען.

## דאָס זעכצעהנטע קאַפּיטעל.

## אין געפענגעניש.

אַז מע האַפּט אײַך אויף אין מיטען נאַכט, סאַמע אין בעסטען שלאָף, און מע מאַכט מיט אײַך אַ שפּאַציר איבער עטליכע פינסטערע גאַסען באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ און ווידעראַמאָל באַרג אַרויף, און מע טיאָפּקעט זיך מיט אײַך איבער דער אָסיענדיגער בלאָטע מיט אַ גאַנצער חאַליאַסטרע סאָלדאַטען, וואָס טרייבען אײַך מיט אַלע געפּאַנגענע האַלז און נאַקען, און איהר הערט זיך אָן אַזעלכע רייד מיט אַזעלכע קללות, וואָס איהר האָט נאָך אַזעלכס ניט געהערט קיין-מאָל, און מע ברענגט אײַך צו פיהרען אין אַ מקום, וואו ס'איז אָנגע-רויכערט און אָנגעשטונקען אַזוי, אַז מע זעהט ניט די ליכטיגע וועלט, און מע נעמט אײַך און מע זעצט אײַך אַריין אינאיינעם מיט שכורים און גנבים און גאָט ווייס מיט וועמען, און איהר ווילט זיך צוזעצען און ס'איז ניטאָ אויף וואָס, סיידען אויף דער הוילער שמוציגער און גליטשיגער ערד, און טאָמער ווילט איהר פּראָטעסטירען, איז ניטאָ צו וועמען, סיידען צו די פיער ווענט, — אָט דאָס אַלעס אַז איהר מאַכט דורך, פערלירט איהר דעם גאַנצען קוראַזש און פערטראַכט זיך וועגען אַזעלכע זאַכען, וואָס איהר האָט ביז אַהער ווינציגער פון אַלץ גע-טראַכט.

וויפיעל אונזער העלד האָט זיך ניט געשטאַרקט, אָנגענומען זיך מיט האַרץ, געשפּאַנט ווי אַ קאָזאַק מיט'ן גאַנצען „אָבהאָד" צום טאַקט: איינס-צוויי, איינס-צוויי, זיך געגעבען דאָס וואָרט זיין שטאַרק ביז'ן סוף, און אדרבה, זיך געפיהלט אין דער דאָזיגער נאַכט נאָך מעהר שטאַרק און מעהר שטאָלץ ווי אַלע מאָל, — דאָך, אַז מע האָט איהם אַראָבגעלאָזט אינ'ם גוטען מקום אַריין, האָט ער זיך געמוזט מודה זיין, אַז בעשרייבען דאָס לעבען אין אַ בוך איז אַ סך גרינגער, ווי-

אַליין דאָס דורכצומאַכן, און אַז זיין אַ יוד איז, אַפּנים, אַ סך שווערער, ווי מע קאָן זיך פאָרשטעלען...

דאָס, וואָס ער האָט זיך אָנגעזעהען און אָנגעהערט אין געפענגעניש, און דאָס, וואָס ער האָט פון דאַנען אַרויסגעטראָגען אין דער איינציגער נאַכט, וואָלט ער געוויס ניט אַרויסגעטראָגען פאַר אַ גאַנץ יאָהר לעבען אויף דער פרייהייט.

אַלע מאָל האָט זיך געעפענט די טיר און ס'איז אַריין אַ נייער טראַנספּאָרט פון געפאַנגענע, מעהרסטענטיילס יודען, איבערגעשראָקענע ווי די האָזען, אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, פערפינסטערטע, פערחשכ'טע און דערשלאָגענע. און וואָס איהם האָט אינטערעסירט—איז דאָס, וואָס די „אַלטגעזעסענע" האָבען בעגעגענט יעדען יודישען טראַנספּאָרט מיט אַ גדולה, מיט אַ געלעכטער און מיט אַלערליי שאַרפע פיקאַנטנע ווערטער, און אָפטמאָל אויך מיט אַ קללה, מיט אַ קריץ מיט די צייהן און מיט אַ סטוסאַק אין זייט אַריין: „זשידאָוווסקאַיאַ מאָרדאַ", „פּסיאַקרעוו" אָדער „סאָבּאַקאַ נעווירנאַיאַ",—עס ווענדט זיך אין דעם, ווער די זאָגערס זענען געווען: איין עכטער פאָניע, אַ פּאָליאַק אָדער אַ מאַלאָראָס...

און וואָס איהם האָט אינגאַנצען איבערראַשט—איז דאָס, וואָס די אַלע איבערגעשראָקענע, אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, פערפינסטערטע, פערחשכ'טע און דערשלאָגענע האָבען אויסגעהערט די געלעכטערן מיט די קללות אַזוי קאַלט, גלייך ווי ניט זיי מיינט מען!...

איינער, איין אויסגעטריקענט יודעל, מיט אַ זאַק, וואָס איז כמעט צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי ער אַליין, האָט געחאַפּט איין אָנצוהערעניש אין זייט אַריין פון אַ הויכען, ברייטביינעריגען חברה-מאַן, אויך איין אָפּגעריסענער, אַזוי אַז ער האָט זיך שיער איבערגעקעהרט מיט'ן זאַק דריי מאָל, האָט נאָר אַ קוק געגעבען דעם ברייטביינעריגען חברה-מאַן אין פּנים אַריין, גלייך ווי ער וואָלט חשק געהאַט צו וויסען, וואָס לאָזט איהם דאָ יענער הערען?... פון דעם, וואָס אַלע אַנדערע יודען זענען אָנגעפאַלען אויפ'ן אָפּגעשטויסענעם יודעל מיט'ן זאַק און גענומען רעדען אַלע מיט אַמאָל, האָט ראַבינאָוויטש פערשטאַנען, אַז דאָס האָבען איהם זיינע אַפּירגעהאַלטען, למאי ער קריכט ניט אַהין וואו מע דאַרף, למאי ער שלעפּט זיך אַרום מיט אַזאַ גרויסען זאַק. און עס האָט איהם שטאַרק געוואונדערט, פאַרוואָס אייגענע ברידער נעמען זיך ניט אָן פאַר איין אייגענעם. וואו איז זייער גע-

וויסע „סאָלידאַרנאָסט״?— האָט ער זיך געטראַכט. — וואו איז זייער קהל, זייער „קאַגאַל״, וואָס ער האָט געלייענט וועגען דעם וויפיעל מאָל אין דער „נאָוואָיע ווערעמיאַ״ און אין אַנדערע צייטונגען, וואָס רופען זיך „רעכטע״?...

— וואָס איז דאָס פאַר אַ פאָלק? — האָט ער זיך אַליין געפרעגט, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף איין עק באַנק, וואָס איינער, איין אַלטגעזעסענער, מיט איין אונטערגעשלאָגען אויג, האָט איהם אָפּגעטראָטען. — וואָס איז דאָס פאַר אַ מין פאָלק, וואָס קאָן לע-בען אונטער אַזעלכע אומשטענדען, עסען, טרינקען און שלאָפען, האַנד-לען און וואַנדלען, לערנען, חזר׳ן, געהן אין טעאַטער און אויף קאָנצערטען, טאַנצען און פרייען זיך, אין דער צייט ווען מע קאָן קומען צו אייך אין מיטען האַלבע נאַכט, מאַכען אויף אייך איין „אָב-לאַווע״, ווי מע מאַכט אויף אמת׳ע גנבים, אָדער אויף ווילדע חיות, און בעגעהן זיך מיט אייך קעגען אַלע מענשליכע און געטליכע געזע-צען? וואו ליגט בעהאַלטען דער דאָזיגער וואונדערליכער סוד? און פון וואַנען נעמט זיך אַזאַ שנאה פון אַלעמען צו איינעם? עס מוז דאָך האָבען עפּעס אַ גרונד, אַ שורש! עס איז דאָך ניט מעגליך, אַז אַלע זאָלען זיך נעמען אויף איינעם גאָר אומזיסט-אומנישט, גאָר אָהן אַ שום טעם און אָהן אַ שום סיבה! מסתמא מוזען דאָך עפּיס די יודען האָ-בען אין זיך אַזעלכס... אַזעלכס, וואָס שטויסט אָפּ פון זיי די גאַנ-צע וועלט...

אין דער מינוט האָט זיך געעפענט די טיר און עס איז אַריינ-געפיהרט געוואָרען אַ נייער טראַנספּאָרט „געפאַנגענע״. דאָס זענען גע-ווען ווידער מעהרסטענטיילס יודען, וואָס האָבען גערעדט אַלע אינאיי-נעם און אַזוי הויך, אַז איינער פון די אַרעסטאַנטען האָט זיך גענומען איבערקרימען זיי: „גער-גער-גער״. און דער עולם האָט אויסגעשאָסען אַ לעבעדיגען געלעכטער.

דאָס האָט געצוואונגען די יודען, זיי זאָלען אָנהייבען רעדען אַ ביסעל שטילער. איז דאָס אָבער ניט געפעלען געוואָרען יענעם נפש, וואָס מיט׳ן אונטערגעשלאָגענעם אויג, און ער איז אָנגעפאַלען אויף די יודען מיט אַ טענה, למאי זיי שעפּטשען זיך, פיהרען סודות, שאַכער-מאַכער — און אויסגעלאָזט האָט ער מיט אַ האַרב וואָרט און מיט אַ קללה, וואָס איז זעהר פּאָפּולער צווישען דער דאָזיגער חברה, וואָס די געזעלשאַפט האָט געשטעמפּעלט מיט׳ן נאָמען „חוליגאַנעס״.

— ניט אומזיסט שלאָגט מען זיי! — רופט זיך אָן איינער, וואָס איבערן רויך קאָן מען ניט זעהען זיין פּנים.

— שלאָגען אַליין איז ווינציג, — חאַפּט איהם אונטער נאָך איינער, ווייזט אויס נאָך דער שפּראַך אַ אינטעליגענט. — דאָס גוטס דאַרף מען ביי זיי עקספּראָפּריאירען און זיי אַליין דאַרף מען אויסקוילען ווי די שאָף.

אונזער העלד האָט זיך אַזש אויפגעהויבען. איהם האָט זיך זעהר געוואָלט אָנקוקען דעם פּנים פון דעם דאָזיגען אינטעליגענט. ער האָט אָבער באַלד פערגעסען, צוליעב וואָס ער איז אויפגעשטאַנען, וואָרום ער האָט זיך בעגעגענט מיט אַ פּאָר בעקאַנטע אויגען, וועלכע האָבען איהם אויך באַלד דערקענט.

## דאָס זיבעצעהנטע קאַפּיטעל.

## אַ בעגעגעניש.

די אויגען — דאָס איז געווען דער פּינסקער בחור מיט'ן כּריש-טשעוואַטען פּנים און מיט'ן ווייסען זומערדיגען קאָסטיום, איינער פון די דרייצעהן מעדאַליסטען, וואָס האָבען זיך אונטערגעשריבען אויף דער געוויסער טעלעגראַמע צום מיניסטער.

— שלום-עליכם! — אַזוי האָט איהם בעגריסט דער פּינסקער בחור אויף יודיש און מיט אַ ניגון, אויסגעצויגען צו ראַבּינאָוויטשען אַ האַנד. ער האָט זיך אָבער באַלד פערכאַפּט און אָנגעהויבען רעדען אויף רוסיש. — באַ! איך האָב גאָר פערגעסען, אַז איהר זענט יענער פענאָמען, וואָס פערשטעהט אַלע שפּראַכען חוץ אייער אייגענעם לשון, אייער מוטער-שפּראַך. ניט שוין-זשע גיט עס ניט קיין פּראַוואָזשיטעלסטווא, פּאַניע ראַבּינאָוויטש?...

— אייך ליגט נאָך אין זינען צו וויצלען זיך? — זאָגט צו איהם ראַבּינאָוויטש — ווי קומט איהר אַהער?

— ווי קום איך אַהער? חאַ-חאַ, דורך די אייגענע זכות-אבות, וואָס איהר... אַ נאַכט פון אָבלאַוועס... איך לאַך אָבער פון זייער באָבע, הערט זיך איין, וואָס וועט מען מיר טון? מע וועט מיר אָנשרייבען מיט רויטען און הייסען פאָהרען אַהיים קיין פּינסק? וועל איך פאָהרען קיין פּינסק. פּחע! חאָטש זיי זאָלען אַזוי האָבען די נאָז, ווי איך האָב מיט וואָס צו פאָהרען!... זעהט איהר, פאַר וועמען עס אַרט מיך? פאַר מיין שוועסטער. ווייל מע האָט מיך געפּאַקט ביי מיין שוועסטער, קאָן מען צונעמען ביי איהר די פּראַוואָזשיטעלסטווע. איהר מאַן איז אַ בעל-מלאכה, איין אַיינבינדער. נו, און אייך וואו האָט מען געפּאַקט?...

— מיך?... וואָס שטעהט איהר? זיצט. — מאַכט צו איהם ראַבּי-נאָוויטש און קוקט זיך אַרום, זוכט אַיין אָרט פֿאַר זיין בעקאַנטען און דערזעהט, אַז ער אַליין איז אויך געבּליבּען אָהן אַיין אָרט. דער עולם איז געוואויער געוואָרען, אַז ער הייסט ראַבּינאָוויטש און שמו-עסט פֿון אָבלאַוועס און פֿון פּראַוואָזשיטעלסטווע, האָט מען אָנגעוואָ-רען דעם גאַנצען דרך-ארץ צו איהם. דער אייגענער נפש מיט'ן אונ-טערגעשלאָגענעם אויג, וואָס האָט איהם פֿריהער אַזוי עלעגאַנט אָבּגעע-טראָטען דעם אָרט, האָט זיך איצט צולעגט ווי בּיי זיין טאַטען אין וויינגאָרטען, אַרויפֿגענומען בּיידע בּאָרפֿיסע פֿיס אויף דער בּאַנק און געבּען איהם האָט זיך אַוועקגעזעצט אַ גאַסענשיקסע, וואָס שמעקט מיט בּראָנפֿען און מיט יאָדאָפֿאָרם, און ס'איז אַוועק בּיי זיי אַ שמועס ווי-דער וועגען יודען, פֿון וועלכע ס'איז שוין גאָר ניט אויסצושטעהן; אַז וואו מע געהט און וואו מע שטעהט!...

— ניטאָ קיין טויט אויף זיי! — רופֿט זיך אָפּ די שמעקענדיגע גאַסענשיקסע און שפּיגעלט זיך אין איהרע עלעגאַנטע שיך, וואָס קו-קען אַרויס פֿון איהר שמאָל קליידעל.

— אמת'ע מיקראָבּען! — חאַפּט אונטער דער אינטעליגענט. — די טבע פֿון מיקראָבּען איז אַזעלכע, אַז וואָס מעהר מע פֿאָרעט זיך מיט זיי, מעהר פֿרוכפּערן זיי זיך און מעהרען זיך. לייענט די „זנאַמיאַ", וועט איהר וויסען, וואָס פֿאַר אַיין אומה דאָס איז...

דער אינטעליגענט דרשנ'ט און דרשנ'ט, און דער גאַנצער עולם הערט איהם אויס מיט קאָפּ. זעלטען וועך עס שלאָגט איהם איבּער, אַריינשטעלענדיג אַ פּיקאַנטנע וואָרט, אָדער אַ שאַרפֿע קללה, וואָס רופֿט אַרויס אַ פֿריילּיך געלעכטער. נישט ווילענדיג הע-רען זיך אַיין אין דער דרשה אויך אונזערע צוויי קאַנדידאַטען-מעדאַ-ליסטען.

— וואָס וועט איהר הערען, ווי אַ הונט בּילט? — מאַכט דער פּינסקער בּחור צו ראַבּינאָוויטשען שטילערהייד, און ער ציהט איהם אָפּ אין אַ זייט און פֿרעגט זיך אויס בּיי איהם, ווי אַזוי ער לעבּט און ווי אַזוי געהט עס איהם צווישען די דאַנטיסטען און וואָס הערט זיך מיט זייער דעפּעש צום מיניסטער.

— דאָס דאַרף מען פֿרעגען בּיי טומאַרקינען, — ענטפֿערט איהם ראַבּינאָוויטש, און פֿרעגט זיך אויס בּיים פּינסקער בּחור, וואָס טוט ער און וואָס קלערט ער טון ווייטער?

— עך, פרעגט ניט! — ענטפערט איהם דער פינסקער בחור מיט אַ מאַך מיט דער האַנד און מיט אַ ביטער שמייכעל. — מיר מאַכען! ס'איז שוין איין מאָל געמאַכט! מיר האָט מען צושלאָגען אַלע מיינע גלענצענדע פלאַנען! חרוב געמאַכט אַלע מיינע גאָלדענע שלעסער! ביי מיר, הערט זיך איין, באַמבעלט זיך אין מח אַ גאַנצע רייהע פון נייע ערפינדונגען אין דער מעדיצין. איך האָב געוואָלט געהן אויף כעמיע. מיך ציהט עס אין כעמישען לאַבאָראַטאָריום. נאָך מיין מיינונג, בעדאַרף די כעמאָטעראַפיע מאַכען איין איבערקעהרעניש אין דער גאַנצער מעדיצין. זינט עהרליך האָט ענטדעקט זיין ניי מיטעל צו סיפיליס, לאָזט עס מיך ניט לעבען. איך בין איבערצייגט, עס איז ביי מיר ווי צוויי מאָל צוויי, אַז מיט דעם וועג, וואָס עהרליך איז אַוועקגעגאַנגען, אויב מיר געהען ווייטער, געפינען מיר אַ מיטעל אויך צו אַ ראַק און צו טובערקולאָז און צו אַלע אַנדערע שלעק, פורעניות'ן, וואָס מאַכען אַ תל פון דער מענשהייט. לעבען זאָל אונזער עהרליך! ווייסט איהר, אַז ער איז אַ אונזעריגער?

— ווער? — פרעגט איהם ראַבינאָוויטש און בעטראַכט דעם גרויסען ווייסען שטערן פונ'ם דאָזיגען בחור.

— ווער? פראָפעסאָר עהרליך. ער איז אַ אונזעריגער. — ענטפערט איהם דער פינסקער בחור שוין מיט פערדראָס.

— וואָס הייסט אַ אונזעריגער?

— דאָס הייסט, ער האָט ניט קיין פראַוואָזשיטעלסטווע, אַזוי ווי איהר, אַזוי ווי איך, אַזוי ווי מיר אַלע, חאַ-חאַ! און טאָמער, חלילה, קומט ער צו פאָהרען אַהער און מע פאַקט איהם, הערט זיך איין, זיצט ער גלייך מיט אונז אַלע אָט אַדאָ און הערט, ווי יענער דרשנ'ט וועגען מיקראָבען... זיין גליק, וואָס ער זיצט דאָרטען, ביי די פינסטערע דייטשען.... מאָלט אייך, ער פיהלט דאָרט אויך דעם טעם פון גלות, וואָס הייסט אַ יוד.

— טאַקי באמת?

— טאַקי באמת — וואָס? איהר האָט ניט געלייענט אויף די צייטונגען? איהר אינטערעסירט זיך ניט? איהר זענט קיין יוד ניט?

— ניין! — זאָגט ראַבינאָוויטש און פערהאַפּט זיך, — דאָס הייסט, יאָ. אַ יוד בין איך. נאָר די לעצטע צייט האָב איך ווייניג געלייענט ... וואָס-זשע שרייבט מען וועגען איהם?

— וואָס מע שרייבט? עס קעהרט זיך די וועלט! אַ סברא, אַז

די ערשטע צייט האָט מען גאָר ניט געוואוסט, ווער דער עהרליך איז. עפּיס אַ פראַנקפורטער פּראָפעסאָרעל. איצט ווייס מען שוין, הערט זיך איין, ערשטענס, אַז ער איז אַ אונזעריגער, משלנו, הייסט עס, — אַ נאַש-בראַט; און, צווייטענס, אַז ער האָט זיך נעבאַך געריסען אין בערלינער אוניווערסיטעט, געבעטען אַ סטענדער, אַ קאַטעדרע, אַיין אייגענע לאַבאָראַטאָריום און אַ ביסעל תּלמידים... נו, האָט מען איהם געזאָגט: לא מיט אַיין אלף! אַ טפררוס!

— פאַרוואָס?

דער פינסקער בחור האָט זיך אַזש געהאַפּט ביי די זייטען פאַר געלעכטער:

— פאַרוואָס? פאַר שבת. אָט הערט איהר דאָך, וואָס יענער חברה-מאַן דרשנ׳ט: מיקראָבען, פּאַראַזיטען, עקספּלאָאַטאַטאָרען, חאַ-חאַ-חאַ!...

* *

*

יאָס, וואָס דער פינסקער בחור האָט איהם דאָ דערצעהלט וועגען פּראָפעסאָר עהרליך, האָט איהם געבראַכט דערצו, ער זאָל זיך נאָך טיעפער פערטראַכטען אויף דעם, וואָס לאָזט איהם ניט צו רוה: „נו, בלייבט דאָך פאָרט אַ קשיא: פון וואַנען נעמט זיך אַזאַ פערברענטע שנאה פון אַ גרויסער גאַנצער וועלט צו אַ קליין הייפעלע מענשען, וואָס רופען זיך יודען?“...

און ער דערמאַנט זיך, אַז כמעט די אייגענע רייד מיט די אייגענע ווערטער, וואָס ער הערט אַצינד אָט דאָ וועגען מיקראָבען, פּאַראַזיטען און עקספּלאָאַטאַטאָרען, האָט ער געהערט וויפיעל מאָל נאָך ביי זיך אין דער היים, געלייענט אין דער „נאָוואָיע וורעמיאַ“ און אין אַנדערע צייטונגען, וואָס רופען זיך „רעכטע“. נאָר וואָס דען? ער האָט זיך קיינמאָל ניט אָפּגעשטעלט דערויף און ניט פערטראַכט זיך דערויף, ווי ער האָט זיך פערטראַכט אַצינד. איצט, אַז ער איז צווישען יודען, מוז ער עס דערגעהן אַקוראַט. איצט האָט ער אַ געלעגענהייט צו שטודירען די פראַגע אינ׳ם מקור, אינ׳ם שורש, צוקוקען זיך, אויספאָרשען, אויסלערנען... און ער איז צופרידען, וואָס ער האָט אַזאַ געלעגענהייט, אַזוי צופרידען, אַז ער האָט שוין כמעט גאָר

פערגעסען, וואו ער געפינט זיך, און האָט זיך כמעט גאָר ניט אַרומגעקוקט, ווי די נאַכט איז אַוועק.

אויף אינדערפריה איז גאָר ניט געווען צו בעמערקען אויף זיין תּמיד פריש פריילוך פנים, וואָס פאַר אַ שווערע נאַכט ער האָט איבערגעלעבט און וואָס פאַר בזיונות און בעליידיגונגען ער איז אויסגעשטאַנען. נאָכדעם האָט מען איהם אַרויפגערופען אַרויף.

אַריינגעטראָטען איז ער אין קאַבינעט אפילו אַיין אָנגעשטאָהלענער, גרייט געווען צו אויפהייבען אַ סקאַנדאַל. נאָר ער איז באַלד געבליבען אָהן ווערטער, ווארום מע האָט איהם אויפגענומען דאָרט אויבען זעהר העפליך, געגעבען צו וויסען, אַז מע האָט נאָר-וואָס אָפּגעקלונגען פון דעם פּאָליצמייסטער, אַז זיין פּראַוואָזשיטעלסטווע איז אין אָרדנונג און אַז ער קאָן געהן.

„שפּיראָ!"... פליהט איהם דורך אין קאָפּ, און באַלד נאָך שפּיראָ'ן קומט איהם אויפ'ן זינען „בעטי" — און אַ מאָדנע וואַרימקייט, פיהלט ער, האָט זיך צוטראָגען פון האַרצען איבער אַלע זיינע גליעדער.

— ניט שוין-זשע איז דאָס אַזוי ערנסט? — טראַכט ער זיך, חאַפּט אַ דראָזשקע און הייסט זיך פיהרען אויף דער יודישער גאַס.

— וואָס וועט אָבער זיין פוז דעם?... וואָס וועט זיין? וואָס וועט זיין?...

די פראַגע: „וואָס וועט זיין פון דעם?" האָט ער די לעצטע צייט ניט איין מאָל געפרעגט ביי זיך אַליין. סוף-כּל-סוף וועט ער דאָך איהר מוזען ענטדעקען דעם סוד, ווער ער איז און וואָס ער איז... ווי אַזוי וועט ער איהר דאָס זאָגען?... ווי אַזוי וועט זי דאָס אָננעמען?... און וואָס וועט נאָכדעם זיין?... נאָכדעם?...

אָט די אַלע געדאַנקען האָבען זיך ווי אַ וויכער געטראָגען ביי איהם אין קאָפּ, פליהענדיג מיט דער דראָזשקע אינ'ם פרישען אָסיענדיגען פריהמאָרגען איבער די שלעכט-געפלאַסטערטע גאַסען, וואָס פונ'ם קלאַפּען פון די אַייזערנע שינעס איבער די שפּיצעכיגע שטיינער קאָן מען טויב ווערען.

אַראָבגעשפּרונגען פון דער דראָזשקע, אָנגעקלונגען אין דער טיר און דערזעהן בעטין — איז געוואָרען אויס מיט אַלע פראַגען... און חאָטש בעטי איז איהם ניט געפאַלען אויפ'ן האַלז, און חאָטש זי האָט איהם בעגעגענט מעהר ניט אַז פריינדליך, עטוואָס מעהר ווי מיט אַ וואַרימער פריינדשאַפט, דאָך האָבען איהם איהרע אויגען געזאָגט אַ

סך מעהר ווי די ווארימסטע ווערטער... און ער איז אריינגעקומען צו די שפיראס אין שטוב אריין, ווי מע קומט אריין צו זיך אהיים. און ער האט בעגעגענט די שפיראס, ווי מע בעגעגענט פאטער און מו-טער. און מע האט דערלאנגט צום טיש. און ס'איז געווארען פריי-ליך. און מע האט גענומען דערצעהלען איטליכער זיינס: דער קוואר-טיראנט, ווי אזוי ער האט פערבראכט די נאכט אין געפענגעניש, און דער בעל-הבית — דוד שפירא — ווי אזוי ער האט קוים דערלעבט דעם פריהמארגען, אזוי איז ער באלד אוועק אין זובאווראטשעבנע און פון דארט צום פאליצמייסטער...

— באלד איז ער אוועק? — שלאגט איהם איבער די בעל-הבית'טע, שרה שפירא, און קוקט אויף דער טאכטער. — איך זאג איהם אפשר צעהן מאל: דוד, מע בעדארף זיין פריהער אין דער זובאווראטשעבנע, דערנאך ביים פאליצמייסטער.

— וואס זאגסט דו אויף איהר? — מאכט דוד צו דער טאכטער, — זי זאגט, אז זי האט מיר געזאגט...

— דו האסט געזאגט, זי האט געזאגט! — רייסט זיי איבער די טאכטער און ווענדט זיך צום קווארטיראנט: — דערצעהלט בעסער איהר, ווי אזוי איז געווען אינדערפריה, אז מע האט אייך ארויפגערופען ארויף?...

— דזין-דזין!

— ווער איז?

סיאמקע פון גימנאזיע. א פערוויטעלטער פון דער קעלט, א פערסאפעטער פון די טרעפ, מיט'ן רענצעל אויף די פלייצעס — און גלייך צום לעהרער אויפ'ן האלז.

דער תלמיד מיט'ן לעהרער האבען זיך צוקושט.

## דאָס אַכצעהנטע קאַפּיטעל.

## נאָך דער „אָבלאַווע"

די נאַכט, וואָס אונזער העלד האָט פּערבראַכט אין געפּענגעניש אָהן שלאָף, און דאָס ביסעל צרות, יסורים, אויפרעגונג און עגמת-נפש, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען פון דעם אַלעם, וואָס ער האָט זיך אָנגעזעהען און אָנגעהערט, איז ניט אָפּגעלאָפען אינגאַנצען גלאַט פאַר זיין געזונד, — און ער האָט אַ ביסעל צוגעקרענקט. ער האָט זיך גע-קלאָגט, אַז דער קאָפּ טוט וועה, אַ ביסעל געפיבערט און אַקעגען נאַכט איז ער שוין געלעגען ביי זיך אין זיין סדום-בעטעל, איבערגעדעקט פון אויבען איבער דער קאָלדרע מיט אַ גרויסען וואַרימען איבערבעט און געשוויצט.

דאָס איבערבעט איז געווען דער בעל-הבית'טעס איבערבעט, און דאָס שוויצען איז אויך געווען איהר אַרבייט. זי האָט איהם אָנגעטרונ-קען מיט טיי פון טרוקענע מאַלינעס, איינגעדעקט ווי עס געהער צו זיין און צוגעריים עסיג מיט ספּירט, אַז דוד וועט קומען אויף דער נאַכט פון דער סלוושבע, וועט ער איהם אָרענטליך אויסשמירען דאָס לייב, וועט ער ערשט דעמאָלט קאָנען רעכט שוויצען.

שרה שפּירא האָט אפילו באַלד געוואָלט שיקען די טאָכטער נאָכ'ן דאָקטאָר, האָט זיך דער קוואַרטיראַנט איינגעשפּאַרט: מע דאַרף ניט.

— וואָס וועט אַייך אַרען, אַז דער דאָקטאָר וועט אַייך זעהען?

— מע דאַרף ניט.

— אַ בעקאַנטער דאָקטאָר, אַ היימישער מענש.

— מע דאַרף ניט.

— ער נעמט נישט טייער... וויפיעל מע גיט איהם...

— מע דאַרף ניט.

— אַט אַ משוגענער עקשן! — האָט זיך שרה שפּיראָ אָנגערופֿען צו דער טאָכטער אויף יודיש און באַלד געווענדט זיך ווידער צום קוואַרטיראַנט שוין אויף רוסיש:

— הערט נאָר, וואָס איך וועל אײַך פרעגען: אַלע ראַבינאָוויטשעס זענען אַזוי, אָדער נאָר איהר זענט אַזעלכער?

— אַלע אַזעלכע.

— נישט בעסער פון די שפּיראָס?

— נאָך ערגער.

— ווײַבאַלד אַזוי, קומט דאָך אײַך טאַקי אַ מזל-טוב?...

דערויף האָט איהר דער קוואַרטיראַנט נישט געענטפערט גאָרניט. ער האָט נאָר אַ קוק געגעבען אויף דער בעל-הבית׳טעס טאָכטער, וואָס איז געשטאַנען אינאײנעם מיט דער מוטער איבער׳ן זיין בעטעל, אוןביידע האָבען זיך אַזוי געשמאַק צולאַכט, אַז די בעל-הבית׳טע האָט זיך אויך צולאַכט, אויף זיי קוקענדיג, און האָט פערקאַטשעט די אַרבעל, גרייט געווען צו געהן אין קיך צושטעלען פאַר׳ן קוואַרטיראַנט אַ יאַייכעל פון אַ פערטעל עוף.

— מילא, קיין דאָקטאָר ווילט איהר ניט. אָבער אַ יאַייכעל פון אַ פערטעל עוף וועט איהר דאָך עסען? וועה איז מיר! פון וואַנען נעמען זיך אַזעלכע „קליפּה׳ס" אויף דער וועלט?

אַזוי האָט אויסגעלאָזט די בעל-הבית׳טע שוין ווידער אויף יודיש און איז אַוועק מיט פערקאַטשעטע אַרבעל אין קיך אַריין, און איהר טאָכטער מיט׳ן קוואַרטיראַנט האָבען אויסגעשאָסען אַ פרישען געלעכטער.

עס האָט זיך זיי געלאַכט, ווייל ס׳איז זיי פון נאָך דער נעכטיגער געשיכטע אָן געווען דווקא פריילין און גוט אויפ׳ן האַרצען גאָר אָהן אַ שום סיבה.

עס האָט זיך זיי געלאַכט, ווייל זיי זענען ביידע יונג און פריש און געזונד און לעבעדיג-פריילין, און אַ מאָדנער כח, וואָס זיי אַליין ווייסען ניט פון איהם, שטויסט זיי איינס צו דאָס אַנדערע פון דער ערשטער מינוט, וואָס זיי האָבען זיך דערזעהען. עס מאָלט זיך זיי אויס, אַז זיי קענען זיך שוין פון ווייס איך ווען אָן. און חאָטש זיי האָבען נאָך צווישען זיך קיין שום בעזונדערע שמועסען, אַחוץ קלייניגקייטען, נישט געהאַט, דאָך ווייסען זיי ביידע גאַנץ גוט, וואָס זיי זענען איינס פאַר דאָס אַנדערע און וואָס זיי פיהלען איינס צום אַנדערען...

די „קליינינקייטען" זענען געווען אַט וואָס: איינמאָל איז דער קוואַרטיראַנט געזעסען ביים טיש מיט׳ן קליינעם סיאָמקען און געמאַכט מיט איהם די אוראָקען. די בעל-הבית׳טע איז געווען אין קיך, און די טאָכטער איז געזעסען ביים אַנדערען עק טיש איבער אַ ביכעל און געלייענט. פּלוצים הייבט זיך בעטי אויף, גלייכט זיך אויס, מאַכט צורעכט די האָר און וויל אַוועקגעהן. נעמט ראַבינאָוויטש אַ העפט, וואָס ליגט אויפ׳ן טיש, און וואַרפט אָן אויף דער גיך איינצעלנע אותיות, ראשי-תיבות: ל. ג. א. אַ.?... און האָט צוגערוקט דאָס העפט צו בעטין. בעטי האָט אַ קוק געגעבען אויף די אותיות און איז רויט געוואָרען. זי האָט פערשטאַנען, אַז די דאָזיגע איניציאַלען מאַכען: „למאי געהט איהר אַוועק?"...

האָט זי גענומען ביי איהם די פען און אונטערגעשריבען אונטער זיינע אותיות אויך מיט איניציאַלען: א. ה. ג. אַ. א. ש. אַ.... (איך האָב געמיינט, אַז איך שטער אייך).

דערויף האָט איהר ראַבינאָוויטש אָפּגעענטפערט אויף דער גיך מיט די דאָזיגע איניציאַלען: וו. ק. א. מ. ש.? אַ.!... (ווי קאָנט איהר מיר שטערען? אדרבה!...)

דערויף האָט איהם בעטי שוין ניט געענטפערט גאָרניט. זי האָט נאָר אַ זיפץ געגעבען און באַלד אַוועקגעזעצט זיך צוריק צום ביכעל

דאָס אַנדערע מאָל איז ער ווידער געזעסען מיט סיאָמקען און געלערנט. בעטי איז שוין ניט געזעסען ביים טיש, נאָר געווען ביי זיך אין חדר׳ל, זיך אָנגעטון אויף צו געהן שפּאַצירען. די מוטער איז געזעסען אָן אַ זייט און געקליבען נחת פון איהר בן-יחיד׳ל, וואָס לערנט אַזוי גוט, און פונ׳ם לעהרער, וואָס גאָט האָט איהר צוגעשיקט אַ כשר׳ע מציאה גלייך אין שטוב אַריין. „דער אויבערשטער זאָל איהר העלפען, ער זאָל זיך נאָר וועלען האַלטען מיט אריכת ימים... ער זאָל אין דער זובאָוראַטשעבנע זיך אָפּהאַלטען אַ יאָהר אָדער צוויי; דערנאָך זאָל ער אַריין אין אוניווערסיטעט, און דאָרט אָפּזיצען אַ יאָהר פיער. אחת לאחת וועט דערווייל איהר סיאָמקע ענדיגען אַלע אַכט קלאַסען מיט אַ מעדאַל... אַי וואָס? אָט האָט דאָך אָט דער שלימזל אַליין אויך אַ מעדאַל — און פונדעסטוועגען?... עט! ביז סיאָמקע וועט ענדיגען גימנאַזיע, קאָן נאָך קומען משיח"...

אין דעם קומט אָן בעטי אַיין אויסגעפּוצטע און ווענדט זיך צום קוואַרטיראַנט: וואו האַלט דער זייגער?... ראַבינאָוויטש, איידער

ער טוט אַ קוק אויפ׳ן זייגער, חאַפּט דאָס העפטעל און טוט אַ שרייב אָן עטליכע ראשי-תּיבות: ל. ג. א. אָ. אַ. מ.? (למאי געהט איהר אָפּ אָהן מיר?).

בעטי טוט אָן די הענטשקעלעך און חאַפּט אַ קוק אין העפטעל אַריין און שרייבט איהם אָן עטליכע איניציאַלען: א. וו. א. אַ. א. (איך וואַרט אויף אייך אונטען.) און לאָזט זיך געהן.

ראַבינאָוויטש זיצט ווי אויף הייסע קויהלען. און ווי אויף צו להכעיס, געהט היינט מיט׳ן תּלמיד צו שווערליך. טיאָמקע איז פערטראַכט, הערט ניט, וואָס מע רעדט צו איהם. ער בייסט די פען און קוקט גאָר אַהין צום העפטעל, אין די ראשי-תּיבות אַריין... דער לעהרער האָט דאָס בעמערקט. נעמט ער דאָס העפטעל, מעקט אויס די אָנגעשריבענע איניציאַלען און זאָגט צום תּלמיד, ער זאָל נעמען מאַכען די אורעקען דערווייל אַליין. שפּעטער, אַז ער וועט קומען, וועט ער מיט איהם נאָך אַ מאָל אַוועקזעצען זיך אויף אַ שעה.

— אָט דאָס הייסט אַ רעפּעטיטאָר! — טראַכט זיך שרה שפּיראָ נאָכ׳ן קוואַרטיראַנטס אַוועקגאַנג. — ניט קיין קוואַרטיראַנט, נאָר אַיין אוצר! אַ ברכה פון גאָט!..

* *

*

דאָס יאַייכעל, וואָס שרה שפּיראָ האָט צוגעשטעלט פאַר׳ן קוואַרטיראַנט, חאָטש ס׳איז אָפּגעקאָכט נישט מעהר ווי פון אַ פערטעל עוף, איז געוועזן, ווי שרה אַליין האָט זיך אויסגעדריקט, „טעם גן-עדן, עס מעג עסען דער מלכות”.

דיזעלבע מיינונג איז געוועזן אויך דער קוואַרטיראַנט, וואָס האָט געפיהלט דעם טעם גן-עדן ניט אַזוי אינ׳ם יאַייכעל, ווי אין דעם, וואָס דערביי איז געזעסען בעטי, און נישט נאָר געזעסען, נאָר צוגעהאַלטען דעם טעלער און אַכטונג געגעבען, ער זאָל עס אויפעסען אינגאַנצען, נישט איבערלאָזען אויף דרך-ארץ. אַך! זיין קראַנק און עסען יאַייכלעך פון בעטיס הענד — דערויף וואָלט ער זיך אונטערגעשריבען מיט ביידע הענד אויף וויפיעל איהר ווילט! דער חסרון איז נאָר, וואָס מע לאָזט זיי ניט אין צוויי׳ען אויף קיין מינוט: אָדער שרה שפּיראָ אַליין קומט אַריין אַלע מאָל מיט איין אַנדער אויסרייד, אָדער זי שיקט

אַריין סיאָמקען, ער זאָל אַ ביסעל זיצען, אָדער אָט קומט אָן דער בעל-הבית, — דעמאָלט איז שוין געוויס זיי געזונד!

דוד שפּיראָ איז אַריינגעפלויגען אין שטוב אַריין, ווי אַלע מאָל, אומגעריכט:

— וואָס איז שוין? דער קוואַרטיראַנט איז שפּל? וואָס איז איהם? ער האָט היץ? פאַרוואָס שיקט מען ניט נאָכ'ן דאָקטאָר?

— אָט איז ער דאָ, דער קוריערסקי-פּאָיעזד! — בעגעגענט איהם שרה מיט אַ ברוך-הבא, ווי איהר שטייגער איז. — פון וואַנעז ווייסט דו, אַז מע האָט ניט געוואָלט רופען דעם דאָקטאָר?

— געוואָלט רופען? פאַרוואָס-זשע רופט מען ניט

— געה פרעג איהם!

דוד שפּיראָ האָט פיינט לאַנגע וכוחים, פּוסטע דבורים. ער ווייסט, אַז אַ מענש פיהלט זיך שפּל'דיג, דאַרף מען פרעגען דעם דאָקטאָר. און ניט געקוקט אויף קיין פּראָטעסטען, האָט ער געחאַפּט אויף זיך דעם פּאַלטאָ און אַוועק אַליין בכבודו ובעצמו און געבראַכט צו פיהרען דעם דאָקטאָר, צום גרויסען בעדויערן פונ'ם קוואַרטיראַנט, וואָס האָט, זיצענדיג אָנגעשפּאַרט אויף איין האַנד און צעוואָרפען די געדיכטע שוואַרצע האָר, צייט געהאַט צו זאָגען בעטין אינגאַנצען עט-ליכע האַלבע ווערטער און דערביי איהר אַ קוועטש געגעבען ביי דער האַנד מיט זיינע הייס-ברענענדיגע פינגער, חשק געהאַט צוטראָגען איהר האַנד צו זיינע, נאָך מעהר הייס-ברענענדיגע, ליפּען, — איז אַקוראַט אָנגעקומען דעמאָלט דער דאָקטאָר.

שרה שפּיראָ איז געווען גערעכט, אַז דער דאָקטאָר איז אַ היי-מישער מענש. שוין אַ ביסעל צו אַ היימישער. אַלעמען רופט ער ביי די נעמען. בעטין האָט ער געשענקט אַ קניפּ אין בעקעל און געפרעגט, צי האָט זי שוין אַ חתן. דער בעל-הבית'טע האָט ער דערלאַנגט אַ גלעט איבער דער פּלייצע. סיאָמקען האָט ער אַוועקגעלעגט ביי זיך אויף די קניהעס און אָפּגעשמיסען. דערנאָך איז ער געוואָרען ערנסט, געהייסען דוד'ן שווייגען, און אַליין האָט ער זיך גענומען צום קוואַר-טיראַנט מעהר אויספרעגען זיך ביי איהם, ווער ער איז און וואָס ער איז און פון וועלכע ראַבינאָוויטשעס ער איז, איידער אויסהערען איהם, וואָס איהם איז. ער האָט איהם נאָר אַ טאַפּ געגעבען ביים דופק, צו-געלעגט דעם אויער צום האַרצען און דערלאַנגט איהם אַ זעץ אין פּלייצע:

— נו, אויף אַלע קראַנקע געזאָגט געוואָרען אַזאַ קרענק און אויף אַלע יודישע קינדער געזאָגט געוואָרען אַזאַ האַרץ מיט אַזעלכע לונגען!

אַזוי האָט דער דאָקטאָר אַ זאָג געגעבען צו די שפּיראַס, און צום חולה האָט ער אַ זאָג געגעבען אויף יודיש, בעטראַכטענדיג איהם דורך די שאַרפע ברילען:

— יונגערמאַן! איהר האָט, אַפנים, אין אַ „חדר" קיינמאָל ניט געלערנט?

דערהערט פון די שפּיראַס, אַז זייער קוואַרטיראַנט פערשטעהט ניט קיין וואָרט יודיש, האָט דער דאָקטאָר זיך געגעבען אַ חאַפּ אויף פונ'ם בענקעל, אַ קוק געגעבען אויפ'ן חולה, אויסגעטאָן די שאַרפע ברילען און אָנגעטאָן זיי באַלד צוריק און מאָדנע געקוקט פון איינעם אויפ'ן אַנדערען, אָהן ווערטער. דערנאָך האָט ער אַ זאָג געגעבען, וואָס צו טון, און גענומען געזעגענען זיך מיט'ן חולה, וועלכער האָט איהם אַריינגערוקט אין האַנד אַריין אַ מטבע. דער דאָקטאָר האָט די מטבע בשום-אופן ניט געוואָלט נעמען, און האָט זיך אַזוי לאַנג געראַנגעלט מיט'ן חולה, ביז די מטבע איז טאַקי סוף-כל-סוף געבליבען ביים דאָקטאָר.

— שוט גאָראָחאָוועי *)! — האָט איהם דער קוואַרטיראַנט נאָכגעזאָגט אַ שבח הינטער די אויגען, איהם געוועזן אַ דם-שונא, וואָס ער האָט איהם איבערגעשלאָגען אין מיטען אַ שמועס מיט בעטין.

— וואָס רעדט איהר? — האָט זיך שרה אָנגענומען דעם דאָקטאָרס קריוודע. — אַ דימאַנט פון אַ דאָקטאָר! ער נעמט וויפיעל מע גיט איהם...

— אַ מאָדנער קוואַרטיראַנט ביי אייך! — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט צו דוד שפּיראָ'ן און צו בעטין, שוין ביי דער טיר שטעהענדיג, אַראָבלאָזענדיג דעם קוואַרטיראַנטס מטבע אין די הויזענקעשענע אַריין.

— אַ מאָדנער, אַ מאָדנער מענש, אַ רעטעניש!...

*) אַ מין ליץ דאָס איז!

## דאָס נײַנצעהנטע קאַפּיטעל

## אַ רעטעניש.

אַ רעטעניש איז אָט דער ראַבינאָוויטש געווען פאַר אַלעמען, ווער עס האָט זיך מיט איהם בעקענט. ער אַליין, און זיין פיהרען זיך, און זיין אויסזעהען, און זיינע געדאַנקען, און אַלע זיינע געננג זענען געווען ביי יעדען אָפּגעפרעגט, אַ ווידעראַנאַנד איינס אויפ׳ס אַנדערע. סטייטש, נאָך אַ מאָל: אַ יוד — און פערשטעהט ניט אַ וואָרט יודיש!... דאָס פנים, דאַכט זיך, פון אַ אונזעריגען — און איהר זאָלט זאָגען אַ ברעקעל יודישקייט אין זיך. קיין איינציגע יודישע תנועה, קיין קאָפּ יודישע נייגיריגקייט, יודישע גייציגקייט... אָפּטמאָל נאַאיוו ווי אַ קליין קינד. פרעגט אַזעלכע קשיות, אַז מע קאָן שטאַרבען פאַר געלעכטער. און אַמאָל זאָל ער אַייך ווערען נתפעל פון אַזעלכע זאַכען, וואָס ביי אונז ווייסט עס אַ מינדסט קינד.

למשל, די ערשטע צייט האָט מען איהם קוים מיט צרות געקענט אַריינקלאַפּען אין קאָפּ אַריין אַזאַ איינפאַכע פשוט׳ע זאַך ווי „פּראַוואָזשיטעלסטווע”. בשום-אופן האָט ער ניט געוואָלט גלויבען, אַז אין דער דאָזיגער שטאָדט, וואו זיי געפינען זיך, זענען פאַראַן גאַסען אַזעלכע, וואו יודען מעגען וואוינען, און גאַסען אַזעלכע, וואו יודען טאָרען ניט וואוינען.

— ווי איז דאָס מעגליך? — האָט ער גע׳טענה׳ט. — מיר זענען דען אינ׳ם אַלטען רוים? אָדער אין שפּאַניען? אָדער מיר לעבען אינ׳ם פופצעהנטען יאָהרהונדערט? אָדער...

— אָט אַ לץ! — שלאָגט איהם איבער דוד שפּירא. — געהט רעדט מיט אַ יונגעל! מע זאָגט איהם דאָס, ענטפערט ער דיר בויבעריק! מענטש איינער, למאי אָט איז דאָ ביי אונז אין שטאָדט אַ גאַס

אַזעלכע, וואָס אויף איין זייט מעגען יודען וואוינען, און אויף דער אַנדערער זייט בשום אופן ואופן ניט!

ער האָט זיך נישט געקאָנט בערוהיגען, ביז איינמאָל, אין אַ שבת, איז דער בעל-הבית ספּעציעל געגאַנגען מיט איהם שפּאַצירען אויף דער דאָזיגער גאַס, וואו איין זייט, די לינקע, איז פאַר יודען כשר. און די אַנדערע, די רעכטע זייט, איז טרפה!

דוד שפּיראָ האָט נאָכדעם אין דער היים געהאַט צו דערצעהלען און צו דערצעהלען. ער האָט געלאַכט פונ׳ם קוואַרטיראַנט טאַקי דעם קוואַרטיראַנט אין די אויגען:

— אָט דער ראַבינאָוויטש, הערט איהר, איז דאָך טאַקי אַ מאָד-נער לץ! שטעלט אייך פאָר — ער האָט געמיינט, אַז אַ יוד טאָר גאָר ניט דורכגעהן אפילו די רעכטע זייט פון דער דאָזיגער גאַס, טאָר קיין פוס ניט שטעלען, חאַ-חאַ! מיר געפינען זיך ניט, ווי זאָגט איהר, אין רוים, פאַני ראַבינאָוויטש, אָדער אין שפּאַניען, און מיר לעבען נישט, ווי זאָגט איהר, אין פופצעהנטען יאָהרהונדערט!

— וואָס פאַר אַ נפקא-מינה? — זאָגט דער קוואַרטיראַנט און וואונ-דערט זיך אויפ׳ן בעל-הבית, וואָס רעדט אַזוי גרינג פון אַזעלכע זאַ-כען... — וואָס פאַר אַ נפקא-מינה פון פופצעהנטען יאָהרהונדערט ביז איצטער, אַז אויף איין זייט גאַס מעג איד און אויף דער אַנדערער טאָר איך ניט?

— ס׳איז אַ גרויסע נפקא-מינה! — שרייט דוד שפּיראָ, וואָס האָט פיינט, אַז מען איז מיט איהם ניט איינפערשטאַנדען. — אַ גרויסע נפקא-מינה! למשל, אָט לאָמיר נעמען טאַקי אייך אַליין. אַ שטייגער, האָט זיך אייער זיידען ווען גע׳חלומ׳ט, אַז זיין אייניקעל וועט אַמאָל ענדי-גען גימנאַזיע מיט אַ מעדאַל, שטודירען אויף דאָקטאָר, בעקומען „פּראַ-וואָזשיטעלסטווע” איבערן גאַנצען לאַנד, אפילו אין פּעטערבורג און אין מאָסקווע, און נאָכדעם אפשר נאָך אויסגעקליבען ווערען פאַר אַ דעפּוטאַט אין גאָסודאַרסטווענע דומע און העלפען אַרויסגעבען זאַ-קאָנעס?...

— אַז אָך און וועה צו די זאַקאָנעס! — פּרובט זיך אַריינוואַרפען אַ וואָרט די בעל-הבית׳טע, און חאַפּט אַ מיאוסען פּסק פונ׳ם מאַן, אויף יודיש:

— ווער בעט דיך, זאָלסט זיך אַריינמישען, בעת עס רעדען מענטשען?

— מענטשען? נו, און די מאַמע איז קיין מענטש ניט? — שטעלט זיך איין בעטי פאַר דער מוטער. עס העלפט אָבער ווינציג. דוד שפּיראָ, אַז ער צורעדט זיך, הערט ער קיינעם ניט; ער געהט ווייטער:

— צי, אַ שטייגער, נעמט מיין סיאָמקען. פון וואַנען ווייס איך, וואָס פון אָט דעם קליינעם ווערריק קאָן אַמאָל אויסוואַקסען? אפשר אַ פּראָפעסאָר מאַטעמאַטיק? אפשר אַ אינספּעקטאָר גימנאַזיע? און אפשר גאָר אַ מיניסטער פינאַנס? סיאָמקע! קום נאָר אַהער, זאָג, וואָס ווילסט דו בעסער?...

— אַ וועלאָסיפּעד! — רופט זיך אָפּ סיאָמקע, וואָס האָט ביז אַהער אַרומגעשפּאַנט און גע'חזר'ט פּושקי'ן אויף אויסווענינ מיט אַ ניגון און האָרחלענדיג אויף דער רי"ש און דיריזשירענדיג מיט דער האַנד צום טאַקט:

קאַק ניניע סביחאַיעטסיאַ וויעשטשיי אָליעג
אָטאָמסטיט ניעראַזומנים חאַזאַראַם...

* *

*

נאָך איינמאָל האָט זיך פערבונדען צווישען קוואַרטיראַנט און בעל-הבית אַ הייסער שמועס וועגען יודישע געהיימע פערבאָרגענע זאַ-כען, וועגען סודות. למשל, וועלען מיר נעמען „קהל"

ראַבינאָוויטש ווייסט פריהער, אַז ער וועט פונ'ם בעל-הבית ניט גוט אָפּשניידען. און גלייך ווי ער האָט געטראָפען. שפּיראָ היצט זיך, מאַכט מיט הענד, טייטשט איהם אויס דאָס וואָרט קהל, אַז קהל איז די טייטש אָבשטשעסטווע, געמיינדע, און אַז קהל איז געווען אַמאָל. היינט איז שוין נישטאָ ביי אונז קיין קהל.

— ווער מיר קהל? וואָס מיר קהל? וואו האָט איהר היינט קהל?

ראַבינאָוויטש הערט איהם אויס און פרעגט איהם אַ נייע קשיא, מעהר אויף צו רייצען זיך מיט איהם. דער קוואַרטיראַנט האָט ליעב צו זעהען, ווי דער בעל-הבית קאָכט זיך:

— נו, און דאָס וואָס מיר לייענען פון טאָג צו טאָג וועגען דעם כח פונ'ם אַלוועלטליכען „קאַגאַל"?

— וואָסער קאַגאַל — שמאַגאַל? וואו האָט איהר עס געלייענט?

— אומעטום ... נו, וועלען מיר זאָגען, אין דער „נאָוואָיע ווּרעמיאַ״ ...

דערהערט דעם דאָזיגען נאָמען, האָט זיך שפּיראָ אַזש אָנגעחאַפּט ביים קאָפּ און גענומען לויפען איבערן צימער:

— אַזוי? פון דער „נאָווע וורעמיאַ״ ברענגט איהר מיר אַ ראיה? נו, דאָס איז גוט! דאָס איז שען!... הערט איהר? פון דער „נאָוועוורעמיאַ״ זאָלט איהר מיט מיר גאָר ניט רעדען! גאָר ניט רעדען אפילו!

— פאַרוואָס?

שפּירא שטעלט זיך אָפּ.

— פאַרוואָס — זאָגט ער? מענטש איינער! ווער ווייסט ניט, אַז די „נאָווע וורעמיאַ״ איז אַ קליי‏טעל, אַ גרויסע קלייט, אַ קראָם, וואָס האַנדעלט מיט יודען? היינט געהט אַ סדרה יודען, פערנעמט זי זיך מיט יודען. הימעל און ערד און יודען! מאָרגען וועט זיין אַ מאָדע פּאָליאַקען, וועט זי זיך נעמען צו פּאָליאַקען. יודען, פּאָליאַקען, ציגיינער — דאָס זענען נאָר אַרטיקלען. איצט זענען מיר אַ סעזאָן-אַרטיקעל.

— דאָך! — פּרובט זיך ראַבינאָוויטש איהם איבערשפּאַרען. — איהר קאָנט דאָך ניט אָפּלייקענען גאָר אינגאַנצען, אַז ס׳איז ניטאָ ביי אייך קיין שום אינוועניגסטע... נו... וועלען מיר זאָגען, אינטערעסען...

יאָ ווערט שוין שפּירא רעכט אין כּעס אויפ׳ן קוואַרטיראַנט און שיט איהם אָפּ מיט פייער:

— ערשטענס, זאָגט מיר, איך בעט אייך, פּאַני, ווער איז געווען דער „ביי אייך״? וואָס איז דאָס פאַר אַ „ביי אייך״? און איהר ווער זענט? איהר זענט קיין יוד ניט, גלייך מיט מיר, מיט אונז אַלע?

ראַבינאָוויטש זעהט, אַז ער האָט זיך אַרויסגעחאַפּט, וויל ער פערריכטען, זיך פערענטפערן, לאָזט איהם ניט שפּירא. שפּירא האָט פיינט לאָזען יענעם רעדען. ער האָט אַליין ליעב רעדען. דעריבער געהט ער ווייטער:

— אַ יוד טוט זיך אַ זאָג: אינוועניגסטע אינטערעסען! וואָס פאַר אינוועניגסטע אינטערעסען האָבען מיר, אַחוץ פּרנסה, פּראַוואָזשיטעלסטווע און די קינדער אין גימנאַזיע? נאַ דיר גאָר אינוועניגסטע אינטערעסען!

און לאַנג נאָך רעדט דער בעל-הבית איבערן קוואַרטיראַנט,

ווייזט איהם אויס מיט ראיות, וואָס פאַר איין אומגליקליך פאָלק מיר זענען, אַז יעדער פאַר זיך, יעדער פאַר זיך, נישטאָ קיין שום אַל-געמיינע אינטערעסען, נישטאָ קיין ברעקעל אחדות ביי יודען!...

דער קוואַרטיראַנט קוקט איהם אָן און וואונדערט זיך: נישט שוין-זשע איז דאָס איין אמת? און וואו איז דער „כל ישראל חברים", וואָס ער האָט זיך אָנגעלייענט וועגען דעם אין יענע געוויסע צייטונ-גען? און וואו איז דער „קאַגאַל" און אַלע איבעריגע יודישע אָרגאַני-זאַציעס?... ניט שוין-זשע איז דאָס אַ חלום? ניט שוין-זשע איז דאָס אינגאַנצען, פון אָנהייב ביז'ן סוף, אויסגעקלערט פון קאָפּ מיט אַ כּיון, בכדי צו זייהען שנאה פון איין פאָלק קעגען אַנדערען?...

— עס וועט אַמאָל האָבען אַ סוף, צי ווער-וואָס? — מישט זיך אַריין די בעל-הבית'טע און רופט צום טיש דעם מאַן מיט'ן קוואַרטי-ראַנט מיט די קינדער — מע זאָל געהן עסען.

אַ רעטעניש איז געווען פאַר די שפּיראָס אויך דאָס, וואָס דער קוואַרטיראַנט זייערער האָט נישט ליעב, אַז מע פרעגט ביי איהם וועגען זיין היים, וועגען זיינע עלטערן אָדער זיין משפחה. אויך פון זיין קינדהייט און פון זיינע יונגע יאָהרען רעדט ער קיינמאָל נישט, מיט קיינעם נישט... היינט ווייסט מען ניט, וואוהין ער געהט אַלע טאָג, מיט וועמען ער קען זיך, און פון וואַנען ער נעמט מיטלען צום לעבען. די ערשטע צייט האָט מען געמיינט, אַז ער לעבט פון דעם, וואָס ער גיט שטונדען, האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזען נאָכדעם, אַז ניין. אויסערדעם, וואָס ער לערנט מיט שפּיראָס קינדער, האָט ער קיין שום שטונדען נישט אין שטאָדט.

נאָכמעהר. דוד שפּיראָ האָט דערצעהלט, אַז ער וואָלט געמעגט שווערען, אַז ער האָט געזעהען אַרויסגעהן דעם קוואַרטיראַנט פון דער אָבטיילונג פון מאָסקווער קאָמערץ-באַנק... וואָס האָט צו טון אַ סטו-דענט אַ מעדאַליסט, וואָס לערנט אויף דאַנטיסט, מיט אַ באַנק?

— פאַרוואָס-זשע האָסט דו איהם ניט געפרעגט? — קומט שרה מיט אַ טענה צו איהר מאַן.

— פון וואַנען ווייסט דו, אַז איך האָב איהם ניט געפרעגט?

— וואָס-זשע האָט ער דיר געזאָגט?

— אַז ער האָט בעדאַרפט האָבען.

— דאָס איז גאָר?

— וואָס נאָך האָסט דו געוואָלט?

— האָסט איהם נישט געקאָנט פרעגען, וואָס ער האָט בעדאַרפט האָבען?

— דאָס וועסט דו שוין ביי איהם פרעגען.

— געוויס פרעגען. פאַרוואָס ניט?

— וואָס פאַר אַ פרעגען? וואָס איז פאַר אַ השגה קריכען יענעם אין דער נשמה אַריין? — מישט זיך אַריין די טאָכטער, וואָס קאָן שוין מעהר ניט איבערטראָגען, — וואָס גערהען מיך אָן, אַ שטייגער, יענעמס געשעפטען? זינט איך לעב!...

פונדעסטוועגען האָט קיינער אַזוי ניט געגאַרט צו טרעפען דאָס דאָזיגע רעטעניש, ווי בעטי, וואָרום איהר איז דאָס געווען נאָהענטער ווי אַלע אַנדערע... און ווער שמועסט פון יענעם אויפדערנאַכט, וואָס נאָך דער „אָבלאַווע", ווען ער האָט זיך מיט האַלבע ווערטער ער־קלערט פאַר איהר, אַז זי איז פאַר איהם אַלעס, און אַז ער איז גרייט פאַר איהר צו ענטפלעקען אַ זאַך, וואָס איז פאַר איהם דער הייליגסטער סוד!...

ווען ניט דער דאָקטאָר, וואָס האָט זיי איבערגעשלאָגען אין מי־טען, וואָלט ער איהר דעמאָלט געווען געזאָגט דעם סוד... נאָכ'ן דאָקטאָרס אַוועקגעהן האָט ער בעקומען נאָך מעהר היץ, גיך אַנשלאָ־פען געוואָרען, זיך געוואָרפען אַ גאַנצע נאַכט און גערעדט פון היץ. דוד שפּירא, וואָס איז עטליכע מאָל אין דער דאָזיגער נאַכט אַראָפּ־געגאַנגען צו איהם געוואוירע ווערען, האָט דערצעהלט נאָכדעם, אַז דער קוואַרטיראַנט האָט אַ גאַנצע נאַכט גערעדט עפּיס מאָדנע דבורים, אַ וואָרט צו אַ וואָרט האָט זיך ניט געקלעפּט... נאָר וואָס דער קוואַר־טיראַנט האָט גערעדט, האָט שפּירא ניט געוואָלט איבער'חזר'ן בשום אופן ואופן, וויפיעל מע האָט איהם ניט געבעטען.

— אָט וועל איך אייך באַלד געהן דערצעהלען, וואָס אַ קראַנקער רעדט פון היץ! אַבי ס'איז אָבגעלאָפען גלאַט, און ער איז געזונד, און אַ פּראַוואָזשיטעלסטווע ליגט אין קעשענע, — ווענען הערט ער?...

ראַבינאָוויטש איז געווען צופרידען, וואָס ער האָט זיך ניט אַרויסגעהאַפּט דעמאָלט מיט איין איבעריג וואָרט פאַר בעטין, פאַר וועלכער ער האָט זיך שיער־שיער ניט אַרויסגעגעבען, ווער ער איז...

## דאָס צוואַנציגסטע קאַפּיטעל.

### שרה שפּיראָס ענטדעקונג

דאָס רעטעניש: ווער איז דער קוואַרטיראַנט און וואָס ער איז?—איז פערבליבען אַ רעטעניש נאָך אויף לאַנג. נאָר דער סוד, פון וואַנען ער נעמט געלד, איז גיך פערענטפערט געוואָרען פאַר די שפּיראָס. און נאָר אַדאַנק דער בעל-הבית'טע, שרה שפּיראָ, וואָס האָט ב ז עהאַט רעכט נאָכדעם צו בעריהמען זיך פאַר'ן מאַן מיט דער טאָכטער:

— נו? וואָס האָב איך אייך געזאָגט? ווער ס'איז שען, איך בין ביידע זאַכען!...

דאָס איז געווען אין אַ צייט אַרום, העט שפּעטער נאָך דער „אָבלאַווע", איז מען געזעסען אין דרייען: דער קוואַרטיראַנט, די בעל-הבית'טע און די טאָכטער — אין רעכטען ווינטער איז דאָס געווען, פאַר וואַרעמעס-צייט.

דער בעל-הבית איז געווען אויף זיין שטעלע. סיאָמקע אין גימנאַזיע. בעטי איז געזעסען, ווי אַלע מאָל, איבער אַ ביכעל ביים טיש. די מוטער האָט געאַרבייט אַ פּאָר וואַרימע זעקלעך פאַר סיאָמקעס וועגען, און דער קוואַרטיראַנט וואָס איז נאָר-וואָס געקומען פון דער „זובאָוראַטשעבנע", האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי דער הרובע זיך וואַרימען כלומרשט, אָבער אין דער אמתען האָט ער געוואָלט גלאַט אַ ביסעל זיצען און קוקען אויף בעטין.

דער קוואַרטיראַנט האָט דערצעהלט, אַז היינט זינגט שאַליאַפּין אין טעאַטער, און אויב זי, בעטי, וויל הערען שאַליאַפּינען, קאָן זי איהם הערען. מע האָט איהם צוגעזאָגט צוויי בילעטען...

די טאָכטער האָט מיט די אויגען אַ פרעג געגעבען ביי דער מו-

טער, צי זאָל זי געהן מיט איהם הערען שאַליאַפּינען? די מוטער האָט זיך געקווענקעלט. עס איז איהר ניט אַיינגעפאַלען קיין בייז, נאָר גלאַט, וואָס איז פאַר אַ געהן מיט אַ סטודענט אין צווייען אין טעאַ-טער? און וואָס וועט די וועלט זאָגען? און נאָך אַ זאַך האָט איהר געפּיקט אין קאָפּ: „וואו נעמט ער געלד, אָט דער שלימזל?"...

זי האָט שוין לאַנג געקליבען זיך מיט איהם צו רעדען וועגען געלד-זאַכען. און נישט נאָר געקליבען זיך, נאָר טאַקי שוין אַ רעד געטאָן אויך ניט איין מאָל. דרעהט ער זיך אָבער אַלע מאָל אויס מיט אַ ווערטעל און מיט אַ גלעלעכטער, און זי ווייס אַלץ ניט, וואו ער נעמט געלד.

איצט האָט זי אַ שעת-הכושר. ווי זאָגט מען: „אַ כשר'ער טאָפּ מיט אַ כשר'ען לעפעל"...

— איהר ווילט געהן מיט מיין טאָכטער אין טעאַטער? — האָט זי אַ זאָג געגעבען צום קוואַרטיראַנט, ניט קוקענדיג איהם אין די אויגען אַריין. — איך האָב געהערט, אַז עס דאַרף קאָסטען אַ סך געלד? אָט דער שאַליאַפּין, זאָגט מען, בייסט זיך...

— פּוס-טיאַ-קי! — ציהט אויס דער קוואַרטיראַנט. — ווער רעדט פון אַזעלכע נאַרישקייטען?

— פערשטעהט זיך נאַרישקייטען! — מאַכט שרה שפּיראַ. — ביי אייך איז, אַפּנים, געלד-שמעלט? מע שיקט אייך הודש-געלד, ווייזט אויס, עמיצער, צי וואָס?

— נו יאָ, חודש-געלד, — ענטפערט איהר דער קוואַרטיראַנט.

— פון וואַנען? פון דער היים מסתמא?

— נו יאָ, פון דער היים.

— וויפיעל, הייסט עס, שיקט מען אייך חודש-געלד?

דאָס קאָן שוין בעטי נישט ליידען און מישט זיך אַריין.

— וואָס ביסט דו, מאַמע, אַ סודעבנע סליעדאָוואַטעל?

— וואָס זאָג איך דען? — פערענטפערט זיך די מוטער. — איך וויל נאָר ווייסען, פון וואַנען נעמט ער געלד?

— וואָס געהט עס דיך אָן? ער גנב'עט, — זאָגט איהר די טאָכ-טער און צולאַכט זיך אינאיינעם מיט דער מוטער, און אויף זיי קו-קענדיג לאַכט דער קוואַרטיראַנט אויך, וואָרום ער פערשטעהט שוין אַ ביסעל יודיש. נישט קיין סך, נאָר אַ ביסעל. ער האָט זיך ביי די שפּיראַס אין שטוב אויסגעלערנט. און בכדי צו בערוהיגען די בעל-

הבית׳טע, וואָס וויל פּאָרט וויסען, פון וואַנען ער נעמט געלד, דער-צעהלט ער איהר, נאָר מיט אַ תנאי, אַז קיינער זאָל ניט וויסען, פּערשטעהט זיך, אויף קאַטאָוועס, אַז ער האָט אַ רייכע מוהמע...

שרה שפּיראָ נעמט עס אָן פּאַר גוט געלד און מאַכט צו איהם:

— — איין אלמנה, אָדער אַ גרושה?

דער קוואַרטיראַנט פּערטראַכט זיך אפילו ניט און ענטפּערט איהר

— איין אלמנה.

— האָט נישט קיין קינדער?

— האָט נישט קיין קינדער.

— נישט געהאַט אויך, צי געשטאָרבען?

— געשטאָרבען.

— אַלע ביז איינעם?

— אַלע ביז איינעם.

שרה שפּיראָ טוט אַ זיפץ:

— ברוך דיין אמת!... פּאַרוואָס האָט זי ניט חתונה דאָס אַנדע-רע מאָל?

— אום גאָטעס ווילען! — מישט זיך אַריין ווידער די טאָכטער, וואָס זיצט קוים איין אויף איהר אָרט. — וואָס איז דאָס פּאַר אַ „דאָפּראָס״?

— שטיאָ, וואָס אַרט עס דיך? עס קאָסט איהם געלד, אַז ער וועט מיר דערצעהלען? צי ס׳וועט איהם עפּיס אָפּפאַלען?

אַזוי פאַלט אָן שרה שפּיראָ אויף דער טאָכטער און נעמט זיך צום קוואַרטיראַנט, אַרבייטענדיג בעת-מעשה דאָס זעקעל פון סיאָמקעס וועגען גאַנץ געשמאַק.

— איז וואָס-זשע האָב איך אייך געוואָלט פרעגען, הייסט עס, נאָך? יאָ. ווי אַזוי געהער זי זיך אָן מיט אייך אַ מוהמע? זי איז אייער מאַמעס אַ שוועסטער, צי איהר מאַן איז געווען אייער טאַטענס אַ ברודער?

— זי איז מיין מאַמעס אַ שוועסטער.

— אַזוי? איין אייגענע שוועסטער? איין עלטערע, אָדער אַ יונגערע?

— איין עלטערע, מיין איך, אַ יונגערע, ניין, טאַקי איין על-טערע...

שרה שפּיראָ הויבט אויף די אויגען פריהער אויפ׳ן קוואַרטי-

דאַנט, דערנאָך אויף דער טאָכטער, וועלכע קאָן שוין מעהר ניט אי־בערטראָגען און הויבט זיך אויף און געהט אַוועק מיט׳ן ביכעל צו זיך אין איהר חדר׳ל אַריין. שרה פאַלט אָבער ביי זיך ניט אַראָפּ און זי טוט זיך איהר אַרבייט, טאַקי ווי אַיין אמת׳ער סליעדאָוואַטעל:

— איז ער געוועזן, הייסט עס, אַ יוד מיט געלד?

— ווער?

שרה שפּיראָ שטעלט אַוועק די אויגען אויפ׳ן קוואַרטיראַנט:

— פון וועמען רעדען מיר? פון אַייער פעטער, דאַכט זיך? איך פרעג, צי איז ער געוועזן אַ יוד אַ נגיד?

— אַ נגיד.

— טאַקי אַ גרויסער נגיד?

— טאַקי אַ גרויסער נגיד.

— דהיינו, וואָס הייסט ביי אַייך אַ גרויסער נגיד?

דער קוואַרטיראַנט ווייסט ניט, וואָס ער זאָל איהר ענטפערן. די בעל-הבית׳טע קומט איהם צו הילף. זי גיט איהם צו פערשטעהן:

— יודישע רייכקייט... עס קומט צו עפּיס — אַ נעכטיגער טאָג! פאַרהאַן ביי אונז אַ ווערטעל: „פרעמדע טויזענדער מיט פרעמדע קינ־דער קאָסטען ניט טייער"... איך מיין, אין וויפיעל האָט מען איהם געשאַצט?

— וועמען?

— ווידעראַמאָל וועמען!

שרה שפּיראָ קוקט איהם אָן, און ער פערהאַפּט זיך:

— אַך, מיין פעטער אין וויפיעל מע האָט געשאַצט? דאָס ווייס איך ניט.

— דאָס ווייסט איהר ניט? ווער דען דאַרף עס וויסען? איך פרעג דאָך ביי אַייך ניט וויפיעל ביז דער קאָפּיקע. איך פרעג נאָר לערך, וויפיעל, למשל, האָט ער געקאָנט פערמאָגען, אַייער פעטער, איידער ער איז געשטאָרבען?

דער קוואַרטיראַנט טראַכט אַ ווײַלע:

— איך מיין, אַז אונגעפעהר אַ מיליאָן.

ביי שרה׳ן איז אַרויסגעפאַלען דאָס זעקעל מיט די דרעטלעך פון די הענד פאַר שרעק.

— וויפיעל זאָגט איהר? אַ מיליאָן? אַ גאַנצען מיליאָן?

— כמעט אַ מיליאָן. דאָס הייסט, עטוואָס מעהר אָדער עטוואָס ווינציגער...

שרה שפּיראָ האָט זיך צוגערוקט אַ ביסעל נעהענטער צו איהר קוואַרטיראַנט, זיך גענומען קראַצען מיט'ן אייזערנעם דרעטעל הינ-טערן אויער:

— זאָגט-זשע מיר, איך בעט אייך, וואָס איך האָב אייך געוואָלט פרעגען? וויבאַלד, אַז די קינדער זענען, זאָגט איהר, אַלע אויסגע-שטאָרבען, און קיין אַנדערע יורשים, אַחוץ אייך, איז ניטאָ, איז שוין אפשר גלייכער, וואָס זי האָט ניט חתונה?

— מיט וואָס, אייגענטליך?

די בעל-הבית'טע האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אַראָפּ און אַ קוק געגעבען אויף איהר קוואַרטיראַנט פון אונטען אַרויף און אַ זאָג געגעבען:

— זאָגט נאָר, איך בעט אייך, איהר מאַכט זיך תּמ'עוואַטע, צי איהר זענט טאַקע אַ נעוויקעל?

דער קוואַרטיראַנט קוקט זי אָן מיט לאַכענדיגע אויגען:

— וואָס איז דען?

— וואָס איז דען, פרעגט ער! וואָס הייסט, וואָס איז דען? וויבאַלד אַזוי, איז עס דאָך איבער הונדערט און צוואַנציג יאָהר אינ-גאַנצען אייערס!

— איבער הונדערט און צוואַנציג יאָהר? אָהאָ! — האָט דער קוואַרטיראַנט אויסגערופען אַ פער'חדוש'טער, און די בעל-הבית'טע האָט זיך אַזוי צולאַכט, אַז בעטי איז געקומען צולויפען פון איהר חדר.

— וואָס זאָגסט דו, בעטי, אויף אונזער קוואַרטיראַנט? ער איז דאָך איין אמת'ער גוי! איך זאָג איהם, אַז איבער הונדערט און צוואַנ-ציג יאָהר וועט ער ירש'ענען זיין מוהמע, פערשטעהט ער ניט, וואָס הייסט איבער הונדערט און צוואַנציג יאָהר — חאַ-חאַ-חאַ!... אַ טעאַטער און גענוג! פונקט ווי מיין מוהמע ריווע פון פּראָסקוראָוו האָט אָבגע-שריבען איהרע צוויי טעכטער אַ בהמה, אַז איבער הונדערט און צוואַנציג יאָהר נאָך איהר טויט זאָל מען די בהמה פערקוי-פען און דאָס געלד צוטיילען די צוויי טעכטער... האָט מען זיך גע-נומען לאָדען, און אַז ס'איז געקומען צום משפּט, האָט דער חכם דער סודיאַ גע'פסקנ'ט, אַז מע טאָר די בהמה ניט פערקויפען, וואָרום אין דער צוואה שטעהט בפירוש: איבער הונדערט און צוואַנציג יאָהר נאָכ'ן טויט — חאַ-חאַ! אַז מע שמועסט אַ גויעשער קאָפּ!

בעטי האָט געמוזט נעמען אויף זיך די מיה איבערצוגעבען דעם קוואַרטיראַנט סיי די מעשה מיט דער מוהמע ריוועס צוואה, סיי דעם פּשט, וואָס הייסט איבער הונדערט און צוואַנציג יאָהר, און אַלע דריי האָבען געלאַכט אַזוי לאַנג, ביז דער בעל-הבית, דוד שפּירא, איז גע-קומען אַהיים עסען — בייז און גיך, אויף איין פוס, ווי זיין שטיי-גער איז.

— וואָס איז שוין דאָ ביי אייך ווידער פאַר אַ געלעכטער? — האָט ער אַ זאָג געגעבען אין דער לופט אַריין, ניט קוקענדיג אויף קיינעם.

— נאָר אַ טעאַטער! אַ בעשרייבונג צו מאַכען! — האָט זיך שרה אָנגערופען צו איהר מאַן און גענומען איהם איבערדערצעהלען נאָך אַ מאָל די געשיכטע מיט די הונדערט צוואַנציג יאָהר, וואָס דער קוואַר-טיראַנט פערשטעהט ניט, און טאַקי אין איינוועגס האָט זי געוואָלט, אַז איהר מאַן זאָל געוואוירע ווערען, פון וואַנען דער קוואַרטיראַנט נעמט געלד, און פון דער ירושה, וואָס וואַרט אויף איהם.

— אַ מיליאָן! דו פערשטעהסט? אַ גאַנצער מיליאָן! און אפשר נאָך מעהר פון אַ מיליאָן! — אַזוי האָט אויסגעלאָזט שרה שפּירא, און אין איהרע אויגען האָט זיך צוברענט אַ פייערל, און די בעקלעך האָ-בען זיך איהר צופלאַמט, און זי איז געוואָרען מיט עטליכע יאָהר יונגער, און אפילו דאָס קול האָט זיך איהר איבערגעביטען.

— ווייס איך! יודישע מיליאָנען, נאַ דיר אַ גראָשען! — האָט איהר אָבגעהאַקט דוד שפּירא, ווי אַ מענש, וואָס איז אין די זאַכען מעהר קאָמפּעטענט פון יעדען אייניציגען, און, פערקאַטשעט די אַר-בעל, איז ער געגאַנגען זיך וואַשען צום עסען.

שרה שפּירא, וואָס איז געבליבען ווי אָפּגעגאָסען מיט אַ שעפּעל קאַלט וואַסער, איז אפילו גרייט געווען מקיים-פּסק זיין איהר מאַן און אָפּשפּיעלען איהם אַ ספּעקטאַקל, ווי ער האָט עס כּשר פערדיענט: נאָר בעגעגענט זיך מיט דער טאָכטערס שאַרפען קוק, ס'זאָל זיין שטיל, האָט זי פערביסען אַ ליפּ, אָבגעלעגט דעם ספּעקטאַקל אויף איין אַנדערס מאָל און גענומען דערלאַנגען צום טיש.

## דאָס איינאונצוואַנציגסטע קאַפּיטעל.

## די גליקליכע מאַמע.

דעמזעלבען טאָג אויפדערנאַכט, אַז דוד איז נאָך ניט געווען אין דער היים און בעטי איז געווען ביי זיך, אָנגעטאָן זיך געהן אין טעאַטער אַריין, האָט זיך שרה שפּיראָ אַריינגעכאַפּט צום קוואַר-טיראַנט כלומרשט אַכטונג געבען, אויב עס הייצט זיך אין הרובע, און דערוויַיל געמאַכט אַ שמועס מיט איהם נאָך אַ מאָל וועגען דער מוה-מע די מיליאָנערשע. זי ווייסט שוין אפילו, ווי אַזוי זי הייסט. לאה רופט מען זי. (ביים שלימזל קומט אויס ניט לאה, ווי מע זאָגט ביי אונז, נאָר ליאַ) און אַז דעם פעטער האָט מען גערופען אַבראַם אַבראַמיטש ...

שרה שטעלט אַוועק איהרע אויגען אויף'ן קוואַרטיראַנט:

— ווי איז דאָס מעגליך? ווי קאָן ביי אונז געמאָלט זיין, אַז דער טאַטע זאָל הייסען אברהם און דער זוהן אויך אברהם? ס'איז נאָר ביי גוים קאָן זיין אַזאַ זאַך: דער טאַטע איוואַן און דער זוהן איוואַן... איוואַן איוואַנאָוויטש ...

ראַבינאָוויטש קוקט אויף דער מאַדאַם שפּיראָ ווי אַ פערשולדיג-טער, חאָטש ער ווייס ניט, אין וואָס איז אייגענטליך זיין זינד. אַ גליק וואָס שרה אַליין קומט איהם צו הילף. זי מאַכט צו איהם:

— סיידען אַייער פעטער איז געבוירען געוואָרען שוין נאָך זיין טאַטענס טויט?

ראַבינאָוויטש חאַפּט זיך אָן אין דעם ווי אַ מענש, וואָס טרינקט זיך:

— אמת, ריכטיג. מיין פעטער איז געשטאָרבען איידער זיין טאַ-טע איז געבוירען געוואָרען, דאָס הייסט איך וויל זאָגען, אַז זיין טאַ-

טע איז געבוירען געוואָרען איידער דער פעטער איז געשטאָרבען...
טפו! וואָס פאַר אַ טשעפּוחא?... און ביידע הויבען זיי אָן צו לאַכען.
— לאָזען שוין אייערע שונאים רעדען פאַר אייך! — מאַכט צו איהם שרה און ניט אַזוי גיך לאָזט זי איהם אָפּ פונ'ם „דאָפּראָס".
— וואָס איז ער געווען, אייגענטליך, אייער פעטער? — פרעגט איהם שרה, קוקענדיג שוין ניט אויף איהם, נאָר אַרויף אויף דער סטעלי, און בעקומט איין ענטפער פונ'ם קוואַרטיראַנט:
— וואָס ער איז געווען?... אַ מענש איז ער געווען.
— איך ווייס — זאָגט שרה, ניט צונעמענדיג די אויגען פון דער סטעלי — איך ווייס, אַז אַ מענש, ניט קיין חיה. איך מיין, מיט וואָס האָט ער געהאַנדעלט?
ראַבינאָוויטש, אַז ער איז נאָך ניט געווען ראַבינאָוויטש, נאָר פּאָפּאָוו, האָט געהערט וויפיעל מאָל, אַז יודען האַנדלען מיט אַלטע שמאַטעס. איז איהם דעריבער איינגעפאַלען אַ זאָג צו געבען:
— מיט וואָס ער האָט געהאַנדעלט? מיט שוראָם-בוראָם האָט ער געהאַנדעלט.
שרה האָט דערלאַנגט אַ פּלעסקע מיט ביידע הענד און אָוועקגע-שטעלט די אויגען אויפ'ן קוואַרטיראַנט:
— וואָס רעדט איהר? פון שורעם-בורעם? ווי אַזוי ווערט מען דאָס פון אַ שורעם-בורעם אַ מיליאָנער? וועה איז מיר!
דער קוואַרטיראַנט האָט געזעהען, אַז וואָס ווייטער איז ערגער, ער זינקט ווי אין אַ זומפּ, האָט ער דעריבער געאיילט זיך צורעכט מאַכען און פערענטפערן.
אַז ראַבינאָוויטש איז נאָך ניט געווען ראַבינאָוויטש, נאָר פּאָ-פּאָוו, האָט ער געהערט, אַז יודען ווערען רייך פון דעם, וואָס זיי שפּאָרען אָפּ, קלויבען אַ גראָשען מיט אַ גראָשען... דער דאָזיגער תירוץ איז, ווייזט אויס, אָפּגעגאַנגען בשלום, וואָרום שרה שפּיראָ האָט גע-בראָכען די פינגער און געזאָגט צום קוואַרטיראַנט:
— אַ מעשה! אַ מעשה! האָט ער דאָך בעדאַרפט לעבען מתושלח'ס יאָהרען!... ניט אַנדערש, אַז ער איז געווען אַ זקן און זי איז ביי איהם געווען דאָס אַנדערע ווייב?
— איהר האָט כמו ווי געטראָפען...
— געוויס האָב איך געטראָפען, — מאַכט צו איהם שרה שפּיראָ. — איך טרעף תמיד, ווייל איך געה מיט'ן גלייכען וועג... איך בין ניט

אַזוי אַלט ווי געניט. מיין מאַן איז אַ ביסעל, ווי איהר זעהט איהם, אַ שווידקיי, ביי איהם איז אַלסדינג גיך-גיך. און דער עיקר, וואָס ער גלויבט ניט אין יענעמס גליקען. איהר האָט דאָך געהערט, וואָס ער זאָגט: „יודישע מיליאָנען״... ער מיינט, אַז ער האָט ניט, האָט קיינער ניט. רויטשילד אויך ניט. הערט איהם ניט, וואָס ער וועט אייך זאָ-גען!... און בעטי איז דאָך גלאַט ניט שייך. וואָס ווייסט זי, אַ קינד, אין אַזעלכע זאַכען? איך בין געניטער פון זיי אַלעמען. דעריבער זאָלט איהר האָרכען, וואָס איך זאָג אייך. ס׳איז ניט מיין עסק, נאָר איהר זאָלט מיך ווערען פאָלגען, וואָלט איהר בעדאַרפט אַ ביסעל אָפּטער זיך איבערשרייבען מיט אייער מוהמע. פאָרט אַ יודינע אַיין אלמנה און איין מענש אַליין... ווען רעכענט איהר זיך מיט איהר צו זעהען?

ראַבינאָוויטש האָט אַ טראַכט געגעבען:

— איך רעכען... אויב ניט אויף ראָזשדעסטוואָ, איז אויף פּאַסחאַ...

— וואָס פאַר אַ ראָזשדעסטוואָ ביי יודען? וואָס פאַר אַ לשון פּאַס-חאַ? אַלע אונזערע יום-טובים, האָב איך שוין בעמערקט וויפיעל מאָל, הייסען ביי אייך גויעשע נעמען. חנוכה איז ביי אייך ראָזשדעסטוואָ. פסח — פּאַסחאַ. שבועות — טראָיצע... ס׳איז ניט מיין עסק, נאָר איך האָב אייך שוין וויפיעל מאָל געוואָלט פאָרהאַלטען, אַז ס׳איז ניט רעכט, פּשוט ניט שען פאַר לייטען... יעדער, ווער עס זעהט אייך און רעדט מיט אייך עטליכע ווערטער, וויל זיך גאָר ניט גלויבען, אַז איהר זענט אַ יוד... שאַט! וואָס דאַרפט איהר מעהר, אָט נעמט אונזער דאָקטאָר, האָט ער מיר אַנומעלטען געזאָגט נאָך אַ מאָל, אַז ווען איהר זאָלט ניט הייסען, זאָגט ער, ראַבינאָוויטש, וואָלט ער קיינמאָל אין דער וועלט ניט געזאָגט, זאָגט ער, אַז איהר זענט אַ יודיש קינד...

טאַקי באמת? — זאָגט ראַבינאָוויטש מיט אַ געלעכטער און ווערט רויטליך.

— טאַקי באמת? וואָס-זשע? איך וועל אייך אויסטראַכטען? און נאָך אַ זאַך. איהר האָט אַ טבע, אַז איהר ווילט עפּעס זאָגען וועגען יודען, זאָגט איהר ניט „ביי אונז״, נאָר „ביי אייך״. אַ מיאוסע טבע, כ׳לעבען. ס׳איז ניט מיין עסק, נאָר איהר דאַרפט אייך זעהען אָפּגעוואוינען פון דעם. איך בין אייך אַ גוטער פריינד, דעריבער זאָג איך עס אייך... אָט איז בעטי! — מאַכט זי צו דער טאָכטער, וואָס שטעהט אין דער טיר אַיין אָנגעטאָנענע מיט אַ וואַרימען קאַפּאָר אויפ׳ן קאָפּ, וואָס מע זעהט אַרויס מעהר ניט אַז איהרע שענע קאַרע אויגען מיט

די געדיכטע ברעמען און אַ שפּיץ נעזעל. — איך זאָג צו אונזער קוואַר-טיראַנט, זאָג איך, אַז ער זאָל אַכטונג געבען, זאָלסט ניט אַרויסלוי-פען פון טעאַטער גלייך אין דרויסען אַרויס אַ פערשוויצטע. זאָלסט זיך פריהער אָפּקיהלען זאָלסט דו זיך. דו הערסט, וואָס מע רעדט צו דיר? איך בעט אייך טאַקי, ראַבּינאָוויטש, למען-השם, איהר זאָלט אַכ-טונג געבען אויף איהר, זי זאָל זיך ניט פערקיהלען, חס-ושלום, אייער שאַליאַפּין זאָל מיך, חלילה, ניט קאָסטען טייער!...

— זייט זיכער, מאַטושקאַ, פערלאָזט זיך אויף מיר! — בערוהיגט זי דער קוואַרטיראַנט, אַ גליקליכער, אויב ניט דער גליקליכסטער, לויפט אַראָפּ פון די טרעפּ אינאיינעם מיט בעטין, טוט אַ פּייף און אַ געשריי אויס אויפ׳ן מאָסקוועער שטייגער: „עה, וואַנקאַ!“... עס יאָגען אָן דריי וואַנקעס מיט אַ הוק און מיט אַ געפּילדער. זיי זעצען זיך אַריין ביידע אין איין שליטעלע אַריין; ער דעקט זי איין אין דער וואַרימער בּאַרעניצע, נעמט זי אַרום מיט איין האַנד פון הינטען פאַר-זיכטיג, פּאַוואָלינקע, ווי מע נעמט אַרום אַ טייערע כלי, אָדער אַ סטאַ-טוע, וואָס קאָן אַראָפּפאַלען און זיך צוברעכען, און הייסט דעם „וואַנקע“, ער זאָל פליהען אין איין אָטעם! וואַנקע פאָלגט איהם, אַ שמייס אויפ׳ן פערדעל, און דאָס שליטעלע טראָגט זיי פייל אויס׳ן בויגען.

דער שניי פון ביידע זייטען ברעקעלט זיך, פערשפּריצט זיי מיט קאַלטע טראָפּענס דאָס פּנים, די שטערען פונ׳ם מעטאַל-קלאָרען קאַלטען ווינטער-הימעל שעמערירען, קאָנקורירען מיט די ניט זעהר אָפטע און ניט זעהר שיינענדיגע גאַס-לאַמטערנעס. און שרה שפּיראָ שטעהט ביים פענסטער, טיעף אַריינגעשטעקט די נאָז אין גלאָז אַריין, און קוקט זיי נאָך, ווי דאָס שליטעלע האָט זיי אַוועקגעטראָגען, און איהר האַרץ קלאַפּט איהר שטאַרק, זי ווייסט ניט פון וואָס: אפשר פאַר גרויס פרייד?... איהר מאַמעס אויגען זעהען דאָס, וואָס נאָר אַ מאַמע, אַ גליקליכע מאַמע, קאָן זעהען, און איהר מאַמעס האַרץ פיהלט דאָס, וואָס נאָר אַ מאַמע, אַ גליקליכע מאַמע, קאָן פיהלען, און זי טראַכט זיך: „ווער ווייס? אפשר איז דאָס אַ בעשערטע זאַך?... אפשר איז דאָס אַ זווג?“... און די גליקליכע מאַמע פאָהרט זיי נאָך — אין דער מחשבה גלייך ביז׳ן טעאַטער. און זי געהט מיט זיי — אין דער מחשבה — גלייך אין טעאַטער אַריין. זיצט מיט זיי אַ בענקעל נעבען אַ בענקעל. געהט זיי נאָך פּיסטריט. הערט זיך איין, ווי זיי רעדען

האַלבע ווערטער. זעהט, ווי זיי דריקען זיך איינס דאָס אַנדערע די האַנד. קוקען זיך איינס דאָס אַנדערע אין די אויגען. אָ! זי פערשטעהט, וואָס בעדייט זייער קוק. זי איז אַ מבין אויף די האַלבע ווערטער... ווי לאַנג איז זי אַליין געווען אַ מיידעל און איהר דוד אַ בחור?...

און שרה שפּיראָ דערמאַנט זיך אין יענער גליקליכער צייט, וואָס, דאַכט זיך, אָט ערשט ניט לאַנג איז דאָס געווען, ווען איהר דוד, אַ ציקאַווע בחורל, אַ פאַרשוין, אַ קענער, אַ מושלם בכל המעלות, איז אויסגעגאַנגען נאָך איהרע טריט, געשריבען איהר אַזעלכע הייסע ליעבע-בריוולעך, געשוואָרען, אַז ער וועט זיך דאָס לעבען נעמען, אויב מע וועט איהם ניט געבען שרה'ן!... און שרה'ס טאַטע, אַ יוד אַ חסיד, געווייקט ביים רבין, האָט נישט געוואָלט הערען ניט זעהען פון דעם דוד שפּיראָ, דערפאַר ווייל ער איז אַ „כל-בוניק”, חאָטש ער האָט אַ רייכען טאַטען, וואָס וויל זיך לאָזען קאָסטען מי יודע וויפיעל, אַבי האָבען שרה'ן פאַר אַ שנור!... עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז דאָס יונגע פּאָר האָבען שוין געהאַט אָפּגערעדט צווישען זיך, אַז דוד זאָל מקדש זיין שרה'ן פאַר צוויי עדות, אָדער גאָר אויפהויבען זיך און אַוועקפאָהרען פון זייער שטעדטעל אין אַ גרויסער שטאָדט אַריין און דאָרט שטעלען אַ חופּה...

אַך! אָט ערשט נעכטען, דאַכט זיך, איז געווען דער דאָזיגער חלום, און אָט שטעהט זי היינט ביים פענסטער און קוקט זיך איין אין איהר טאָכטער, וואָס פליהט דאָרט אויף אַ שליטעלע מיט אַ פרעמדען בחור, אפשר מיט איהר בעשערטען?...

און זי בעט גאָט, די גליקליכע מאַמע, אַז אויב דאָס איז טאַקי איהר בעשערטער, זאָל ער זיין דאָס, וואָס זי, שרה שפּיראָ, מיינט אויף איהם... דאַכט זיך, אַ וואוילער בחור?... מיט אַ ירושה האָט איהם שוין דער אויבערשטער בעוואָרענט, אויף אַלע יודישע קינדער געזאָגט געוואָרען... הלואי זאָל ער נאָך אַליין זיין דערצו אַזוי, ווי ער ווייזט זיך איהר אויס... זי זאָל זיך אין איהם, חלילה, ניט אָפּנאַרען... נישקשה, איהר בעטין שטעהט אָן צו האָבען אי אַ פיינעם חתן, אי אַ מיליאָן... אַ מיליאָן?! ס'איז נאָר גרינג אויסצורעדען אַ מיליאָן!... אַ ווערטעלע אַ מיליאָן! אַ גאַנצער מיליאָן!... עס דאַרף זיין, אַפּנים, גאָר ניט שלעכט, אַז מע האָט אַ טאָכטער אַ מיליאָנערשע...

— וואו איז בעטי? וואו איז דער קוואַרטיראַנט? אַ ברענענדיגער פראָסט אין דרויסען!

דוד שפּיראָ איז אַריינגעקומען אָהן אַ קלונג, ווי אַלע מאָל, איין איבערגעפרוירענער, מיט ווייסע ברעקלעך אייז אויף די וואָנסעס. דערוואוסט זיך פונ׳ם ווייב, אַז זיי זענען אין טעאַטער אויף שאַליאַ-פּינען, ווערט פלוצים דוד משוגע.

— וואָס פאַר אַ געהעכטס פלוצים אין טעאַטער אַריין אַליין?

— מזל-טוב, סקאָנצעל קומט! — פאַלט אָן אויף איהם שרה. — איך האָב דאָך דיר נאָך אינדערפריה, דאַכט זיך, געזאָגט, אַז זיי האָבען בילעטען אויף שאַליאַפּינען און אַז זיי געהען אין טעאַטער אַריין, היינט וואָס פייערסט דו ווי אַ קוריערסקי פּאָיעזד?

— אַ גדולה שאַליאַפּין! — הערט דוד ניט אויף צו פייערן און אַרומשפּאַנען איבער דער שטוב, אָנוואַרימענדיג זיך די איבערגעפרוי-רענע פערקלעצעלדיגטע פיס אין איינוועגס. — ניין. איך וואָלט זיי ניט געלאָזט אַליין אין טעאַטער אַריין. בשום אופן ניט! פאַר קיין געלד!.. וואָס פאַר אַ געהעכטס אַליין אין טעאַטער אַריין? ניין. אָט טו איך מיך אָן און געה אויך אַהין. לאָמיך מיך נאָר אַ ביסעל אָנוואַרימען... שאַליאַפּין! קוים דערלעבט! נאַ דיר גאָר שאַליאַפּין!...

— שוין? האָסט שוין געענדיגט? — מאַכט צו איהם שרה און געהט צו-צו איהם נאָהענט און פערקוקט איהם אין די אויגען אַריין און רופט זיך אָן צו איהם מיט אַ נייעם ווייכען טאָן:

— דוד!...

און מעהר נישט... דוד שפּיראָ האָט באַלד אויפגעהערט צו פייערן און צו אַרומשפּאַנען איבער דער שטוב. ער האָט נאָר אַ זאָג גע-געבען צום ווייב:

— אַז איך ווייס ניט, ווער ער איז און וואָס ער איז?..

— דוד, וואָס רעדסט דו? וואָס נאָך דאַרפסט דו וויסען? אַ בריליאַנטענער בחור. אַ גאָלדענע מעדאַל. אַ רייכע מוהמע פון כמעט אַ מיליאָן, און ער איז איהר איינציגער יורש...

— גוט. אָבער ער אַליין ווער איז? זיין טאַטע וואָס איז? אַז איך ווייס גאָרניט!...

— דוד! און אַז מיין טאַטע האָט יאָ געוואוסט, ווער דיין טאַ-טע איז?...

— הויבט זיך אָן אַ מעשה! וואָס גלייכסט דו דאָס צו דעם? אַ סמיכות-הפרשה!...

— פּאַפּאַשאַ! אַרויס מיט אַ פּערציגער!

דאָס זאָגט סיאָמקע, אַרייגעלאָפן פון צווייטען חדר׳ל מיט אַ צוביסענער פּען און מיט שוואַרצע פינגער, איינגעטונקען אין טינט. דער פֿאָטער הייסט זיך בעווייזען אויף פּאַפּיר, פאַרוואָס עס קומט צוואַנציג קאָפּיקעס, און שרה טראָגט אַריין אַ זודיגען סאַמאָוואַר, וואָס בלעזעלט זיך און בולבולט זיך לעבעדיג-פריילעך און צושפּרייט אַ ווייכע וואַרימקייט אין שטוב, און עס דערהערט זיך גיך איין אַראָמאַט פון מזיהדיג-שמעקענדיגען טיי.

## דאָס צווייאונצוואַנציגסטע קאַפּיטעל.

## אין טעאַטער.

געקומען אין טעאַטער אַריין, האָט מען זיך אויסגעטאָן אין דער גאַרדעראָבע, און בעטי האָט אַראָפּגעוואָרפען פון זיך דעם ווייסען וואַרימען קאַפּאָר און געבליבען אין איהר שוואַרץ איינפאַך קאַשעמירען קלייד מיט שוואַרצען סטעקליאַרוס, וואָס האָט זיך אָפּגעפינקעלט אויף איהרע פּראַכטפול-אויסגעקיילעכיגטע פאָרמען, און איהרע איינפאַך-פערקעמטע האָר, וואָס האָבען אַרומגעבראָמט איהר קלאָר מאַטעווען פּנים, האָבען איהר צוגעגעבען אַזוי פיעל חן, אַז מע האָט זי גיך בעמערקט אין טעאַטער צווישען אַ סך אַנדערע שענהייטען אינ'ם דאָזיגען אָווענד, און אַ סך-אַ סך אויגען האָבען אויף איהר געקוקט. אַ סך לאָרנעטען און בינאָקלען האָבען זיך אָנגעשטעלט אַהין, וואו דאָס פּאָרל האָט זיך בעזעצט. דאָס האָבען זיי געזעהען ביידע, און ביידע האָבען פערשטאַנען, אַז די לאָרנעטען מיט די בינאָקעלס זענען אָנגעשטעלט אַלע אויף דעם דאָזיגען שענעם מיידעל מיט איהר יונגען בעגלייטער, וואָס קאָן זיין אָדער איהרער אַ ברודער, אָדער אַ חתן, אָדער אַזוי אַ בעקאַנטער קאַוואַליער... דאָס האָט געפיהרט דערצו, אַז בעטיס בליהענדע בעקלעך מיט איהרע חאַראַקטער-חן-גריבעלעך זאָלען זיך נאָך מעהר פעררויטלען, ווי רעכטע צייטיגע פערשקעס, ביז'ן ווייסען האַלז אַריין, און זי זאָל ווערען נאָך מעהר רייצענד און נאָך מעהר ציהען אויף זיך די אויגען פון פּובליקום, וואָס האָט צוליעב שאַליאַפּינען אָנגעפילט דעם פּאַרטער, די לאָזשען מיט דער גאַלעריע פון אויבען ביז אַראָפּ, אַזוי אַז ס'איז ניט געוועזען אַיין עפּעל דורכצוּוואַרפען.

ערשט דעמאָלט האָבען די לאָרנעטען מיט די בינאָקעלס אויפגעהערט צו קוקען אויף דער אַריינגעקומענער בעטי, אַז עס האָט זיך

אויפגעהויבען דער פאָרהאַנג און אַלע אויגען האָבען זיך געקעהרט צו דער סצענע צו, געזוכט דעם בעריהמטען וועלט-קומיר, דעם בעליעב-טען אָפּגאָט שאַליאַפּין, וועמענס נאָמען עס האָט אָנגעפילט דאָס טעאַ-טער אינ׳ם דאָזיגען אָוונד.

אויך בעטי איז געקומען צוליעב דעם דאָזיגען קומיר, צוליעב שאַליאַפּינען, אין טעאַטער אריין, און גיך האָט זי זיך איגגאַנצען, מיט אַלע איהרע חושים, אַריבערגעטראָגען אַהין אויף דער סצענע, גלייך מיט אַ סך אַנדערע. בעטי איז געקומען אַהער ניט נאָר פון יוצא וועגען, אונטערהאַלטען די מאָדע פון געהן אין טעאַטער אריין, נאָר טאַקי אויסגעצאַנגען מיט לייב און לעבען הערען אַזאַ בעריהמטען זינ-גער און שפּיעלער, ווי אָט דער שאַליאַפּין.

נאָר אויב בעטיס נשמה איז געווען דאָרטען אויף דער סצענע, איז איהר בעגלייטער ראַבינאָוויטש געווען דאָ. אין פּאַרטער, נעבען איהר, נעבען בעטין, צוליעב וועלכער ער האָט אייגענטליך פערפיהרט דעם גאַנצען ענין שאַליאַפּין. איהם איז אָט דער זינגער ווינציגער פון אַלץ געלעגען אין זינען. ער איז געקומען אַהער מיט בעטין נאָר צו-ליעב דעם, ער זאָל קאָנען בלייבען מיט איהר אַליין און ענטדעקען איהר סוף-כל-סוף דאָס, וואָס ער האָט זיך געקליבען איהר צו ענטדע-קען דעמאָלט נאָך, אויף מאָרגען נאָך דער אָבלאַווע... און אויב עס איז געווען אַיין אָפּהאַלט ביז אַהער, איז דאָס נאָר דערפאַר, וואָס ער איז נאָך מיט זיך אַליין ניט געווען אינגאַנצען פאַרטיג. ער האָט נאָך נישט געוואוסט, אויף וויפיעל זיינע געפיהלען צו איהר זענען טאַקי אַזוי ערנסט... ערשט אין דער לעצטער צייט האָט ער זיך אינגאַנצען איבערצייגט, אַז ער קאָן אָהן איהר ניט לעבען, און אַז זיין גאַנצע קאָמעדיע, דער גאַנצער שבאַס, וואָס ער האָט זיך געביטען מיט זיין חבר מיט די נעמען, איז געווען פון איהם נישט מעהר ווי אַ בעשער-טע זאַך, אַ פאַטאַלער שריט, אויף צו בעגעגענען זיך מיט׳ן דאָזיגען מיידעל, צו פערליעבען זיך אין איהר ביז צום שטאַרבען און צו פער-בינדען זיך מיט איהר אויף אייביג!...

אמת, ער האָט געוואוסט גאַנץ גוט, אַז עס שטעהט איהם פאָר נאָך געווג אָפּהאַלטענישען און דערנער אויף זיין וועג. ער האָט גע-וואוסט גאַנץ גוט, וואָס פאַר אַ מלחמה ער וועט דערפאַר אויסשטעהן אין דער היים מיט זיין קאַפּריזנעם פאָטער און נאָך מעהר מיט זייער גאַנצע עכט-רוסישע פאַמיליע, וואָס וועט געוויס ניט אָנשטעהן, אַז

ער, גרישאַ פּאָפּאָוו, זאָל חתונה האָבען מיט אַ מיידעל, וואָס קומט אַרויס פון יודען!... ער האָט דאָס אַלסדינג גאַנץ גוט געוואוסט, געצוג מאָל זיך איבערגעלעגט, טויזענד מאָל איבערגעטראַכט אויף אַלע זייטען און אויף אַלע פאַלען, און געפונען, אַז עס! ס'איז נישטאָ זיך וואָס צו שרעקען, ער וועט אַלסדינג איבערקומען בשלום. דער פּאָטער וועט איהם מוחל זיין, די פאַמיליע וועט פערגעסען. ער איז ניט דער ער-שטער, ער איז ניט דער לעצטער... האָבען מיר דען ניט געהאַט אַ מיניסטער ביי אונז אין אונזער לאַנד, און אַ געהויבענעם מיניסטער, וועלכער האָט אַ ווייב, וואָס קומט אַרויס פון יודען?...

איין זאַך נאָר איז ביי איהם געוועזען שווערליך: פון וואָס זאָל ער אַצינד מיט איהר אָנהויבען פריהער? צי זאָל ער איהר פריהער אויפדעקען, וואָס ער איז? אָדער ער זאָל ביי איהר געוואוירע ווערען, וואָס וואָלט זי געטאָן, ווען זי זאָל זיך פערליעבען אין אַ קריסט און זי זאָל צוליעב דעם דאַרפען איבערבייטען דעם גלויבען?...

מן הצד האָט ער איינמאָל געהאַט שוין ווי פאָרגעלעגט איהר אַזאַ מין פּראָבלעם, האָט זי איהם גאַנץ ערנסט געענטפערט, אַז דאָס איז איבערהויפט קיין פּראָבלעם, ווייל ס'איז אַ זאַך, וואָס עס קאָן ניט זיין.

— פאַרוואָס קאָן עס ניט זיין? — האָט ער זי איבערגעפרעגט און געוואָרען אַ ביסעל אומרוהיג.

— אַזוי. עס קאָן ניט זיין דער פאַל, — האָט זי איהם געענט-פערט — אַז ביי איצטיגע שאַרפע אומשטענדען אין אונזער לאַנד און ביי איצטיגע נאַציאָנאַלע רייבונגען אין דער וועלט בכלל זאָל אַ קריסט קאָנען פערליעבען זיך ערנסט אין אַ יודיש קינד...

און נישט מעהר?... איז די משמעות, אַפּנים, אַז איינגאַנצען וועגדט זיך נאָר אין דעם, אויף וויפיעל דער קריסט זאָל זיך האָבען ערנסט פערליעבט?... אויב אַזוי, איז דאַנקען גאָט, וואָרום ווי קאָן מען שוין זיין מעהר ערנסט פערליעבט, ווי ער איז פערליעבט אין בעטין?...

און אַז בעטי איז פערליעבט אין איהם — דאָס איז דאָך געוויס אָהן אַ שום ספק. דאָס זעהט דאָך אַ מינדסט קינד. אפילו די מוטער איהרע ווייס עס, און אַז די מוטער ווייס, ווייס דאָך, מסתמא, דער פאָטער אויך, און דאַכט זיך, אַז זיי האָבען גאָרנישט אַקעגען?... ניש-מעהר, זיי ווייסען ניט, ווער ער איז און פון וואַנען ער שטאַמט? —

איז דאָס אויך פון די קלייניגקייטען. אדרבה, לאָזען זיי נאָר געוואַר־רע ווערען, ווער זיין פאָטער איז!

און עס שטעלען זיך איהם פאָר פערשידענע בילדער און לעבע־דיגע סצענעס. איינע פריילאַכער פון דער אַנדערער. פריהער, ווי אַזוי דוד שפּיראָ וועט דאָס ווערען איבערראַשט, אַז ער וועט דערהערען דעם נאָמען מיט׳ן טשין פון זיין פאָטער, מיט׳ן טיטעל „יעווא פּרע־וואָסחאָדיטעלסטוואָ״, און מיט דער צייט אפשר „יעוואָ וויסאָקאָ-פּרע־וואָסחאָדיטעלסטוואָ״ — חאַ-חאַ-חאַ!... און שרה? אַך! וואָס וועט זאָגען שרה שפּיראָ, אַז אויסער טשינעס און אויסער טיטעלס, איז פאַרהאַן ביי זיין פאָטער אייגענע דערפער, פעלדער און וועלדער אין ט-ווער גובערניע, וואָס טרעפען אָן אַ סך מעהר ווי אַ מיליאָן, פון וועלכען זי איז אַזוי נתפּעל געוואָרען, חאַ-חאַ-חאַ!

פון בעטין שמועסט מען ניט, אַז זי וועט זיין גליקליכער פון גליקליך, אַז זי וועט געוואוירע ווערען, ווער איז אַט דער, וואָס איהר האַרץ האָט אויסדערוועהלט!...

און ער שטעלט זיך שוין פאָר בעצייטענס, ווי איהר פּנים וועט דאָס שיינען פון גדלות און ווי איהרע אויגען וועלען דאָס לייכטען פון גליק... און נאָכדעם, ווי זיי זעצען זיך אויף ביידע און פאָהרען צו איהם אַהיים, אין ט—ווער גובערניע... און ווי אַזוי דערנאָך ער וועט קומען מיט איהר פאַר זיין פאָטער... וואָס דער פאָטער וועט איהם זאָגען, און וואָס ער וועט זאָגען דעם פאָטער... און דער פאָ־טער זיינער איז דאָך אפילו אַ קאַפּריזנער, אָבער באמת אַ גוטער, אַ ווייכער מענש; ער וועט נאָר אַ קוק געבען אויף זיין אויסדערוועהלטע און רעדען מיט איהר צוויי ווערטער, וועט ער איהר גלייך מוחל זיין איהר שטאַם, וואָרום קיינער קאָן זיך אַזוי ניט האַלטען ווי בעטי. זי פערדיענט באמת אַיינצושטעהן, ווי איהר מוטער שרה שפּיראָ זאָגט, „אין קייזערליכע פּאַלאַצען״...

און ער וואַרפט אַיין אויג אויף זיין אויסדערוועהלטע, וואָס זיצט אָט דאָ מיט איהם אַצינד אין טעאַטער, און זי חלומ׳ט אפילו ניט פון אַזאַ גליק, וואָס וואַרט אויף איהר אין דער וועלט . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

נאָר אָט האָט זיך געענדיגט דער ערשטער אַקט, און אונזער גליקליך פּאָר הויבען זיך אויף פון זייערע ערטער און געהען גלייך

מיט אַלע אַרויס פון פּאַרטער אין וועסטיבול אַ ביסעל שפּאַצירען הין און צוריק. דאָרט וועט ער מיט איהר קאָנען רעדען פריי. דאָרט וועט ער איהר היינט אויפדעקען סוף-כל-סוף דעם הייליגען סוד, וואָס ער טראָגט אויפ'ן האַרצען, דעם גרויסען שפּאַס, ווי אַזוי ער איז פון אַ פּאָפּאָוו פערוואַנדעלט געוואָרען אויף אַ יאָהר צייט אין אַ ראַבינאָוויטש, און צוליעב וואָס דאָס איז געטאָן געוואָרען, און וואָס איז דערפון אַרויס... איין עק. היינט דאַרף דאָס געשעהן.

## דאָס דרייאונצוואַנציגסטע קאַפּיטעל.

## צוויי בעגעגענישען.

ווי נאָר אונזערע יונגע לייט זענען אַרויס פון פּאַרטער און אַריינגעטראָטען אין וועסטיבול, דאָרט וואו עס שפּאַצירט אַרום דער עולם, אַזוי האָבען זיי גלייך בעמערקט אַ בעקאַנטע הויכע פיגור, מיט ברייטע פּלייצעס, רויטליכע אויגען און גראָבע תאוהדיגע ליפּען. דער פּאַרשוין איז געשטאַנען די הענד פערלעגט אַהינטער און דורכגענומען זיי מיט די אויגען.

זיי האָבען ביידע גלייך דערקענט אין איהם יענעם פּאַרשוין פון דער נאַכט-אָבלאַווע, וואָס האָט געהאַט אָפּגעפיהרט ראַבינאָוויטשען אין געפענגעניש. נישמעהר דעמאָלט איז ער געגאַנגען אָנגעטאָן ווי אַ טשינאָווניק; איצט איז ער געווען אײַנגעצויגען אין אַ לאַנגען שוואַרצען ראָק, געשטאַנען אויף איין אָרט, ווי אויף דער וואַכט, און נאָר געוואָרפען מיט די אויגען רעכטס און לינקס אויפ'ן פּובליקום, וואָס האָט שפּאַצירט אַהין און אַהער.

ראַבינאָוויטשען מיט בעטין האָט ער בעגלייט מיט אַ בעזונדערען שאַרפען קוק פון זיינע רויטליכע אויגען. בעטי האָט געפיהלט אויף זיך דעם דאָזיגען קוק, וואָס האָט זי דורכגעבערענט ווי אַיין עלעקטרישער שטראָם...

— ס'איז ער?... — האָט זי אַ פרעג געגעבען ביי איהר קאַוואַליער, אַליין ניט וויסענדיג, פאַרוואָס עס קלאַפּט איהר אַזוי דאָס האַרץ, און זי האָט זיך אינסטינקטיוו צוגעטוליעט צו זיין האַנד, וואָס ער האָט איהר אונטערגעשטעלט.

— נו איז וואָס, אַז ס'איז ער? — האָט איהר ראַבינאָוויטש געענטפערט, געוואָלט זי בערוהיגען, און אַליין האָט ער אין האַרצען אָפּגעשיקט דעם דאָזיגען נפש צו אַלדי שוואַרצע יאָהר! ער איז גע-

ווען איבערצייגט, אַז דאָס בעגעגעניש איז ניט צום גוטען...

און כך הוה: זיי זענען נאָר אַריין אין גרויסאַרטיגען פּאָיע, דאָרט וואו מע קאָן זיך זיצען רוהיג אויג אויף אויג און שמועסען שטילערהייד גאַנץ אינטים, האָט זיי גאָט צוגעשיקט נאָך אַ בעגעגעניש.

דאָס איז געווען אַיין עלעגאַנט געקליידעטער, אַיין אויסגעפּוצ-טער סטודענט, נאָר-וואָס פון דער נאָדעל אַרויס: גאָלדענע קנעפּ, אַיין ענגער בלויער קאָלנער, אַ גאָלדען שווערדעל ביי דער זייט, קלאָר-ווייסע הענטשקעלעך אויף די הענד, און די ברוסט אויסגעבויגען און אַרויסגעשטעלט — מעשה-אָפּיציר. בקיצור, דאָס איז געווען אייגער פון די טשאַקענדיגע סטודענטען-פּראַנטען, וואָס מע האָט זיי געקרויגט מיט׳ן נאָמען „ווייסער אונטערשלאַק״.

— האַללאָ, קאָללעגאַ! — האָט ער זיך אָנגערופען צו ראַבינאָווי-טשען, און אַ זיס צוקערדיג שמייכעלע האָט זיך בעוויזען אויף דעם סטודענטס רויט פּנים מיט׳ן געלען שפּיצעכיגען בערדעל, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון זיין ענגען בלויען קאָלנער אַרויס.

געשמייכעלט האָט דער סטודענט, אייגענטליך, ניט אַזוי צו ראַ-בינאָוויטשען, ווי צום שענעם מיידעל מיט׳ן פּערריסען נעזעלע, וואָס געהט מיט דעם קאַנאַליע, מיט ראַבינאָוויטשען, אונטער די הענד...

— ניט שוין-זשע האָט איהר מיך ניט דערקענט, חי?

נאָך דעם דאָזיגען „חי״ האָט שוין ראַבינאָוויטש דערקענט, ווער דאָס איז.

— אַ? לאַפּידוס? — האָט ער אויסגעצויגען, געגעבען איהם די האַנד און געטראַכט בעת-מעשה: „וועלכער ניטגוטער האָט דיך גע-בראַכט אַהער צו טראָגען? האַלז און ביין וואָלט ער בעסער ברעכען, אָט דער...!״

ראַבינאָוויטש האָט נישט ליעב געהאַט לאַפּידוסען אָהן אַ שום „וואָ-רום״, האָטש ער האָט אויף איהם צו גלייכער צייט אויך רחמנות גע-האַט. צו אָפּט האָט זיך אָט דער געלער בחור געדרעהט איהם פאַר די אויגען, צו אָפּט אַיינגע׳טענה׳ט מיט איהם וועגען דעם, אַז ס׳איז נישט גוט צו זיין אַ יוד. נישט גוט און נישט בעקוועם און נישט קלוג און נישט לאָגיש... צו וואָס? צו וועלכען צוועק? פאַר וועמען ווילען מיר זיך אויסשפּיינען? ווער וועט אונז געבען דערפאַר אַ קניפּ אין בע-קעל?...

— איך וויים, גלויבט מיר, איך ווייס, פאַרוואָס איהר בייט

ניט איבער אייער יודישקייט, הי... איהר טוט עס ניט נאָר מחמת פּחדנות, איהר ציטערט פאַר אייער פאָטער אָדער אייער מוטער — אַזוי האָט לאַפּידוס איינגעדרונגען זיין חבר ראַבינאָוויטשען און געהאַלטען איהם בעת-מעשה פאַר'ן קנעפּעל פון פּאַליטאָ...

— איהר האָט אַ טעות, — וויל איהם ראַבינאָוויטש חאָטש עפּעס ענטפערן, לאָזט ער איהם נישט אָפּ דאָס קנעפּעל און צולאַכט זיך אַזוי, אַז ער ווערט ראַבינאָוויטשען נמאס.

— איהר זאָגט — איך האָב אַ טעות, חי? איך האָב קיינמאָל קיין טעות ניט. אייער פאָטער זאָל ניט זיין קיין פאַבריקאַנט...

— מיין פאָטער איז ניט קיין פאַבריקאַנט, — פּרובט זיך ראַבינאָ-וויטש אַרויסדרעהען.

— נישט קיין פאַבריקאַנט, איז אַ באַנקיר... אייער פאָטער זאָל ניט זיין קיין באַנקיר, און איהר זאָלט ניט זיין זיין יורש, ווי מע זאָגט דאָס אויף יודיש, איבער הונדערט צוואַנציג יאָהר, חי-חי, און איהר זאָלט האָבען איין אָרימע מאַמע און אַ שוועסטער ווי איך, וואָלט איהר געטאָן דאָס אייגענע, וואָס איך קלויב זיך טון, וואָס אַ סך אַנדערע קלוגע חברים אונזערע טאָן... פּלוצים שטעלט זיך לאַפּידוס אָפּ אַ ווײַלע און נעמט אַ נייעם טאָן: איהר ווילט האַלטען מיט מיר אַ וועטע?

— אויף וואָס?

— אויף דעם, אַז איבער אַ יאָהר אין דער צייט וועט איהר זיין אַ קריסט... אויף וויפיעל ווילט איהר זיך וועטען, הי? איהר שווייגט? אַהאַ! חי-חי-חי!...

דעמאָלט האָט איהם ראַבינאָוויטש צוליעב געטאָן און האָט זיך אויך צולאַכט, וועלכעס לאַפּידוס האָט אָנגענומען פאַר אַ הסכמה און ביי איטליכס מאָל, וואָס זיי האָבען זיך נאָכדעם בעגעגענט, האָט איהם לאַפּידוס אָפּגעשטעלט און נאָר אַ פרעג געגעבען: „נו?" איצטיגס מאָל אָבער וואָלט ער נישט געוואָלט, אַז לאַפּידוס זאָל איהם דערמאַנען וועגען זייער געוועט און ער האָט איהם געוואונשען פון גאַנצען האַר-צען, ער זאָל אָנלעגען מיט'ן קאָפּ. פונדעסטוועגען קאָן מען אַזוי גראָב ניט זיין און מע דאַרף איהם פאַרשטעלען פאַר דעם פריילין שפּירא. ער קוקט אויף איהר צו האַסטיג... און ראַבינאָוויטש האָט איהם גאַנץ העפליך פאָרגעשטעלט פאַר בעטין, אויף וועלכער לאַפּידוס האָט ניט אויפגעהערט צו קוקען און צו שמייכלען, און ווי נאָר מע האָט איהם

פאַרגעשטעלט אַט דאָס שעלמאָווסקי שענע מיידעל, אַזוי האָט ער שוין גאָר ניט געוואָלט אָפּטרעטען. עס האָט גאָרנישט געהאָלפען: זיי האָבען געמוזט אַלע דריי שפּאַצירען איבערן פּאָיע הין און צוריק, — בעטי אין מיטען און ראַבינאָוויטש מיט לאַפּידוסען ביי די זייטען.

עס איז ניט געווען די קללה, וואָס ראַבינאָוויטש האָט נישט אָנגעוואונשען אָט דעם ווייסען אונטערשלאַק לאַפּידוסען. פערפאַלען — האָט ער זיך געטראַכט — אַ גאַנצער אַנטראַקט. ער וועט נישט קאָנען בלייבען מיט בעטין אויג אויף אויג און רעדען מיט איהר דאָס, וואָס ער האָט צו רעדען... נאָר וואָס העלפט דאָס דען? מע מוז זיך אָננעמען מיט הארץ, מאַכען אַ פריינדליך פּנים און נאָך אונטערהאַלטען דעם שמועס אויך. אַ ברירה האָט מען?... און פון וואָס שמועסט ער, אָט דער פּראַנט איוואַנאָוויטש, דער שד זאָל איהם דערשטיקען? עפּעס אַליך אַזעלכע פּוסטע, וואָכעדיגע, באַנאַלע רייד, שלאָגט צו דער גאַל!... האָט זיך אויסגעצוואָגען, ווי אַ מויד, אויסגעפּוצט, ווי פאַר'ן טויט, און מיינט, אַז דער רוח איז זיין פעטער!...

ראַבינאָוויטש האָט חשק געהאַט איהם אַ פרעג צו געבען, ווי אַזוי איז דאָס געשעהן, וואָס ער איז אַריינגעקראָכען אין אַ סטודענטישען מונדיר? האָט איהם אָבער דאָס האַרץ ניט דערלאָזט. ער האָט זיך דערמאַנט אָן זייער געשפּרעך און עס האָט זיך ניט ווילענדיג אויפגעוועקט ביי איהם אַ געפיהל פון רחמנות צום דאָזיגען אָרימען, געלען יונגענמאַנטשיק, וואָס דאַרף אויסהאַלטען אויף זיינע פּלייצעס איין אָרימע מאַמע מיט אַ שוועסטער, דאַכט זיך... בעטראַכטענדיג זיין גליקליך שיינענדיג פּנים מיט'ן געלען שפּיצעכיגען בערדעלע און זיין גאַנצע אויסגעמענשעלטע פיגור, האָט ראַבינאָוויטש איהם מוחל געווען, וואָס ער האָט צוגענומען ביי איהם אַ גאַנצען אַנטראַקט. „חאַפּט איהם בעני, נעבאַך איין אָרימער בחור, אַ שלימזל, לאָז ער איבערגעהן אויף אַנדערע הענד"...

אַזוי האָט געזאָגט צו זיך אַליין ראַבינאָוויטש, וועלכער האָט פערשטאַנען, וואָס פאַר אַ פּרייז אָט דער שלימזל לאַפּידוס האָט בעצאָהלט פאַר זיין שענעם בלויען סטודענטען-מונדיר מיט'ן ווייסען אונטערשלאַק, און ווי טייער איהם האָט געקאָסט זיין אַריינטרעטען אינ'ם דאָזיגען מונדיר... ער האָט נישט געוואָלט בעריהרען שוין די דאָזיגע איידעלע מאַטעריע, מורא געהאַט אָנטרעטען איהם דאָרט, וואו עס טוט איהם אפשר וועה... האָט אָבער לאַפּידוס אַליין אויפגעדעקט זיין

זועהטיג. ער האָט זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט, בעטראַכט ראַבינאָוויטשען, ווי ער געהט אַנגעטאָן ניט ווי אַ סטודענט, און אָנגערופען זיך צו איהם:

— נו, מיין טייערער קאָללעגאַ? וואָס-זשע וועט זיין ווייטער, הי? איך ווייס, — דאָס האָט איהר צו פערדאַנקען אייער טומאַרקינען, וואָס מיינט, אַז ער טוט אייך די גרעסטע טובה; צום סוף מאַכט ער אייך, און נאָך אַזעלכע, ווי איהר, אומגליקליך... כ׳לעבען, איך האָב אויף אייך רחמנות.

ראַבינאָוויטש האָט זיך צולאַכט:

— איך דאַנק אייך זעהר, וואָס איהר האָט אויף מיר רחמנות.

לאַפּידוסען האָט פערדראָסען, וואָס ראַבינאָוויטש לאַכט. האָט ער זיך אָנגערופען צו ראַבינאָוויטשען און ניעט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פון דעם שענעם מיידעל:

— אייך איז גרינג צו לאַכען! וואָס הערט איהר עס, יאָ אַ סטודענט, ניט קיין סטודענט? אייער פאָטער איז אַ באַנקיר, אָדער אַ מאַנופאַקטוריסט, און יעדענפאַלס אַ בורזשוי, קאָן אייך אויסהאַלטען נאָך אַ יאָהר און נאָך אַ יאָהר.... איהר זאָלט אָבער זיין אויף מיין אָרט, האָבען אויף זיך אַיין אַלטע מאַמע און אַיין אָרימע שוועסטער, וואָס זייער גאַנץ לעבען הענגט אָפּ אין אייך, וואָס אייער גליק איז זייער גליק, וואָס אייער שמערץ איז זייער שמערץ! מיט איינעם וואָרט — ווי קאָנט איהר פיהלען דאָס וואָס איך?

האָט זיך אַריינגעמישט בעטי:

— פון וואַנען ווייסט איהר דאָס, אַז ראַבינאָוויטש קאָן ניט פיהלען דאָס, וואָס איהר? און ווער האָט אייך געזאָגט, אַז זיין פאָטער איז אַ באַנקיר און אַז ער האָט ניט קיין-אַלטע מאַמע און קיין אָרימע שוועסטער גלייך מיט אייך?

לאַפּידוס האָט אויסגעגלייכט די ברוסט, זוויפגעהויבען די אַקסלען און געזאָגט צו בעטין:

— ווער האָט מיר געזאָגט? קיינער ניט. נאָר מע ווייסט. אָ! מע ווייסט! ווער קען ניט די ראַבינאָוויטשעס? אַ בעוואוסטע פירמע!... נאָר דאָס איז ניט וויכטיג. איך פרעג בעסער ביי אייך, זאָגט מיר אָט וואָס: וואָס וואָלט ער געטאָן, אָט דער הערר ראַבינאָוויטש טאַקי, ווען ער זאָל זיין אויף מיין אָרט, אַז קיין מעדאַל האָב איך ניט, און קיין פאָטער קיין באַנקיר אויך ניט, און זיצען דאָ לאָזט מען נישט,

אין פיער און צוואַנציג שעה... און אַ מאַמע אַ קראַנקע, און אַ שוועס-טער אַיין אָרימע. איהר פערשטעהט, צי ניין?

— קומט אויס — מאַכט צו איהם בעטי — קומט אויס נאָך אַייערע רייד, אַז אַלע יודען, וואָס האָבען קראַנקע מאַמעס און אָרימע שוועס-טער — און וועלכער יוד האָט דאָס ניט אַ קראַנקע מאַמע אָדער אַיין אָרימע שוועסטער? — בעדאַרפען צוליעב די דאָזיגע מאַמעס און שוועס-טער נעמען און טון דאָס, וואָס איהר האָט געטאָן, לויט איך פערשטעה?...

— געוויס! — האָט איהר לאַפּידוס אָפּגעענטפערט מיט אַ געלעכ-טערל, אַרויסשטעלענדיג מיט גדלות די ברוסט פון מונדיר אַרויס, אויף וועלכען דער שניידער האָט, ווי עס ווייזט אויס, אָנגעלעגט ניט ווינציג מיה...

בעטי האָט איהם בעגאָסען מיט אַ שטראַהלענדיגען בליק פון איה-רע שענע קאַרע אויגען און מיט אַ שמייכעלע צו איהם געזאָגט:

— אַייך דאַרף מען מקנא זיין... מיט וואָס פאַר אַ לייכטקייט איהר פערענטפערט אַזאַ פיינליכע פראַגע, איבער וועלכע הונדערטער דורות האָבען זיך געלאָזט טרעטען מיט די פיס, טרייבען און יאָגען, ברענען און בראָטען, כ'לעבען, ס'איז אַייך מקנא צו זיין...

לאַפּידוס האָט כלומרשט געלאַכט, אַרויסבעוויזען אַלע זיינע ווייסע ציינער.

ווען דאָס דאָזיגע מיידעל זאָל ניט זיין אַזאַ רייצענד שען מיי-דעל מיט אַזעלכע שענע קלוגע קאַרע אויגען, און איהר קלינגענדיג זיס קול און איהר קלאַסישע פיגור און איהר סימפּאַטיש אויסזעהן מיט איהר אינגאַנצען זאָל ניט שרייען: „האָב מיך ליעב!" — וואָלט דער בערעדעוודיגער לאַפּידוס געפונען שוין וואָס איהר צו ענטפערן אויף איהר איראָניע. נאָר וויל בעטי האָט איהם אינגאַנצען געפלעפט, האָט ער מיט אַ שמייכעל זיך געווענדט צו איהר:

— האָט קיין פּאַראיבעל ניט, פריילין... פריילין...

— פריילין שפּירא, — האָט איהם ראַבינאָוויטש אונטערגעזאָגט.

— פּאַרדאָן! האָט קיין פּאַראיבעל ניט, פריילין שפּירא, וואָס איך וועל אַייך פרעגען, חאָטש דאָס איז אַ זייטיגע פראַגע, וואָס האָט אָבער אַ שייכות צו דעם, וואָס איהר האָט נאָר-וואָס בעריהרט. אָט זאָגט איהר — הונדערטער דורות, געיאָגט און געטריבען, געברענט און געבראָטען. דאָס איז אַלץ זעהר שענע מעשיות פון פּאַרצייטען. דאָס ווערט אָנגערופען מיט'ן נאָמען „היסטאָריע", פאַר וועלכע מיר נע-

מען אַראָפּ דאָס היטעל. זעהר שען. וואָס וועט איהר אָבער זאָגען אויף אַזאַ מין פאַקט? ניט פון דער היסטאָריע, ניין. נאָר טאַקי פונ׳ם לעבען אַליין. אַ פאַקט, וואָס אָט דאָ ניט לאַנג האָט זיך געטראָפען. אָט דאָ טאַקי ביי אונז, אין אונזער שטאָדט, חאַ-חאַ?... אָט וועל איך אייך עפּעס דערצעהלען. ס׳איז אַ פיקאַנטנע געשיכטע, כ׳לעבען, און אַ טרויעריגע... איך זאָל זיין אַ שרייבער, וואָלט איך זי זיכער בעשריבען אין אַ צייטונג, מע זאָל וויסען... נישקשה, איהר מעגט דאָס האָרכען.

און לאַפּידוס, צופרידען מיט זיך אַליין און מיט דעם, וואָס ער קאָן אַזוי שען דערצעהלען, און מיט דעם, וואָס אַזאַ שען מיידעל הערט איהם אויס, האָט גענומען איבערגעבען זיין פיקאַנטנע געשיכטע מיט אַזאַ טאָן, פון וועלכען עס איז געווען צו זעהן, אַז דער מענש האָט הנאה פון זיך אַליין.

— אַלזאָ, סודאַריניאַ, — אַזוי האָט לאַפּידוס אָנגעהויבען צו דערצעהלען, מעהר פאַר בעטין איידער פאַר ראַבינאָוויטשען, זיין פיקאַנטנע געשיכטע, — אַלזאָ, סודאַריניאַ, די געשיכטע איז, אייגענטליך גערעדט, אַיין איינפאַכע, געוועהנליכע געשיכטע, וועלכע איך וואָלט אַ נאָמען געגעבען: „איינע פון אַ סך”, ווארום דאָס זענען מעשים בכל יום. אַזעלכע געשיכטען טרעפען זיך ביי אונז די לעצטע צייט אָפט, זעהר אָפט.

הקצור, איך האָב אַ גוטען בעקאַנטען, אַ פריינד, אַ גוטען פריינד, — דער נאָמען איז דאָך ניט וויכטיג, — און מיין גוטער פריינד, אָדער מיין חבר, האָט אַ שוועסטער. אַ מיידעל. און דווקא אַ פיין מיידעל. בעמערקט, איך זאָג ניט קיין פאַרשוין, קיין קראַסאַוויצע. קראַסאַוויצעס זענען איבערהויפּט זעהר ווינציג...

לאַפּידוס האָט מיט די דאָזיגע ווערטער, און נאָך מעהר — מיט זיין קוקען אויף בעטין, געגעבען איהר צו וויסען, אַז זי מעג זיך איבערנעמען. בעטי האָט זיך געמאַכט, ווי זי פערשטעהט ניט, און ראַבינאָוויטש האָט שטאַרק חשק געהאַט אָנגעמען אָט דעם אויסגעפּוצטען לאַפּידוסען אָדער פאַר׳ן שפּיץ פון זיין געל בערדעלע, אָדער פאַר די לאַצען פון זיין אויסגעצייכענטען בלויען מונדיר מיט׳ן ווייסען אונטערשלאַק און זאָגען: „פּעטערל! צו דער זאַך!”... נאָר ער האָט זיך אַיינגעהאַלטען און מיט אַ שמייכעלע אַ זאַג געגעבען צו איהם

— אַלזאָ, האָט איהר אַ גוטען פריינד אַ חבר, און אַייער חבר האָט אַ שוועסטער. נו, און ווייטער וואָס?

לאַפּידוס האָט אָנגענומען ראַבינאָוויטשעס ווערטער פאַר אַ סימן, אַז ער פערגינט איהם ניט, וואָס ער, לאַפּידוס, דערצעהלט אַזוי שען. האָט ער, נישט קוקענדיג אויף ראַבינאָוויטשען און נאָר אויף בעטין, גענומען איהר דערצעהלען ווייטער:

— אַלזאָ, סודאַריניאַ, ווי געזאָגט, האָט מיין קאָללעגאַ אַ שוועסטערל, אַ פיין מיידעל און אַ געבילדעטע, און וויל לערנען, קומען צו אַ שטיקעל תכלית, עפּעס ענדיגען, איהר פערשטעהט, צי ניין? נו, איז זי געקומען צו פאָהרען אַהער פון אַ קליין שטעדטעל אָפּגעבען עקזאַמען און אַריינטרעטען וואו עס וועט זיך לאָזען. אַקושערקע איז אַקושערקע. דאַנטיסטין איז דאַנטיסטין — אַבי לערנען. אַבי אַ דיפּלאָם.

קורץ און גוט, איז זי געקומען צו פאָהרען אַהער, צו איהר ברודער. איהר ברודער איז, ווי איהר פערשטעהט שוין אַליין, אַ סטודענט. מילא געקומען — זעהר פיין, אַ גאַסט, וואָס איז דאָ צו רעדען? לאָזט זיך אָבער אויס, אַז מע לאָזט זי ניט זיין. מע לאָזט זי ניט וואוינען אַ טאָג אפילו. פאַרוואָס? דאַרף איך אייך ניט דערצעהלען. איהר שטויסט זיך שוין אַליין: „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ”. טענה'ט זי נעבאַך: „אָט געב איך אָפּ עקזאַמען און טרעט אַריין, האָב איך אַ פּראַוואָזשיטעלסטוואָ”. לאָזט זיך אָבער אויס, אַז צום עקזאַמען גופא בעדאַרף זי ברענגען מיט זיך אַ פּראַוואָזשיטעלסטוואָ. חאַ-חאַ, איהר פערשטעהט, צי ניין?

הקצור, שלעכט! וואָס טוט מען? אָט-אָט איז דער עקזאַמען, און אָט שטעהט דער אָקאָלאָדאָטשנע און זאָגט: אָדער פּראַוואָזשיטעלסטוואָ, אָדער זיי מוחל, מיידעלע, אַהיים, — אַ פאָהר-פאַהר נאַ באַרדיטשעוו, חאַ-חאַ!

אַהין-אַהער, עס האָט זיך געפונען, שטעלט אייך פאָר, אַ גוטער פריינד, אַ יוד אַ חכם, און גיט איהר איין עצה... (לאַפּידוס בויגט זיך צו צו בעטין און רעדט שטיל) זי זאָל זיך פערשרייבען... זי זאָל אַרויסנעמען... זייט מיר טויזענד מאָל מוחל... נו, זי זאָל זיצען אויף אַ געלען בילעט!... איהר פערשטעהט, צי ניין?...

אויסער זיך בין איך געוואָרען, אַז איך האָב עס דערהערט. און פון ועמען, מיינט איהר, האָב איך עס דערהערט? טאַקי פון איהר ברודער אַליין! מאָלט אייך, ער האָט זיך פון מיר ניט גענאַרט! ער

האָט בעקומען פון מיר אַ רעכטע פּאָרציע. „אום גאָטעס ווילען, זאָג איך איהם, ווי קאָנסט דו דאָס גאָר ברענגען פאַר'ן מויל? ווי קאָן דיר גאָר קומען אַזאַ זאַך אויף דער מחשבה?" נו, איז דען ניט גלייכער, פרעג איך אייך, טויזענד מאָל גלייכער און לייטישער און פּראַקטישער און עהרליכער אָפּזאָגען זיך אינגאַנצען איינמאָל פאַר אַלעמאָל, איידער אַזוי, אַזוי נידעריג פאַלען, אַזוי זינקען מאָראַליש, וועלען מיר זאָגען, אַראָפּלאָזען זיך אין אָפּגרונד? הי?

ראַבּינאָוויטש, וועלכער האָט זיך שטאַרק פעראינטערעסירט מיט דער געשיכטע און איז, אייגענטליך, געווען גאַנץ איינפערשטאַנדען מיט לאַפּידוסען, האָט נאָר-וואָס אויפגעפּעפּעט דאָס מויל, געוואָלט עפּעס זאָגען, האָט איהם לאַפּידוס מיט דער האַנד אָבּגעשטעלט, ער זאָל שווייגען, ווייל אין דערזעלבער מינוט האָט אויך בעטי אָנגעהויבען צו רעדען. זי האָט זיך געווענדט צו לאַפּידוסען, נישט קוקענדיג אויף איהם, נאָר אויף דעם שפּיץ פון איהרע אייגענע שיכלעך, און דאָך איז געווען צו בעמערקען, ווי איהר שען פנים האָט זיך בעגאָסען מיט אַ העליש פייער:

— אַלזאָ, וואָס-זשע איז געוואָרען מיט אייער חבר'ס שוועסטער? דאָס הייסט, איך מיין, וואָס האָט זי... וואָס האָט זי געטאָן?

דאָ האָט זיך לאַפּידוס אָפּגעשטעלט, צונויפגעלעגט די הענד אויפ'ן האַרצען מעשה-אַרטיסט און אָנגערופען זיך צו איהר מיט אַ טראַגיש געלעכטערל:

— הערסט דו? אָט דאָס פרעג איך דאָך ביי אייך! ווי אַזוי קומט אויס נאָך אייער פערשטאַנד? הי? ווּעמענס עצה האָט זי בעדאַרפט פאָלגען?

בעטי האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט און, קוקענדיג לאַפּידוסען גלייך אין די אויגען אריין, האָט זי איהם אָפּגעענטפערט שאַרף, און איהר ענטפער האָט זיך אויסגעוויזען, אַז עס לאָזט זיך הערען, ווי אַ ביי-זער טאָן:

— איך בעדויער זעהר אייער בעקאַנטע... אייער בעקאַנטענס שוועסטער. און אויב איהר ווילט דורכאויס וויסען מיין מיינונג, דאַרף איך אייך זאָגען, אַז איך אויף איהר אָרט, וואָלט אייער קלוגע, פּראַקטישע און ע ה ר ל י כ ע עצה געוויס נ י ש ט אָנגענומען!...

דאָס וואָרט „עהרליכע" האָט זי רעכט בעטאָנט און אונטערגע-

שטריכען אַזוי, אַז לאַפּידוס האָט זי פערשטאַנען און פערביסען אַ ליפּ, האָטש ער האָט זיך געמאַכט ווי ער לאַכט.

— אַזוי זאָגט איהר? הי?

— אַזוי וועט אייך זאָגען יעדע איינציגע אויף מיין אָרט, וואָס האָט אין זיך אַ ברעקעל עהרענגעפיהל, וואָס האָט אין זיך אַ פרייע נשמה, ניט קיין פערשקלאַפּטע, מיט איינעם וואָרט, יעדע איינציגע, וואָס מע קאָן ניט קויפען ניט פאַר קיין געלד, ניט פאַר קיין אַקו-שערסקי דיפּלאָם און ניט פאַר קיין שום דיפּלאָם אין דער וועלט!

דאָס דאָזיגע האָט בעטי אַרויסגערעדט מיט אַזוי פיעל ערנסט און מיט אַזאַ פייער, אַז ראַבינאָוויטש האָט זיך גאָר איבעראַנייס גע-נומען שפּיגלען אין איהר, זיך גאָר ניט געקאָנט זאַט אָנקוקען און אָנ-הערען. זי האָט איהם אויסגעוויזען ניי. גאָר נישט דאָס ציקאַווע מיי-דעל מיט די הן-גריבעלעך אין די בעקלעך און מיט׳ן שעלמיש שמיי-כעלע, וואָס ער האָט דערזעהען דעמאָלט דאָס ערשטע מאָל, אַז ער איז געקומען דינגען דאָס צימערל. ער האָט זי נאָך קיינמאָל ניט גע-זעהען אַזוי שען, אַזוי גרויסאַרטיג שען, ווי אין דער דאָזיגער מינוט. איהרע שטענדיג שמייכלענדיגע אויגען האָבען איצט געשפּריצט מיט פייער. איהרע בעקלעך, וועלכע האָבען זיך נאָר-וואָס גערויטעלט, ווי צייטיגע פערשקעס, האָבען זיך מיט אַמאָל איבערגעצויגען מיט אַ מאָד-נע בלייכקייט. דאָס אויבערשטע ליפּעל האָט עטוואָס געציטערט.

לאַפּידוס, וואָס האָט די גאַנצע צייט אויך זיך געשפּיגעלט אין איהר פּנים און זי געגעסען מיט די אויגען, מקנא געווען ראַבינאָווי-טשען אויף זיין בעקאַנטע, האָט נישט געענטפערט איהר דערויף גאָר-נישט. ער האָט זיך נאָר געמאַכט ווי ער לאַכט, אויסגעבויגען די ברוסט נאָך מעהר, אויפגעהויבען די אַקסלען נאָך העכער און אָנגערו-פען זיך צו ראַבינאָוויטשען:

— זעהט איהר? איך האָב געמיינט, אַז ס׳איז דאָ נאָר איין טו-מאַרקין אַזאַ שאָוויניסט. צום סוף... שאַ! מע קלינגט שוין! — האָט ער אַ זאָג געגעבען, אָפּגעזעגענט זיך מיט זיי ביידע אָהן העכד, נאָר מיט אַ עלעגאַנטען בויג איין דעם קאָפּ און מיט אַ קלאַפּ מיט די פיס, גאָר מעשה-אָפיציר, און איז פערשוואונדען געוואָרען אין דער גרויסער הושטשע פון די שפּאַצירענדע הין און צוריק איבערן פאָיע, וואָס האָבען זיך געלאָזט אַלע ווידער צוריק אין טעאַטער אַריין.

פון דעם, וואָס בעטי האָט דאָ נאָר-וואָס אַרויסגעזאָגט, האָט

אונזער העלד אַרויסגעזעהען, אַז ער פערשפּאָרט שוין מיט איהר רע-דען דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט, און אַז ער דאַרף איהר שוין זיין סוד נישט אויפדעקען. ניין. איהר מיינונג וועגען זיין פּלאַן איז שוין געוועזן אָפּען פאַר איהם ווי אַ בוך. אַלע זיינע שענע לופט-שלעסער, וואָס ער האָט ביז אַהער געבויעט, האָבען זיך מיט אַמאָל אָנגעהויבען שאָקלען אויף צופאַלען ווערען. אַלע זיינע גאָלדענע חלומות, וואָס ער האָט זיך מיט זיי אַרומגעטראָגען, האָבען זיך מיט אַמאָל אָנגעהויבען צוגעהן ווי אַ רויך...

„ניט שוין-זשע, — האָט ער זיך אַליין געפרעגט, געהענדיג מיט בעטין אונטער די הענד צוריק אויף זייערע ערטער אין פאַרטער אַריין און פיהלענדיג די וואַרימקייט פון איהר לייב — ניט שוין-זשע וועט ער צוליעב דעם, צוליעב אַזאַ קלייניגקייט, אייגענטליך, פערלירען אַזאַ איין אוצר? — ניט שוין-זשע איז אַלסדינג פערפאַלען?... ניין, — האָט ער זיך אַליין אָפּגעענטפערט גאַנץ פעסט, — ניין! דאָס קאָן ניט זיין! דאָס דאַרף ניט זיין! און דאָס וועט ניט זיין!!"...

## דאָס פינפאונצוואַנציגסטע קאַפּיטעל.

### אַ שוואַרצע קאַץ.

אַרויסגעגאַנגען פון טעאַטער, האָבען אונזערע יונגעליים דערזע־העז פאַר זיך אַ נאַכט אַ שענע, אַיין אויסגעצייכענטע. איינע פון יענע שענע, קאַלטע, נאָר ווייכע, ווייסע, ווינטערדיגע נעכט, ווען דער שניי ליגט אויסגעשפּרייט, ווי אַ פרישׁ אויסגעפּרעסט ליילעך, דער פראָסט שטשיפּעלט ביי דער נאָז, די שטערען זענען רויטליך־בלוי, שעמערירען ווי ברילליאַנטען, און אומעדום, וואו דאָס אויג קאָן גריי־כען, איז ווייס, ווייס און ווייס.

— טאָמער וואָלטען מיר בעסער געגאַנגען צופוס? — האָט ראַבּי־נאָוויטש אַ זאָג געגעבען צו בעטין.

— ביי מיר האָט איהר געפּועלט, — האָט איהם בעטי געענטפערט, בעגאָסען מיט אַ קוק פון איהרע אויגען, וואָס האָבען איהם געשיינט אין דער נאַכט ווי גלאַנצענדיגע שטערען. זי האָט איהם געגעבען איהר האַנד, און ביידע האָבען זיי זיך געלאָזט בּאַרג אַראָפּ, מעהר גע־גליטשט זיך ווי געגאַנגען. און חאָטש דער הימעל איז געווען לויטער, האָבען איינציגע שנייעלעך זיך אָפּגעריסען ערגעץ פון דער הייך, גע־טראָגען זיך ווי פעדערלעך אויפ'ן שיין פון די גאַס־לאָמפּען, זיך גע־דרעהט און געקאַטשעט זיך און פּאַוואָלינקע געפאַלען אַראָפּ אויפ'ן פריהער אָנגעשאָטענעם, גוט־איינגעריבענעם און איינגעטראָטענעם שניי.

עס איז געווען כּמעט וואַרים. וויינינגסטענס, אַזוי האָבען עס געפיהלט אונזערע יונגעלייט, וואָס זענען געגאַנגען בּאַרג־אַראָפּ, זיך געהאַלטען ביי די הענד און געגליטשט זיך, און געגליטשט זיך, און געלאַכט, אַ סך געלאַכט, וואָרום זיי זענען עטליכע מאָל שיער־שיער ניט געפאַלען. און ביי יעדען מאָל, וואָס זיי האָבען זיך אויסגעגליטשט

אויף צו פֿאַלען, האָט זיך בעטי צוגעטוליעט צו איהר קאַוואַליער אַלץ נעהענטער און נעהענטער, און ער איז געוועזען שטאַרקער פֿון אײַזען, אַז ער האָט זיך געקענט בעהערשען ניט אַרומנעמען זי מיט ביידע הענד, צודריקען איהר פּנים צו זיין פּנים און אויסקושען איהר ביידע בעקלעך, פֿערדרויטעלטע פֿון פראָסט.

אין דער מינוט האָט ראַבינאָוויטש שוין גאָר פֿערגעסען, וואָס ער האָט אָט דאָ ניט לאַנג געהערט פֿון איהר אין טעאַטער. עס איז געוועזען גענוג, ער זאָל בלייבען מיט איהר אויג אויף אויג איין מינוט, זיין נאָהענט נעבען איהר, פֿיהלען איהר נאָהענטקייט נעבען זיך, אַז ער זאָל פֿערגעסען אַלסדינג אויף דער וועלט! וואָס גערט איהם אָן אַצינד יוד, קריסט, גלויבען און נאָך אַזעלכע זאַכען, אַז איהר האַנד איז ביי איהם, אַז ער פֿיהלט, ווי זי אָטעמט, אַז ער הערט, ווי עס קלאַפּט איהר הארץ?... אַוועק, אַוועק אַלע מחשבות און געדאַנקען! ער ווייסט נאָר איינס: ער האָט ליעב זי, און זי האָט ליעב איהם — דאָס איז קלאָר, ווי אָט דער דאָזיגער קלאָרער הימעל, וואָס איבער זיי, ווי אָט דער דאָזיגער קלאָרער שניי, וואָס סקריפּעט אונטער די פֿיס. ניין! מע דאַרף זיין שטאַרקער פֿון אײַזען, מע זאָל זיך קאָנען בעהערשען — ניט אַרומנעמען אָט דאָס שענע מיידעל מיט ביידע הענד, צודריקען איהר פּנים צו זיין פּנים און אויסקושען איהר ביידע בעק-לעך, פֿערדרויטעלטע פֿונ׳ם פראָסט...

און עס קאָן זיין, אַז ער וואָלט זיך טאַקי ניט בעהערשט און וואָלט זי אפשר טאַקי אַרומגעכאַפּט קושען אין דער דאָזיגער נאַכט, ווען בעטי זאָל זיך ניט געוועזען פּלוצים צולאַכען אויף אַ קול, פֿער-וואַרפֿען דעם קאָפּ צוריק:

— אָט אַ קאָמיק!

— וועך?

— אָט דער לאַפּידוס אייערער.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַ קוק געגעבען אויף איהר.

— מיט וואָס, אייגענטליך?

— מיט אַלעם. ער און די געשיכטע זיינע, וואָס ער האָט דער-צעהלט. חאַ-חאַ-חאַ!

ער איז מיט אַמאָל ווי פֿונ׳ם הימעל אַראָפּגעפֿאַלען. איהר היל-כיג געלעכטער האָט איהם אַ ביסעל פֿערדראָסען: „שוין-וזשע האָט די

דאָזיגע טרויעריגע געשיכטע געקאַנט אַרויסרופען ביי איהר נאָר אַ געלעכטער?"...

און ניט ווילענדיג קומען איהם זיינע שטענדיגע מחשבות וועגען יודען, און ער טראַכט זיך: „אַ מאָדנע פאָלק דאָס איז!... ווינציג רחמנות ביי זיי איינס אויף דאָס אַנדערע... אפּנים, געוואוינט געוואָרען צו צרות, אַזוי אַז עס ריהרט זיי שוין ניט קיין זאַך?... אַ מאָדנע פאָלק!"

דער פּראַכט פון דער דאָזיגער זעלטענער נאַכט איז מיט אַמאָל פערשוואונדען געוואָרען. אַ שוואַרצע קאַץ איז צווישען זיי דורכגעלאָפען. ער קאָן זיך שוין מעהר ניט איינהאַלטען. ער מוז, ער מוז איהר אַרויסזאָגען דאָס, וואָס ער טראַכט וועגען איהר. ער זוכט ווערטער אויף אַרויסצוזאָגען איהר וואָס ווייכער, זי זאָל זיך ניט געפינען בעליידיגט. מיט איהר בעדאַרף מען זיין פאָרזיכטיג: זי איז אַ קאַפּריזנע מיידעל...

— ניט שוין-זשע וועט זיך ניט געפינען ביי אייך קיין קאַפּ רחמנות? קיין טראָפּען מיטגעפיהל?...

בעטי קוקט איהם ניט אין די אויגען אריין. זי קוקט אַרויף איג׳ם אויסגעשטערנטען ווינטעריגען הימעל אַריין.

— רחמנות? מיטגעפיהל? מיט וועמען? מיט אָט דעם געלען, ניעדריגען, מיאוסען, קליינעם מענשעלע, וואָס האָט אונז פערראַטען, וואָס איז אַנטלאָפען פון אונז, וואָס האָט פערקויפט זיין גאָט און זיין פאָלק פאַר אַ בלויען מונדיר מיט אַ בראָנזען שווערדעל? — חאַ-חאַ-חאַ!

ניין. בעטיס קלינגענדיגער בייזער געלעכטער אין דער דאָזיגער אויסגעצייכענטער ווינטער-נאַכט האָט ווינציג האַרמאָנירט מיט דער שטימונג פון אונזער העלד, וואָס איז געווען גרייט אַ מינוט פריהער צוצופאַלען איהר צו די פיס און בעטען זי, אַז זי זאָל זיין זיינע אויף אייביג. ניט שוין-זשע איז אַלסדינג פערפאַלען? פערלוירען? ע! ס׳איז נאָך דאָ צייט... און איצט איז די צייט... ער מוז איהר אַרויסזאָגען דאָס, וואָס ער טראָגט אויפ׳ן האַרץ שוין אַזוי לאַנג... עס מוז דאָך אַמאָל האָבען אַ סוף... ניט היינט, איז מאָרגען — דער אמת וועט דאָך מוזען אַמאָל אַרויפשווימען!...

און ער פערקוקט איהר אין די אויגען אַריין און רופט זיך אָן צו איהר ווייך און שטיל:

— בעטי... איך וויל אייך עפּיס פרעגען... איהר זאָגט: ער האָט

פערקויפט זיין גאָט צוליעב אַ בלויען מונדיר. ווי וואָלט זיין, אַ שטיי-גער, ווען ער טוט דאָס צוליעב אַיין אַנדער זאַך?...

בעטי דרעהט זיך אויס צו איהם מיט׳ן פּנים:

— צום ביישפּיעל?

ראַבינאָוויטש האָט זיך אָפּגעשטעלט, אָנגענומען בעטין פאַר ביי-דע הענד און אַריינגעקוקט איהר טיעף אין די אויגען אַריין:

— צום ביישפּיעל, ווי וואָלט געווען, ווען איך האָב אייך ליעב, און איהר האָט ליעב מיך, און איהר ווערט געוואוירע, אַז איך...

בעטי האָט איהם אַ קוק געגעבען אין די אויגען אַריין און, ווי עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען, איז אַ בייז שמייכעלע דורכגעלאָפען אויף איהרע ליפּען.

— וואָס קווענקעלט איהר זיך? איהר ווילט זאָגען, וואָס וואָלט געווען, ווען איך ווער געוואוירע, אַז איהר ווילט טון דאָס, וואָס אייער חבר לאַפּידוס?...

— ניין, נישט דאָס! נישט דאָס! נאָך ערגער! — האָט ער גע-וואָלט אַרויסשרייען, און האָט אָנגענומען זי ביי די הענד נאָך שטאַר-קער. האָט זי זיך פּלוצים אַרויסגעריסען פון איהם און געלאָזט זין לויפען פייל אויס׳ן בויגען. ער נאָך איהר.

— בעטי! פריילין שפּיראָ! בערטאַ דאַווידאָוונאַ!

נאָר וויפיעל ער האָט זי ניט גערופען, וויפיעל ער האָט זי ניט געבעטען, זי זאָל זיך אָפּשטעלען אויף אַ מינוט, אויף איין מינוט, ער דאַרף איהר עפּיס זאָגען, אַ וואָרט, נאָר איין וואָרט, מעהר נישט! — עס האָט נישט געהאָלפען קיין זאַך. זי האָט זיך ניט אָפּגע-שטעלט און נישט געוואָלט הערען, וואָס ער וועט איהר זאָגען, פער-שטעלט אַזש מיטביידע הענד די אויערן, און אָט אַזוי זענען זיי גע-קומען צו לויפען אַהיים ביידע רויט, אויפגערעגט און פערסאַפּעט.

— ששש... גאָט איז מיט אייך! — האָט זיי שרה שפּיראָ בעגע-גענט, בעוויזען מיט דער האַנד אויפ׳ן מויל, ס׳זאָל זיין שטיל, וואָרום מע שלאָפט שוין. — וואָס זענט איהר עס אַזוי געפלויגען פייל אויס׳ן בויגען, גלייך ווי עמיצער יאָגט זיך נאָך אייך?... און וואָס עפּעס צופוס?

בעטי האָט זיך אויסגעטאָן דאָס היטעלע, אַראָפּגעצויגען די הענטשקעלעך, כלומרשט געלאַכט, נאָר דאָס פּנים איז איהר געווען בלאַס און די אויגען האָבען געגלאַנצט מיט אַ מאָדנע פייערל.

— ווער האָט דיר געזאָגט, אַז מיר זענען געפלויגען פייל אויס'ן בויגען, מאַמע? און פון וואַנען ווייסט דו, אַז צופוס?

אַ שענע מעשה פון וואַנען שרה ווייס! וואָס איז? זי האָט דען אַזאַ האַרטען שלאָף? זי האָט דען ניט געהערט, ווי זיי לויפען אי־בערן שניי? זי איז דאָך ניט דער טאַטע, וואָס אַז ער קומט פון געשעפט, עסט ער וועטשערע און פאַלט אַנידער ווי אַ סנאָפּ און ווערט אַנשלאָפען ווי אַ געהרג'עטער...

אַ ביסעל איז דאָ געווען ניט אמת: שרה האָט אפילו נישט גע־קלערט לעגען זיך שלאָפען. זי איז געזעסען ביים פענסטער האַלב־אויסגעטאָן און לאַנג אַרויסגעקוקט אויף די קינדער, קוים דערוואַרט זיך, זיי זאָלען שוין קומען. און אַז זיי זענען געקומען און זי האָט אַ קוק געגעבען דער טאָכטער אין די אויגען אַריין, האָט זי שוין דערזעהען, אַז צווישען איהר און צווישען דעם קוואַרטיראַנט איז עפּעס פּאָר־געקומען... די גליקליכע מוטער האָט גערעכענט ניט אַנדערש, אַז אין טעאַטער, אָדער געהענדיג פון טעאַטער, האָט ער זיך שוין ער־קלערט פאַר איהר טאָכטער...

— בעטי! וואָס איז געשעהן? — האָט זי אַ פרעג געגעבען ביי דער טאָכטער, נאָכדעם ווי דער קוואַרטיראַנט האָט זיך שטילערהייד אָפּגעזעגענט מיט זיי און אויף די שפּיץ פינגער אָפּגעגאַנגען צו זיך אין זיין חדר'ל אַריין.

— וואָס זאָל געשעהן? — האָט איהר די טאָכטער אָפּגעענטפערט קאַפּריזנע, ווי אַלעמאָל. — גאָרניט איז געשעהן... אַ גוטע נאַכט.

— אַ גוטע נאַכט. שלאָף געזונד.

שרה האָט געוואוסט, אַז ס'איז אַרויסגעוואָרפען: וואָס מעהר זי וועט זיך נאָכפרעגען, אַלץ ווינציגער וועט זי ביי איהר אַרויסבעקומען. האָט זי אויסגעקנאַקט אַלע פינגער און מיט אַ האַרץ פול האָפנונג גע־גאַנגען שלאָפען, ניט אויפגעהערט צו טראַכטען וועגען דעם, ווי אַזוי אַז גאָט וויל, קומט דאָס אין שטוב אַריין...

## דאָס זעקסאונצוואַנציגסטע קאַפּיטעל.

## אַ האַרץ פול צרות.

אַז די שפּיראָס האָט גאָט צוגעשיקט אַגליק אין שטוב אַריין, עפּעס זעהר אַ רייכען קוואַרטיראַנט, אַ סטודענט, וואָס שדכנ'ט זיך צו דער טאָכטער,— דאָס האָט געוואוסט כמעט די גאַנצע יודישע גאַס פון איין עק ביז'ן אַנדערען. פון דעם האָבען גערעדט אַלע נאָהענטע שכנים און בעקאַנטע, פריינד און גוטע פריינד.

שרה אַליין האָט דאָס תחלת געהאַט אויסגעפּויקט איבער דער שטאָדט, אויפגעריסען די אויגען פון די דאָזיגע „גוטע פריינד”, וואָס האָבען איהר מקנא געווען אָהן אַ שיעור. דאָס הייסט, זי האָט זיי נישט געזאָגט, אַז עס האַנדעלט זיך וועגען אַ שדוך. חלילה. זי איז גאָר ניט אַזאַ נאַר. נישמעהר, זי האָט נאָר דערצעהלט, וואָס פאַר אַ קוואַרטיראַנט גאָט האָט איהר בעשערט, אַ קוואַרטיראַנט, און אַ קעסט-ניק, און אַ רעפּעטיטאָר, „אַ טאַטענס אַ קינד”, וואַקסט פון גבירים...

דאָ האָט זי זיך אָנגעבויגען אויפ'ן אויער און אַיינגערוימט שטילערהייד אַ סוד איטליכען בעזונדער מיט האַלבע ווערטער:

— אַ רייכע מוהמע... שיקט איהם איבער מאַסען גאָלד!... וואָס, משטיינס געזאָגט? אַ יודינע איין אלמנה, אַ מיליאָנערשע, אָהן קינ-דער... איינער... איינאונאיינציגער!...

די לעצטע ווערטער זאָגט זי אַרויס הויך אויף אַ קול, בעווייזט מיט אַ פינגער, וואָס פאַר איינאיינציגער ער איז, און די אויגען לויכטען, און דאָס פנים שיינט איהר, ווי די זון אום תמוז.

און די „גוטע פריינד” הערען זי אויס מיט אַ פריינדליך שמיי-כעלע, און אַז זי קערעוועט אַוועק, זאָגען זיי איינס צום אַנדערען:

— נו? דאַרף מען זיין קלוג? מע דאַרף נאָר האָבען מזל, וואָ-

רום אַז ס׳איז בעשערט אַ גליק, טרעפט עס אײַך גלײַך אין שטוב אַרײַן. װען װאָלטען די שפּיראָס אפילו אַ השגה געהאַט אויף אַזאַ חתן?...

— אַ חתן? װאו שטעהט עס? פון װאַנען װײס מען שוין, אַז ס׳איז אַ חתן? אַ חתן איז דער, װאָס שרײַבט תּנאים, ברעכט טעלער, אַזוי װי גאָט האָט געבאָטען... הערט איהר? מע האָט שוין געזעהען אַזעלכע זאַכען: עס חתנ׳ט זיך, און חתנ׳ט זיך, און קומט צו עפּעס — אַ נעכטיגער טאָג...

און נאָך כדומה אַזעלכע דבורים זענען געװען אויף דער יודישער גאַס, װאָס האָט, אײגענטליך, צו די שפּיראָס ניט געהאַט גאָרניט, חלילה נישט אין זינען געהאַט זײ צו בערעדען, נאָר גלאַט אַזוי נישט פערגונען, פאַרװאָס קומט זײ, אַזעלכע קלײנע מענשעלעך, אַזאַ גליק? און אַזוי גרינג! אָהן בױכװעהטיג!

— עט! נאַט אײַך אַ גראָשען! פון װאַנען װײס מען דאָס, אַז ס׳איז טאַקי אַזאַ גליק? זעהט נאָר, אויב די גאַנצע מעשה מיט דער מוהמע און מיט דער ירושה איז ניט קײן אויסגעטראַכטע מעשה?...

—חאַ-חאַ, זעהט איהר, דאָס איז אַ געדאַנק!

— אויב אַזוי, איז דאָך נעבאַך אַ גאָטס רחמנות אי אויף די שפּיראָס, אי אויף זײער טאָכטער.

— װאָס קאָן מען העלפען? ס׳איז אַ גאָטס זאַך...

דאָס איז אָבער אַלץ געװען הינטער די אויגען. אין די אויגען איז מען געװען טאַקי גוטע פרײנד, װי גוטע פרײנד בעדאַרפען צו זײן. געגאַנגען אײנער צום אַנדערען צו גאַסט, אַמאָל אויפדערנאַכט אויף אַ „זעקס און זעכציג”, אַמאָל שבת בײטאָג אַ ביסעל זיצען, אַמאָל אַזוי אויף אַ גלעזעל טײ. געבעטען, די שפּיראָס זאָלען קומען מיט׳ן קװאַרטיראַנט אינאײנעם. „װאָס װעט ער זיצען אײנער אַלײן?”...

שפּעטער-שפּעטער האָבען גוטע פרײנד אָנגעהויבען געבען אָנצוהערעניש:

— איך בעט אײַך, װאָס מעדליװעט איהר אַזוי? פאַרװאָס לאָזט איהר זיך ניט הערען שוין מיט עפּעס אַ שמחה? אַ קערמעשעל? אַ מזל-טוב? צי װעלכע גוטע יאָהר?

די שפּיראָס האָבען עס אויסגעהערט כלומרשט מיט אַ צופרידען שמײכעלע, גלײַך װי דאָס איז שוין אײן אָפּגערעדטע זאַך, און באמת האָבען זײ געװאוסט װעגען דעם צו זאָגען פונקט אַזוי פיעל,

וויפיעל אַנדערע האָבען געוואוסט, אויב ניט ווינציגער נאָך. „היינטי-גע קינדער, משטיינס געזאָגט, — זיי וועלען דען עפּעס זאָגען? אָדער זיי וועלען דען דערלאָזען, אפילו אַ וואָרט מע זאָל רעדען וועגען דעם?"... און ווער שמועסט פון יענעם אָווענד אָן, וואָס זיי זענען געוועזן אין טעאַטער, איז בעטי גאָר משוגע געוואָרען... אסור, אויב שרה הויבט אָן צו פערשטעהן, וואָס טוט זיך מיט איהר טאָכטער...

אַנומעלטען האָט זי געוואָלט מאַכען מיט איהר אַ רייד וועגען „וואָס הערט זיך עפּעס", — האָט איהר בעטי אָוועקגעגעבען אַ „וואָס הערט זיך עפּעס", אַז זי וועט שוין פערזאָגען אַ צעהנטען!...

— מאַמע! — האָט זי צו איהר געזאָגט אַזוי בייז, גלייך ווי מע וואָלט זי וועלען קוילען. — טאָמער פרעגסט דו מיך וועגען דעם נאָך אַ מאָל, וועסט דו זעהען, וואָס ס'וועט זיין!...

— שאַ-שאַ! קוק זי אָן! מע האָט איהר אָנגעריהרט דעם האָנאָר! פערטשעפּעט מיט אַ וואָגען היי! דער טאַטע מיט דיביינער!... דוד שפּיראָ האָט דיך געלאָזט גערייסען!...

— וואָס איז עפּעס געקומען צו רייד דוד שפּיראָ, אַ שטייגער, כּדומה למשל? — פרעגט דוד, אַריינקומענדיג גיך, ווי אַלעמאָל, אָהן אַ קלונג, און אַקוראַט דעמאָלט, ווען מע דערמאַנט זיין נאָמען צו גוטען.

שרה זוכט אויס אַיין אויסרייד, אַ פוילען תּירוץ. דוד ווייסט, אַז ס'איז אַ פוילער תּירוץ, און עס געהט אַוועק צווישען זיי אַ לאַנ-גער שמועס מיט שטעכווערטער און מיט צונעמענישען, און מע גיט זיך אָפּ כּבוד, ווי זייער שטייגער איז: ער איהר — „בהמה", זי איהם — „שאַלאָווילע". ער איהר — „סאָטע ציג", זי איהם — „ווינטמיהל". ער איהר — „ניין מאָס רייד", זי איהם — „שפּיראָ". און חאָטש דער נאָמען שפּיראָ איז ביי זיי ביידען, אייגענטליך, אַ גדלות, וואָרום דוד זאָגט, אַז ער קומט אַרויס פון די אמת'ע שפּיראָס, פון די „סלאַוויטער", — נאָר שרה רעדט אַרויס דעם דאָזיגען נאָמען מיט אַזאַ טאָן, אַז מע דאַרף פון איהם פערשטעהן, אַז דוד קומט אַרויס פון די סלאַוויטער שפּיראָס פּונקט אַזוי, ווי איהר, למשל, קומט אַרויס פון דוד המלך, — און דאָס רייצט אויף דוד'ן מיט סכּנות-נפשות, און ער איז גרייט דע-מאָלט זי צורייסען אויף שטיקלעך. חאַפּט ער אָפּ דאָס עסען אויף איין פוס, טוט אַ האַק מיט דער טיר און לויפט אַוועק אין געשעפט אַריין.

נאָר דאָס זענען אַלץ זאַכען היימישע. מאַן און ווייב קריגען

זיך און בעטען זיך איבער. צרות פון קינדער טרעפען איבער אַלעס. שרה שפּיראָ טראָגט אַ פול הארץ מיט צרות און קאָן דערצו גאָרנישט טון. שרה איז, ווי זי אַליין זאָגט אויף זיך, „אַ מבין אויף אַ טשאַד״. זי איז ניט בלינד. זי זעהט גאַנץ גוט, אַז איהר טאָכטער מיט׳ן קוואַרטיראַנט שפּיעלען אַ ראָמאַן נישט אויף קאַטאָוועסען, נאָר אַ שטי-לען ראָמאַן, אָהן ווערטער. און אַ ראָמאַן אָהן ווערטער טויג ניט. פון אַ שטילען ראָמאַן קומט קיין גוטס ניט אַרויס... אַזוי האַלט שרה, און קיין מענש אין דער וועלט וועט זי ניט איבערשפּאַרען און בעווייזען, אַז זי האָט אַ טעות. מע דאַרף זעהען, אַז די שטומע זאָלען בעקומען לשון און די שווייגענדיגע זאָלען אָנהויבען רעדען. נאָר ווי אַזוי מאַכט מען דאָס?

שרה שפּיראָ האָט זיך געריסען עטליכע מאָל אַליין מאַכען רייד מיט׳ן יונגען מאַן וועגען „אַכצעהן און דרייצען״... איז איהר נישט אויסגעקומען. מע זאָל חאָטש קאָנען דורכשמועסען זיך מיט איהם אויף אונזער יודיש לשון, וואָלט זי שוין ווי עס איז אַרויף מיט איהם אויפ׳ן רעכטען וועג... אַזוי אָבער, אַז די צונג איז אין גלות, געה מאַך!...

ווידער זשע אַרויספיהרען דערויף דעם מאַן, אַז דוד אַליין [illegible] מיט איהם רעדען, איז אַזוי מעגליך, אַ שטייגער, ווי צוציהען דעם הימעל צו דער ערד. איין עקשן און אַ גדלן דערצו. וואָס קאָן שוין זיין ערגער פון אַ בעל-גאוה? עס שטעהט איהם ניט אָן, זאָגט ער, ווען ער זאָל אפילו וויסען, אַז דער גאַנצער מיליאָן זאָל אַריינפאַלען אָט באַלד גלייך אָט צו איהם אַהער! (דוד בעווייזט צו זיך אויף דער בוזים-קעשענע). ער וויל ניט, זאָגט ער, אַז מע זאָל מיינען, אַז ער שלאָגט זיך אָן מיט זיין טאָכטער צוליעב געלד. ער קאָן בעשטעהן, זאָגט ער, וואַרטען, ביז דער יונגערמאַן וועט קומען צו איהם און וועט איהם זאָגען: „גאָספּאָדין שפּיראָ, איהר זאָלט וויסען זיין, אַז איך האָב ליעב אייער טאָכטער און אייער טאָכטער האָט ליעב מיך, און מיר בעטען אייך, איהר זאָלט אונז בענשען, ס׳זאָל זיין מיט גליק, און אַזוי ווייטער״...

— הלואי, רבונו-של-עולם, פון דיין מויל אין גאָטס אויערן! — זאָגט שרה מיט אַ טיעפען זיפץ און קנאַקט זיך אויס אַלע פינגער טראָגט שטילערהייד אין זיך דעם וועהטיג. גיטאָ אפילו פאַר ווענען, דאָס האַרץ אויסצורעדען.

שרה ווייס, אַז די אייגענע צרות טראָגט אויך דער מאַן איה־רער טיעף ביי זיך אין האַרצען, נאָר ער וועט ניט זאָגען קיין וואָרט אפילו, וואָרום ער איז דאָך אַ שפּיראָ, פון די אמת׳ע, פון די „סלאַ־וויטער” שפּיראָס, — אַ קליינינקייט ?!...

## דאָס זיבענאונצוואַנציגסטע קאַפּיטעל.

### צוויי מאַמעס.

די איינציגע, פאַר וועלכע שרה קאָן זיך אַמאָל יאָ אויסרעדען איהר האַרץ, איז איהר שוועגערין, טויבע פאַמיליאַנט, איהר דוד׳ס עלטערע שוועסטער, אַ יודינע מיט אַ פּאַריק און מיט אַ האַלז פּערעל.

אַליין נישט אַזאַ גרויסע צדיקית, נאָר אַ חסיד׳ס אַ ווייב, פיהרט טויבע אַ חסידישע שטוב, און ווייל זי איז אַ נגידית און דודס אַיין עלטערע שוועסטער, דעריבער נעמט זי זיך דאָס רעכט זאָגען דעות איהר ברודער און זיין ווייב שרה׳ן, ווי אַזוי זיי זאָלען זיך פיהרען מיט די קינדער, און צי עס העלפט, צי עס העלפט ניט, פאַרהאַל-טען, אויסזעצען חסרונות און זאָגען מוסר, אָהן אַ שעור מוסר.

דערצו האָט גאָט געשענקט אָט דער טויבען אַ פּנים׳ל פון אַ רביצין מיט צונויפגעשנירעוועטע ליפּעלעך, און אַ קול פון אַ זאָגערין, אַ ווייכע, שטילע, גלאַטע שטימע, ווי אויף בוימעל.

דוד האָט נישט ליעב די שוועסטער זיינע — און זי ווייס עס — ער רופט זי ניט מיט קיין אַנדער נאָמען, אויסער „וצדקתך”, אָדער „די רביצין”, און בעטי האָט פיינט איהר מוהמע טויבע, ווי דעם טויט, נאָר דערפאַר, וואָס זי האָט אַ צו גלאַנצענדיגען שטערן. און אויב מע הערט אויס איהרע בוימעלדיגע דרשות מיט איהר מוסר זאָ-גען, און אויב מע קומט צו איהר אַלע שבת און יום-טוב צו גאַסט, — איז נאָר פון יוצא וועגען, ווייל זי איז די נגידית אין דער משפחה...

נאָר איין שרה קאָן מיט איהר אויסקומען, ווייל די צוויי מאַ-מעס, וואָס האָבען ביידע צרות פון קינדער, ווייטען איינס ביי דאָס אַנדערע, וואָס אין האַרצען טוט זיך... טויבע ווייס, אַז שרה ווייס, אַז טויבעס יונגערע טאָכטער איז געווען פערליעבט אין אַ פּראָוויזאָר,

און אַז זי אַליין, טויבע הייסט עס, האָט מיידעלווייז אויך געפיהרט אַ ראָמאַן מיט אַ בחור, וואָס האָט נאָכדעם אויסגעלאָזט זיך, אַז ער איז אַ שאַרלאַטאַן, אַיין אויסוואורף, און אַז מע האָט זי מיט גוואַלד אויסגעגעבען אין אַ חסידיש הויז, וואו זי איז פער׳חסיד׳אַרעט געוואָרען... און שרה ווייס, אַז טויבע ווייס, אַז זי, שרה, האָט אַמאָל מיט איהר ברודער דוד געהאַלטען ביי אַנטלויפען אין אַיין אַנדער שטאָדט שטעלען אַ חופה...

איצט זענען זייביידע מאַמעס, און ביידע האָבען זיי קינדער, און ביידע געבען אַכטונג אויף זייערע קינדער, אַז זיי זאָלען, חלילה, ניט אַוועק אין שלעכטען וועג און זאָלען טון, וואָס דער טאַטע הייסט און וואָס די מאַמע הייסט, און בעגעגענען זאָלען זיי זיך מיט דעם, וואָס זיי שטעהט אָן, און ליעב האָבען זאָלען זיי נאָר דעם — וואָס זייערע מאַמעס ווילען...

נישטאָ קיין מעהר ריהרענדע סצענע, ווי אַז אַזעלכע גאָטספאָרכטיגע ווייבער, עהרליכע געטרייע מאַמעס, קומען זיך צונויף און עס פערבינדט זיך ביי זיי אַ שמועס פון „אוי״ און פון „אַי״ און פון „אַך״, און פון „נשמה׳ניו, האַרצעניו, ליובעניו!״...

— וואָס זשע הערט זיך עפּעס, שרה׳ל קרוין?

— אוי, וואָס זאָל זיך הערען, טויבעניו, האַרצעניו! נאָך אַלץ פון פּאָרענט... נישט אַ רוק געגעבען זיך, איהר זאָלט זאָגען, אויף אַ האָר אפילו.

— נישט גוט, שרה, נישט גוט. איהר זענט אַ מאַמע, דאַרפט איהר זעהען ממה-נפשך, אָדער אַהין אָדער אַהער...

— אַי, טויבעניו, נשמה׳ניו, איהר זאָלט זאָגען אַזאַ זאַך? איהר האָט אַליין קינדער... איהר האָט אַליין טעכטער...

— וואָס וועט מען זאָגען אויף מיינע טעכטער? אויף מיינע טעכטער וועט מען ניט זאָגען גאָרניט. מיינע טעכטער, ברוך-השם, קענען זיך ניט מיט קיין סטודענטען, געהען ניט מיט קיין פרעמדע יונגעלייט אין טעאַטער... שאַ! איהר דאַרפט אַייך ניט געפינען בעליידיגט, שרה-לעבען... איך מיין דאָ ניט, חלילה, קיין שלעכטס... איך ווייס, אַז אַייער בערטע איז אַיין עהרליך קינד. אַ כשר קינד. זי קומט אַרויס פון די שפּיראָס, פון די אמת׳ע, פון די סלאָוויטער שפּיראָס... און דער יונגערמאַן, אָט דער ראַבינאָוויטש מיין איך, איז מיר דווקא געפעלען. איך האָב אַייך שוין געזאָגט וויפיעל מאָל, ער ווייזט אויס אַ

טאַטענס אַ קינד צו זיין... נישמעהר איין זאַך, וואָס ער איז אַ ביסעל שוואַכליך אין יודיש... מיין שלמה זאָגט, אַז ער איז גאַנץ שוואַך! פונדעסטוועגען האַלט פון איהם מיין שלמה אַיין עולם ומלואה. ער האָט מיט איהם אַ פּאָר מאָל אַ רעד געגעבען, זאָגט ער, אַז ער איז אַ וואוילער בחור און אַ וואַרימער יוד. דאָס הייסט, פון יודען איז ער ווייטליך, נאָר אַ פּאַטריאָט איז ער אַ הייסער, זעהר אַ הייסער! איהר וואָלט בעדאַרפט זעהען, שרה-לעבען, אַז צו פּסח צו זאָל עס האָבען אַיין עק, און אַרום שבת נאָך שבועות, אם ירצה השם, אַ קלער טון וועגען אַ חופּה...

— שבת נאָך שבועות? אוי, טויבעניו. האַרצעניו, הלואי האָטש חצי אלול, אָדער איבעראַיאָהר שבת-חנוכה, וואָלט איך אויך געווען צופרידען!... דער עיקר, איך זאָל שוין דערלעבען האָרכען פון איהם אָדער פון איהר דאָס גוטע וואָרט... איז אָבער אין קול מיט אין עונה. מע רעדט אַליין ניט און מע לאָזט יענעם ניט רעדען.

— אַליין שולדיג! אַליין שולדיג אַרום און אַרום! ווי דער מענש נעמט זיך פאַר, אַזוי העלפט איהם גאָט. און דאָס, וואָס מיר האָבען געזייעט, דאָס שניידען מיר... איצט דאַרף מען זעהען עפּעס טון. אַ מענש דאַרף טון, און גאָט דאַרף העלפען... איהר זאָלט מיך וועלען פאָלגען, וואָלט איך אַייך, שרה׳ל-קרוין, יאָ געגעבען אַיין עצה.

— אוי, אדרבה, טויבעניו, נשמה׳ניו, גיט עפּעס אַ רעכטע עצה!

— די עצה איז, שרה-לעבען, אַ פּראָסטע עצה, און דאַכט מיר אַ גלייכע, וואָס גלייכער קאָן שוין גאָר ניט זיין. איך וועל איבער-רעדען מיט מיין שלמה׳ן. מיין שלמה איז, ברוך השם, אַ מענש, וואָס קאָן רעדען מיט אַ מענשען, האָטש ער טראָגט די לאַנגע קאַפּאָטע מיט׳ן ברייטען טלית-קטן. נו, אַלזאָ, אַזוי ווי עס געהט צו יום-טוב, מיר האָבען נאָר עטליכע טעג צו פּורים, און פּורים צו דער סעודה וועט איהר דאָך מסתמא קומען אַלע מיט׳ן קוואַרטיראַנט אינאיינעם, גאָר אָהן אַ שום תירוץ, איהר וועט קומען, אם ירצה השם, אַלע! וועט מיין שלמה אַוועקרופען דעם יונגענמאַן אויף אַ סוד אין אַ בעזונדערען אַלקיר: „אַזוי און אַזוי איז די מעשה, בחור׳ל" — איהר פערשטעהט?

— אוי, זאָלט איהר מיר געזונד זיין, טויבעניו, ליובעניו! איך האָב נאָך מורא פאַר איין זאַך: דאָס הייסט, פאַר איהם בין איך רו-היג. ער איז אַ מענש אָהן אַ גאַל, איך זאָל האָבען אַזאַ יאָהר, וואָס פאַר אַ יונגערמאַן דאָס איז! וואָס איהר ווילט, קאָנט איהר מיט איהם

מאַכען. אַ מזג-טוב! נאָר זי — וואָס וועט איהר מאַכען מיט איהר?

— ווער הערט זי? ווער פרעגט ביי איהר? איז איינמאָל אַוועק, און צווייטענס, זענט איהר דאָך עפּעס אַ מאַמע, צי ניין?

— אַי, טויבעניו, טויבעניו! איהר זאָלט דאָס זאָגען! מיר דאַכט, איהר זענט אַליין אַ מאַמע... איהר האָט אַליין קינדער...

— קינדער? וואָס וועט מען זאָגען אויף מיינע קינדער?...

דאָ ווערט איבערגע'חזר'ט די אייגענע רעפּליקע, וואָס פריהער, און ביידע מאַמעס זענען גרייט צו ציהען זייער דיאַלאָג ווייטער, פליהט אַריין דער קליינער סיאָמקע פון דרויסען מיט אַ געוויין: וואָלאָדקע האָט איהם געשלאָגען. געשפּיעלט-געשפּיעלט אין שנייעלעך מיט וואָלאָדקען און צו'הרג'עט זיך.

— אַ, ניט געדאַכט זאָל ווערען אָט דער וואָלאָדקע! — זאָגט שרה און חאַפּט אַרום איהר סיאָמקען קושען.

— ווער איז דער וואָלאָדקע? וואָס פאַר אַ וואָלאָדקע? — פרעגט זיך נאָך טויבע פאַמיליאַנט ביי איהר שוועגערין.

— אַ רעשטעל צו די צרות! — ענטפערט איהר שרה און ווישט אויס סיאָמקען די אויסגעשמירטע הענטלעך. — מיר האָבען דאָ אַ שכנה'טע אין צווייטען הויף, אַ גויע, קיריליכע רופט מען זי. האָט זי אַ שרץ פונ'ם ערשטען מאַן, רופט מען איהם וואָלאָדקע...

טויבע פאַמיליאַנט זאָגט גאָרניט. נאָר הלואי וואָלט זי שוין בעסער עפּעס געזאָגט, איידער אַזוי צונויפנעמען די ליפּעלעך און שווייגען און קוקען אַזוי, ווי מע קוקט אויף מענשען פערפאַלענע. שרה שפּיראָ פערשטעהט דאָס שטילשווייגען און וויל פערענטפערן די זאַך:

— ער מעג זיין די כפרה פאַר מיין סיאָמקען, נאָר ער איז זעהר אַ וואוילער שרץ, אָט 'דער וואָלאָדקע מיין איך. אונזער קוואַרטיראַנט קאָן זיך פון איהם ניט אָפּלויבען. ער לערנט מיט איהם, אומזיסט, געוויינטליך. זאָגט ער, אַז דער שרץ, וואָטש ער איז אַ שרץ, האָט ער אַ יודיש קעפּעלע אויף זיך. דער חסרון, וואָס דער שטיף-טאַטע זיינער איז אַ גוי אַ שכור, הרג'עט ער איהם און ממית'ט איהם, אַ צער-בעלי-חיים צו קוקען!...

טויבע פאַמיליאַנט האַלט נאָך אַלץ צונויפגעשרויפט די ליפּעלעך און שווייגט און קוקט מיט רחמנות אויף איהר שוועגערין. און מחמת שרה האָט אָנגעהויבען צו דערצעהלען וועגען דעם שרץ, מוז זי שוין דערצעהלען ווייטער:

— אַנומעלטען האָט איהם דער שכור אַזוי געשלאָגען, אַז עס איז זיך צונויפגעלאָפען דער גאַנצער הויף מיט שכנים און איך און מיין טאָכטער און אונזער קוואַרטיראַנט בתוכם — מיר האָבען דעם שרץ קוים אַרויסגעריסען פון זיינע הענד אַלעבעדיגען. פון דעמאָלט אָן לערנט דאָס מיט איהם ראַבינאָוויטש...

שרה איז אַנשוויגען געוואָרען, און די צדיקית טויבע פּאַמיליאַנט האָט נאָר-וואָס אויפגעפּעפּעט דאָס פערשנירעוועטע פּיסקעל און אָנגע-הויבען מיט איהר בוימעלדיגע שטימע צו זאָגען מוסר איהר יונגערע שוועגערין:

— נו, פרעג איך אייך, שרה׳ל-קרוין, ווי זאָל אויף אייך לע-גען כבוד אייער טאָכטער, אַז איהר אַליין...

אין דעם קומט אָן בעטי און די צדיקית טויבע מאַכט אַיין אומ-שולדיג פּנים, און שרה רופט זיך אָן:

— אָ! מע זאָל דערמאָנען משיח׳ן! די מוהמע טויבע פרעגט זיך נאָך, אויב דו האָסט נאָך דעם קאַטער?...

בעטי זעהט גאַנץ גוט נאָך דער מוהמע טויבעס אומשולדיג פּנים, אַז די מאַמע האָט דאָ נאָר-וואָס אָפּגעטאָקט אַליגען — און זי ווערט אַלערליי פאַרבען...

## דאָס אַכטאונצוואַנציגסטע קאַפּיטעל.

## ער האַפּט אַ טענצעל.

די חדושים, וואָס אונזער העלד האָט זיך אָנגעזעהען און אָנגעהערט, אַז ס'איז געקומען פּורים און די שפּיראָס האָבען איהם מיטגענומען צו זייער רייכען קרוב צו דער סעודה, וועט ער האָבען צו דערצעהלען און צו דערצעהלען. אַלסדינג איז ביי איהם געווען ניי. פון יעדער זאַך איז ער אַריין אין התפּעלות. און דערצו האָבען איהם די דאָזיגע מענשען אינטערעסירט דערפאַר, וואָס זיי זענען חסידים (אָדער „חאַססידים", ווי ער האָט זיי אָנגערופען).

— וואָס וועט דאָרטען זיין? — האָט ער זיך אַלץ נאָכגעפרעגט ביי זיינע בעלי-בתים. און האָט געהאַפּט אַ פּסק פון דוד שפּיראָ:

— וואָס האָט איהר געוואָלט זאָל דאָרטען זיין? איהר זענט קיינמאָל ניט געווען פּורים צו דער סעודה? צי ביי אייך איז פּורים ניט קיין יום-טוב און המן ניט קיין רשע?

— ניין, ניט דאָס! — וויל זיך דער קוואַרטיראַנט פּערענטפּערן און מאַכט נאָך ערגער. — איך פרעג מיך נאָך דערפאַר, ווייל זיי זענען „חאַססידים"...

— „חאַססידים!" — קרימט איהם איבער דוד שפּיראָ. — און אַז זיי זענען „חאַססידים", איז וואָס דערפון געדרונגען?

— „חאַססידים" זענען דאָך אַזאַ מין סעקטע... — וויל ראַבינאָוויטש איהם אויפקלערען, נאָר שפּיראָ איז שוין מלא גזלן. ער וואַרפט זיך שוין מיט אַלע אברים:

— וואָס מיר סעקטע? ווער מיר סעקטע? נאַ דיר גאָר סעקטע! פון וואַנען האָבען זיך ביי אונז גענומען סעקטעס? וואו זענט איהר אויסגעוואַקסען? צווישען יודען? צי אין אַ וואַלד?...

שרה שפּירא איז שוין געווען אַ סך ווייכער און האָט מיט איהם גערעדט ווי מיט אַ מענשען:

— דאָרט וועט זיין פריילייך, — האָט זי איהם געזאָגט. — מע וועט עסען און טרינקען, פליעסקען און זינגען, טאַנצען און שפּרינגען, ווי געוועהנליך ביי די חסידים. איך פערזיכער אייך, אַז קיין חרטה וועט איהר ניט האָבען, וואָס איהר וועט זיך מיט זיי בעקענען אַ ביסעל נעהענטער. און ווער שמועסט, מיט מיין שוואָגער פּאַמיליאַנט! ער איז אַ יוד אַ חכם. צו זיינע ווערטער בעדאַרף מען זיך צוהערען. ער רעדט נישט גלאַט, איטליכס וואָרט זיינס איז, להבדיל, אַ תורה...

פערשטעהט זיך, אַז שרה האָט דערביי געהאַט איהר מיין און האָט אַרויסגעקוקט אויף דעם דאָזיגען יום-טוב ווי אויף משיח׳ן.

און אַז דער יום-טוב איז געקומען, האָט זיך שרה שפּירא אָנגעטאָן און אויסגעפּוצט אַזוי, אַז זי האָט ווייט אַריבערגעשטיגען איהר טאָכטער, אויסגעזעהן גיכער ווי בעטיס אַ שוועסטער איידער אַ מאַמע. אויך דוד האָט זיך אָנגעטאָן יום-טוב׳דיג, אַראָפּגעוואָרפען פון זיך די שטענדיגע מרה-שחורה און אויסגעזעהן זעהר האָפּערדיג. דעם קליינעם סיאָמקען האָט מען פערשפּיליעט דאָס מונדירעל אויף אַלע קנעפּלעך, אַ ביסעל צוגעגלעט איהם די פּאות׳לעך, חאָטש ס׳איז געווען נאָר אַ סימן פון פּאות, און אָנגעזאָגט איהם טויזענד מאָל, ער זאָל זיך ניט דערוועגען ביים פעטער שלמה אין שטוב אויסטון דאָס היטעלע אפילו אויף אַ מינוט. וואָרום דאָרטען וועלען זיין לויטער פרומע יודען, חסידים, וואָס האָבען ניט ליעב, אַז מע געהט אָהן אַ היטעל... געהן אָהן אַ היטעל איז ביי זיי איין עבירה... „דו פערשטעהסט, קליינער וועוריק, וואָס מע רעדט מיט דיר, צי ניין?״

און חאָטש די דאָזיגע ווערטער זענען געזאָגט געוואָרען צום קליינעם „וועוריק״, נאָר מיינען האָט מען געמיינט דעם קוואַרטיראַנט, ער זאָל זיך ניט פערגעסען און ניט אויסטון דאָרט דאָס היטעל...

אַז די שפּיראָס זענען אַריינגעקומען צו רב שלמה פּאַמיליאַנט אין שטוב אַריין, האָבען זיי שוין געטראָפען די גאַנצע משפּחה זיצען ביי אַ לאַנגען וויים-געדעקטען טיש, אַרומגערינגעלט מיט אַ מאַסע געסט, יודען אין לאַנגע קאַפּאָטעס מיט אַלערליי היטלען און היטעלעך, קאַפּעלושען און קאַפּעלושלעך אויף די קעפּ.

גאַנץ אויבענאָן, אויף אַ ברייטען שטוהל, איז געזעסען דער בעל-הבית, שלמה פּאַמיליאַנט, אַ הויכער יוד, מיט אַ געדיכטען רויטען

באָרד, וואָס איז ערטערווייז שוין גרויעליך, און מיט געדיכטע רוי־טע ברעמען אויף די קורצזיכטיגע אויגען. די גרוי־רויטע פאות זענען ביי איהם אונטערגעבויגען מעשה־פראַנט, און אַ געפּרעסטער ווייסער קאָלנער איז אונטערגעבונדען מיט אַ ברייטען זיידענעם שניפּס אויף אַ סאַמעטענער ברייטער זשילעט, צוגעמשפּעט אַ גראָבע גאָלדענע קייט ביים זייגער. אויף דער שענער שוואַרצער זיידענער זשיפּעצע אַ בריי־טער געפלאָכטענער בייגאַרטעל נעמט אַרום דעם ברייטען בויך. דאָס אַלעס מיט דער גרויסער אויסגעבויגענער נאָז און מיט די קלאָר־ווייסע הענד, וואָס האָבען אַרויסגעקוקט פון די ברייטע אַרבעל, האָבען איהם צוגעגעבען איין אויסזעהן פון אַ פּאַטריאַרך. וויינינגסטענס, אַזוי האָט ער אויסגעזעהן ביי אונזער העלד, וועלכער איז נתפּעל געוואָרען פון אַלסדינג, און יעדע זאַך בעזונדער האָט געהאַט ביי איהם אַ בעזונ־דערען חן.

קודם כל זענען איהם געפעלען פּאַמיליאַנטס צוויי טעכטער, איי־נע שענער פאַר דער אַנדערער, און ביידע אויסגעפּוצט, ווי נאָר כלות קאָנען זיין אַזוי אויסגעפּוצט. און האָטש זיי האָבען זיך געהאַל־טען זעהר סטאַטעטשנע און אַ סך געשוויגען, האָבען זייערע אויגען גע־רעדט פאַר זיי אַ סך מעהר, ווי זיי וואָלטען קאָנען זאָגען מיט ווער־טער. קוקענדיג אויף זיי און אויף זייער מוטער, האָט מען געקאָנט אַרויסזעהן, אַז די עפּעלעך פאַלען ניט ווייט פון די בוימעלעך, און אַז זייער מוטער, טויבע פּאַמיליאַנט, וואָס איז שוין היינט אַ יודינע אין די יאָהרען, האָט געמוזט זיין אַמאָל אַ געוויסע שענהייט. עס קליידען איהר נאָך איצט אויף די פרעמדע אויסגעפּוצטע און מיט פּע־רעל איבערגעבונדענע האָר. עס פּאַסען איהר נאָך איצט אויף די לאַנ־גע דימענטענע אויירינגלעך מיט די שנירלעך פּערעל אויפ'ן קלאָר־ווייסען האַלז, און די פינגער, וואָס זענען בעזעצט מיט רינגלעך, זאָ־גען עדות, אַז דאָס איז געווען אַמאָל אַ שען ווייבעל מיט שענע הענט־לעך און מיט נאָך איצט שענע, גרויסע, בלויע אויגען, וואָס ס'איז נאָר אַ שאָד, וואָס זי האַלט זיי אַראָפּגעלאָזט אַראָפּ און וואָס זי פּער־שנירעוועט צו פיעל איהרע אַזוי אויך קליינע ליפּען.

שטאַרק געפעלען איז אונזער ראַבינאָוויטשען דאָס, וואָס אַלע־מענס אויגען האָבען מיט גרויס דרך־ארץ געקוקט אויף איין פּונקט, אויפ'ן פּאַטריאַרך מיט'ן ברייטען געל־גרויעליכען באָרד. געפעלען איז איהם אויך דער מורא'דיג גרויסער מיט געלען זאַפּראַן דורכגעקנעטע־

נער און מיט ראָזינקעס און מיט מאַנדלען בעשטעקטער פּורים-קוילעטש, וואָס דער פּאַטריאַרך מיט׳ן ברייטען געל-גרויע־ליכען באָרד האָט איהם מיט זיינע ווייסע אַריסטאָקראַטישע הענד נאָר-וואָס אויסגעשניטען דעם בויך, געמאַכט אַ מוציא, און נאָך איהם האָבען געמאַכט אַ מוציא אויך די יודען מיט די לאַנגע קאַפּאָטעס, איינגעטונקט די מוציא אין זאַלץ און עפּעס געזאָגט בעת-מעשה אַזעלכס, וואָס ביי שפּיראָס קוואַרטיראַנט איז דאָס געווען טערקיש.

באַלד נאָך דעם האָט דער בעל-הבית פּערקאַטשעט די ברייטע אַרבעל און אַ וואונק געגעבען צו די געסט, און די געסט האָבען גע-געבען אַ חאַפּ אַלע אינאיינעם אַ ניגון אויף אַלערליי משונה-געגרייזעלטע קולות, וואָס האָבען זיך געקאַטשעט, ווי עס האָט זיך ראַבינאָוויטשען אויסגעוויזען, ניט פון זייערע העלזער אַרויס, נאָר פון זייערע בערד אָדער פון זייערע קעלנער. זינגענדיג האָבען זיי אַלע געהאַלטען די אויגען צוגעמאַכט און די קעפּ פּערוואָרפען אַרויף, מיט איין האַנד צו-געהאַלטען זיך ביי די העלזער. דער בעל-הבית אַליין איז אויך גע-זעסען מיט צוגעמאַכטע אויגען, דער קאָפּ פּערוואָרפען אַרויף, די אַר-בעל פּערקאַטשעט ביז די עלענבויגענס, און צוגעקנאַקט מיט די פינ-גער צום טאַקט. אויך די קינדער זיינע, די מאַנספּערשוינען, האָבען צום טאַקט צוגעפּליעסקעט מיט די הענד, און אויף אַלע פּנים׳ער איז געווען אויסגעגאָסען אַ פריידֿ, אַ שמחה, אַ בעזונדערע יום-טוב׳דיגע שטימונג, און אויפ׳ן בעל-הבית אַליין, קאָן מען זאָגען, אַז אויף זיין פּנים האָט גערוהט די שכינה.

מע האָט דערלאַנגט די גוטע פיש. געפילטע, געפּעפּערטע און לכבוד פּורים מיט זאַפּראַן פּערגעלטע פיש. נאָך די פיש זענען אָנגע-פילט געוואָרען די כוסות און דער עולם האָט גענומען טרינקען טראָ-פּענווייז און זאָגען זיך עפּעס איינס דאָס אַנדערע אַזעלכע ווערטער, וואָס שפּיראָס קוואַרטיראַנט האָט זיי ניט פּערשטאַנען, אויסער דאָס איינציגע וואָרט „לחיים", וואָס ווערט איבערגע׳חזר׳ט אָהן אַ שיעור מאָל.

— וואָס זאָגען זיי אַזעלכס? — פרעגט ער זיך נאָך ביי זיין בעל-הבית, דוד שפּיראָ, וואָס ווערט אין כעס און ענטפערט אָפּ נערוועז, ווי זיין שטייגער איז:

— וואָס זאָלען זיי זאָגען? גאָרניט זאָגען זיי! מע טרינקט לחיים און מע ווינשעוועט זיך, מע זאָל דערלעבען איבעראַיאָהר און מע זאָל זיין יודען...

— אָט דאָס איז גאָר? — פרעגט זיך ווייטער ראַבינאָוויטש, וואָס פערשטעהט ניט דעם שכל פון דער דאָזיגער ווינשעוואַניע, מע זאָל דערלעבען איבעראַיאָהר און מע זאָל זיין יודען, גלייך ווי קיין בע-סערס דערפון איז שוין גאָר ניט פאַרהאַן...

נאָכדעם ווי מע האָט געגומען צו די ליפען, איז דער עולם געוואָרען כלומרשט שכור, און ס'איז געוואָרען נאָך לעבעדיגער... דאָס זינגען מיט'ן פליעסקען איז געגאַנגען אַלעמאָל שטאַרקער — קרעש-טשענדאָ. די מאַנסבילען האָבען זיך גענומען פאַר די הענד, געמאַכט אַ ראָד און געגאַנגען טאַנצען, נאָר אַזאַ מאָדנע טאַנץ, וואָס שפּיראָס קוואַרטיראַנט האָט נאָך אַזעלכס קיינמאָל ניט געזעהען אין חלום אפילו. אַ מאָדנע טאַנץ! יעדער טענצער האָט הויבענדיג די פיס אַלעמאָל דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט אַראָפּ און אויפגעהויבען אַרויף, די אויגען געהאַל-טען צו און געזונגען: „טאַטע! פאָטער! אונזער גאָט!” און דער בעל-הבית אַליין, רב שלמה פאַמיליאַנט, איז אַריין אין דער מיט ראָד, זיך אַוועקגעשטעלט מיט פערקאַטשעטע אַרבעל פליעסקען און אונטערגע-געבען דעם עולם היץ:

— לעבעדיג! יודען! לעבעדיג! לעבעדיג! אונז איז גוט! אונז איז וואויל! אונז זענען מיר יודען! מיר האָבען אַ גרויסען גאָט! לע-בעדיג! לעבעדיג!

שפּיראָס קוואַרטיראַנט האָט זיך ניט געקאָנט איינהאַלטען און געמוזט נאָך אַ מאָל זיך ווענדען צו זיין בעל-הבית, ער זאָל איהם אי-בערזעצען, וואָס זאָגט פאַמיליאַנט?

דוד שפּיראָ זעצט איהם איבער איטליכעס וואָרט, נאָר זיין קוואַר-טיראַנט פערשטעהט ווידער ניט דעם שכל, חאַטש נעמט איהם אַראָפּ דעם קאָפּ, וואָס דאַרף מען זיין אַזוי פריילין, אַז מע איז אַ יוד און אַז מע האָט אַ גאָט?... און ער טראַכט זיך: „אָט דאָס אָ זענען עס אָט די „האַסידים”, די סעקטע ווילדע מענשען, וואָס ער האָט גע-לייענט וועגען זיי אויף דער „נאָוואָיע ווערעמיאַ” און נאָך אין אַזעלכע בלעטער?... ס'אַר אַ מאָדנע פאָלק דאָס איז! אפילו די שכורים זייערע זענען גאָר אַנדערע... און דאָס שכור'ען איז אַנדערש... טרינקען טרינ-קען זיי אַ מכה, נאָר צו די ליפען גענומען, און טוט אַ קוק, ווי מע איז פריילין! אמת, ס'איז איין אַנדער מין פריילינקייט... מע איז פריילין, וואָס מע איז יודען!... מע איז צופרידען, מע איז גליקלין, וואָס מע האָט אַ גאָט!... אָט האָבען צוויי זיך אַרומגענומען, קושען

זיך, ווי די אמת'ע שכּורים, עס שטעהען זיי אַזש טרעהרען אין די אויגען... ביידע אינאיינעם רעדען עפּעס, און מע הערט נאָר „גאָט" און „גאָט" — אַ מאָדנע, מאָדנע פאָלק דאָס איז!"...

פלוצים דערזעהט ער, ווי זיין בעל-הבית, דוד שפּיראָ, האָבען אַ פּאָר „חאַססידים" אָנגעכאַפּט פאַר די הענד און מע שלעפּט איהם אין ראָד אַריין, און עס געהט אַ זוועק אַ מינוט און שפּיראָ טאַנצט שוין מיט אַלעמען אין קאָהן. „ניט שוין-זשע וועלען זיי מיך אויך אַריינציהען אין קאָהן אַריין?" — אַזוי טראַכט זיך אונזער ראַבינאָוויטש, און נאָך איידער ער האָט צייט זיך אַרומקוקען, האָבען עטליכע וואַרימע, פערשוויצטע הענד איהם אַ נעם געגעבען און אַריינגעשלעפּט איהם אויך אין ראָד אַריין:

— יונגערמאַן! ביסט אַ יוד גלייך מיט אַלע יודען, מאַך ניט קיין אָנשטעלען און קום טאַנצען!

וואָס ווייטער, ווייטער, ווערט דאָס ראָד אַלץ גרעסער און ברייטער און די פריילי‌כקייט וואַקסט ווי אויף הייוועז. דער קליינער סיאָמקע האָט זיך אויך אַריינגעריסען, מיט דעם איבעריגען קליינוואַרג, אינווייניג אין ראָד אַריין, און מע האָט גענומען הויבען פיסלעך גאָר אויף אַיין אַנדער אופן.

דאָס איז געווען אַ פריילי‌כקייט, וואָס האָט געוואַקסען פון מינוט צו מינוט, וואָס האָט זיך איבערגעגעבען פון איינעם צום אַנדערען אָהן ווערטער; אַלע און אַלעס אַרום און אַרום האָט זיך געפרייט, געריהרט זיך, און פיס האָבען פון זיך אַליין געהויבען זיך און געטאַנצט און געטאַנצט און געטאַנצט. . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

אָט אַזוי האָט אונזער העלד ראַבינאָוויטש, אָדער גריגאָרי איוואַנאָוויטש פּאָפּאָוו, ניט ווילענדיג געכאַפּט אַ טענצעל פּורים צו דער סעודה מיט אַלע חסידים גלייך, געשטעלט פיס, געשפּרונגען און געהעפּעט אַזוי גרינג ווי אַ פעדער, גאָר ניט געפיהלט די ערד אונטער זיך. און אַזוי ווי נאָכזינגען נאָך זיי דעם חסידישען ניגון האָט ער נישט געקאָנט, און זינגען האָט זיך געוואָלט, האָט ער אונטערגעכאַפּט אַ רוסיש ליעדעל:

פּראָפּאַדאַי מאָיאַ טעליעגאַ
ווסיע טשעטירע קאָליעסאַ!...

און, נישקשה, ס'איז אָפּגעגאַנגען פאַר גוט געלד.

## דאָס נײַנאונצוואַנציגסטע קאַפּיטעל.

### איבער אַ נאַרישקייט.

שרה שפּיראָס פּלאַן איז געווען אַ גאָלדענער פּלאַן. איהר שוואָגער, רב שלמה פּאַמיליאַנט, האָט בעדאַרפט באַלד, ווי די פֿורימדיגע סעודה וועט זיך ענדיגען, אַריינגעמען צו זיך אין קאַבינעט אַריין איהר קוואַרטיראַנט ראַבינאָוויטשען, איהם בעטען זיצען, מכבד זיין מיט אַ פיינע ציגאַר (שלמה פּאַמיליאַנט רויכערט גוטע שמעקענדיגע ציגאַרען) און מאַכען מיט איהם אַ שמועס פֿון דעם און פֿון יענעם, נעכטיגע טעג, אויפ'ן הימעל אַ יאַריד, ביז ער וועט מיט איהם אַרויף אויף די שפּיראָס און אויף זייער טאָכטער, אַ פיין קינד, אַ געראָטען קינד, מיט אַלע מעלות, נאָר נעבאַך אָהן געלד, זי איז אַליין געלד, גליקליך וועט זיין דער, וועמען דאָס מיידעל וועט אַריינפאַל'ען אין די הענד אַריין... וכדומה אַזעלכע דיפּלאָמאַטישע רייד וועט ער מיט איהם רעדען, און אין איינוועגס ביי איהם אויסטאַפּען ווערטער, וואָס דענקט ער און וואָס טראַכט ער און וואָס קלערט ער? און איהם טאַקי געבען איין עצה, ווי איין עלטערער מענש, ער זאָל ניט פערציהען אין דער לאַנגער באַנק אַריין, ממה-נפשך, יאָ-יאָ, ניין-ניין, זי איז, חלילה, ניט קיין פּאַרפּאַלענע, בעלנים פאַרהאַן געגוג... און אויב אַז יאָ, וואָס-זשע דאַרף מען „מעדליוועןˮ? — אַ וואָרט און צוויי און אַ מאַהריטש, און לאָז זיין מיט גליק, — און דערביי נאָך ברענגען עפּעס אַ פּסוק, אָדער אַ גמרא, אָדער אַ משל — ער קאָן! אויף איהם מעג מען זיך פערלאָזען! שלמה פּאַמיליאַנט, האָטש ער איז אַ יוד מיט אַ לאַנגער קאַפּאָטע און מיט אַ ברייטען טלית-קטן, קאָן אייך פּעררעדען דעם רוח אפילו. אַ מענש אַ סוחר, וואָס האַנדעלט מיט פּריצים כל ימיו. אַ סברה, אַז ער קאָן זיך „ליטשנעˮ מיט'ן גובערנאַטאָר!...

אַך! שרה שפּיראַ האָט געבויעט אויף איהר שוואָגער ווי אויף איין אײַזערנעם יסוד, געשלאָגען, ווי מע זאָגט, אויף פיער טייז, חאָטש איהר דוד איז געווען קעגען דעם דאָזיגען פּלאַן. דוד האַלט נישט פון זיין שוועסטערס מאַן. ער זאָגט, אַז די לאַנגע קאַפּאָטע מיט׳ן ברייטען טלית-קטן — דאָס איז, זאָגט ער, נאָר אַ מאַסקע, און דער רבי, וואָס ער פאָהרט צו איהם צוויי מאָל אַ יאָהר, אויף פּסח און אויף סוכות, און טוט נישט אָהן איהם כלומרשט קיין זאַך, איז מעהר נישט, זאָגט ער, ווי איין אָנשטעל, אַ קאָמעדיע, בכדי חסידים זאָלען איהם חנפ׳ענען, אָפּגעבען כבוד, אונטער אַ יום-טוב קומען צו איהם גוט-יום-טוב בעטען, זאָגט ער, פרעסען און זויפען און אינאיינעם מיט איהם חאַפּען אַ טענצעל.

— אַלערליי פערגעניגענס מיט אַלערליי עבודה-זרה׳ס פאַרהאַן אויף דער וועלט! — אַזוי לאָזט אויס דוד זיין קלאָגעדיגע מיינונג וועגען שלמה פאַמיליאַנט.

נאָר וואָס איהר דוד קאָן זאָגען! אַ מענש, וואָס קיין זאַך געפעלט איהם ניט און אויף יעדען איינציגען געפינט ער אייך אַ חסרון. אַ שפּיראַ!... זי זאָל האָבען די ברכה, וואָס זי פערשטעהט בעסער פון איהם אַ געשעפט, חאָטש ער איז אַ מאַנסביל און האַלט זיך פאַר אַ גאַנצען חכם און פאַר אַ בעל-חשבון און אַ ראָכמייסטער...

ניין. שרה שפּיראַס פּלאַן איז געווען אַ גאָלדענער פּלאַן. ס׳איז אָבער ניט בעשערט געווען, אַז דער פּלאַן זאָל דורכגעפיהרט ווערען, אַזוי ווי זי האָט געוואָלט. איבער אַ צופאַל, איבער אַ נאַרישען צופאַל, וואָס ס׳וואָלט גאָר ניט כדאי געווען, מע זאָל פערלירען דערויף דריי מינוט צייט אפילו. האָט זיך אָבער אויף שרה׳ס מזל בעדאַרפט מאַכען אַזוי, אַז דווקא אָט דער נאַרישער צופאַל זאָל אָנבויטען אַ גאַנצע חתונה, פערקאָכען אַ קאַשע, ס׳זאָל זיין צו זינגען און צו זאָגען! אָט ווי אַזוי דאָס האָט זיך אָנגעהויבען:

סאַמע אין רעכטען הוליען און טאַנצען, ווען דאָס ראָד האָט געוואַקסען און דער עולם איז געווען בגלופין און געאַרבייט אויף אַלע כלים, האָבען זיך בעוויזען אויף דער שוועל, מע ווייסט ניט ווי אַרום און פון וואַנען, צוויי מאָדנע נפשות: אַ נידעריגע גויקע מיט אַ רויט פּנים און מיט פערגלעזערטע אויגען, און הינטער איהרע פּלייצעס, אָפּגעהאַלטען צוריק, איז געשטאַנען אַ „ווערגעליעץ״, אַ שייגעץ מיט אַ לאַנגער בייטש אין די הענד און מיט אַ גרוי שמויסען היטעל אויפ׳ן

קאָפּ, נישט געוואוסט, וואָס ער זאָל טון: צי זאָל ער איבערטרעטען די שוועל, צי זאָל ער בלייבען שטעהן פון יענער זייט? צי זאָל ער אויסטון דאָס היטעל, צי ניין?

עס איז געווען צו זעהען, אַז די גויקע מיט'ן רויטען פּנים און מיט די פערגלעזערטע אויגען זוכט עמיצען אין דער דאָזיגער קאָמ-פּאַניע און קאָן נישט געפינען, און אַז דער שייגעץ מיט דער בייטש און מיט'ן הויכען היטעל איז נישט מעהר ווי איהרער אַ בעגלייטער, אָדער איין עדות, אָדער אַ מענש, וואָס טאָמער וועט מען דאַרפען אָנקומען צו זיינע ידים...

דאָס בעווייזען זיך אָט דאָ אין דער מינוט פון די דאָזיגע צוויי פרעמדע נפשות איז געווען אַזוי אומגעריכט-אונערוואַרטעט, אַז דער גאַנצער עולם יודען, וואָס זענען געווען כּלומרשט טויט-שכּור, זענען מיט אַמאָל אַלע אויסגעניכטערט געוואָרען און מע האָט אויפגעהערט טאַנצען און גענומען קוקען איינס אויף דאָס אַנדערע און אַלע אינ-איינעם אויפ'ן בעל-הבית, אויף שלמה פאַמיליאַנט, וועלכער איז צו-געגאַנגען צו דער גויקע, איינגעקוקט זיך אין איהר מיט זיינע קורצ-זיכטיגע אויגען און געפרעגט ביי איהר אויף גויעש, וואָס דאַרף זי און וועמען זוכט זי?

די גויע אָבער האָט איהם אפילו קיין קוק נישט געשענקט. זי האָט געהאַלטען אין איין זוכען מיט די פערגלעזערטע אויגען און סוף-כּל-סוף געפונען וועמען זי דאַרף: זי האָט דערזעהען צווישען די ווייבער שרה שפּיראָ און האָט זיך געגעבען צו איהר אַ לאָז מיט אַ שמחה:

— אָ! שאַפּיריכאַ! אַ דע מאָיאַ דעטינאַ?

דאָס האָט בעדאַרפט הייסען: „וואו איז מיין קינד?"...

שרה שפּיראָ איז אויפגעשטאַנען צו איהר:

— וואָסער קינד?

— מיין וואָלאָדקע?

— דיין וואָלאָדקע? פון וואַנען זאָל איך וויסען?

דער גויקעס פערגלעזערטע אויגען זענען נאָך מעהר פערגלעזערט געוואָרען און, קוקענדיג אין איין פּינטעל אַריין, האָט זי גענומען דער-צעהלען, ווי אַ בויכרעדערין, עפּעס אַ לאַנגע מעשה אָהן איין אָפּשטעל און אַלץ אין איין טאָן, אַז איהר וואָלאָדקע איז ניטאָ, פאַרפאַלען געוואָרען, ווי אין וואַסער אַריין! פון נעכטען גאַנץ פריה אָן, זינט ער איז אַוועק מיט די ביכלעך אין שקאָלע אַריין, האָט זי אַלץ גע-

וואַרט, טאָמער וועט ער קומען האָטש ביינאַכט אַהיים, איז ער ניט געקומען; היינט אינדערפריה איז ער ניט געקומען; בייטאָג ניט געקומען; פאַרנאַכט ניט געקומען; איז זי דאָס געווען איצט ביי שאַפּי־ריכען אין דער היים, האָט מען איהר אָנגעוויזען, אַז שאַפּיריכע איז אָט אָ דאָ, איז זי דאָס געקומען אַהער צו שאַפּיריכען, פרעגען, וואו איז איהר קינד.

— פון וואַנען זאָל איך עס וויסען? — פרעגט זי שרה נאָך אַ מאָל איבער, און די גויקע הויבט אָן נאָך אַ מאָל פון אָנהויב מיט דעם זעל־בען נוסח די גאַנצע מעשה, ווי אַזוי איהר וואָלאָדקע איז פון נעכטען גאַנץ פריה אָן אַוועק מיט די ביכלעך אין שקאָלע אַריין, האָט זי גע־וואַרט דעם גאַנצען טאָג, טאָמער וועט ער קומען, און אַ גאַנצע נאַכט האָט זי געוואַרט און ער איז ניט געקומען; היינט אינדערפריה איז ער אויך ניט געקומען; בייטאָג אויך ניט; פאַרנאַכט אויך ניט; איז זי געגאַנגען צו שאַפּיריכען אַהיים, האָט מען איהר אָנגעוויזען, וואו שאַפּיריכע איז; איז זי דאָס געקומען אַהער צו שאַפּיריכען, געוואָהרע ווערען ביי שאַפּיריכען, וואו איז איהר קינד.

— וואָס זאָגט איהר אויף דער פריטשעפּע? — האָט זיך שרה גע־וואונדערט צום עולם, וואָס איז געשטאַנען, געקוקט, געהערט און ניט אָנ־געהויבען צו פערשטעהן, וואָס דאָ טוט זיך, — טאָמער ווייסט איהר, וואָס געהער זיך אָן מיט מיר איהר וואָלאָדקע? דאָס איז איהרער אַ שרץ, רופט מען איהם וואָלאָדקע...

און צו דער גויע האָט שרה אַ מאַך געגעבען מיט דער האַנד:

— געה דיר געזונטערהייד! פון וואַנען זאָל איך עס וויסען? געה דיר געזונטערהייד! געה!

און עס קאָן זיין, אַז די גויע וואָלט זי געפאָלגט און וואָלט אפשר אַוועקגעגאַנגען מיט דעם, וואָס זי איז געקומען, ווען עס זאָל ניט געווען אַרויסשפּרינגען דער קליינער סיאָמקע און אַ זאָג געבען צו דער מוטער:

— וואָלאָדקען זוכט זי? מיר האָבען זיך היינט געשפּיעלטביידע, איך און וואָלאָדקע. האַ? ניט היינט, נעכטען איז דאָס געווען. נעכ־טען האָבען מיר זיך געשפּיעלט מיט וואָלאָדקען.

— וואו האָסט דו זיך מיט איהם געשפּיעלט? — פרעגט איהם די מוטער.

— דאָרט, וואו אַלע מאָל, אין דרויסען האָבען מיר זיך גע־

שפּיעלט, — ענטפערט איהר סיאָמקע און ווייזט מיט דער האַנד הינטער זיינע אייגענע פּלייצעס.

דערהערט דעם נאָמען וואָלאָדקע, האָט די גויע אַוועקגענומען איהרע פערגלעזערטע אויגען פון שאַפּיריכען און איבערגעטראָגען זיי אויף סיאָמקען: „וואו איז מיין קינד?" און ווידער אַ מאָל: „וואו איז מיין קינד?" און אָבער אַ מאָל: „וואו איז מיין קינד?"...

ווער ווייס, מיט וואָס די דאָזיגע סצענע וואָלט זיך געענדיגט, ווען שפּיראָס קוואַרטיראַנט זאָל זיך ניט געווען אַריינמישען. ער איז צוגעגאַנגען צו דער גויע, אַרויפגעלעגט איהר די האַנד אויף דער פּלייצע:

— מאַטושקאַ! געה אַהיים צו דיין מאַן. ער, און נאָר ער אַליין, וועט דיר זאָגען, וואו דיין קינד איז...

די דאָזיגע ווערטער זענען געזאָגט געוואָרען מיט אַ טאָן פון אַ מענשען, וואָס ווייס, וואָס ער זאָגט... און דאָס איז געווען גענוג, אַז די גויע זאָל זיך אויסדרעהען מיט'ן פּנים צו איהר בעגלייטער און ביידע זאָלען, נאָך אַ האַלבע מינוט שטעהן און קוקען אייגס אויף דאָס אַנדערע, אַוועקגעהן אַהין, פון וואַנען זיי זענען געקומען.

ערשט דעמאָלט, ווען די דאָזיגע צוויי זענען אַוועק, האָט דער גאַנצער עולם מיט אַמאָל, אַלע ווי איין מענש, אָנגעהויבען רעדען, פרעגען איינער ביים אַנדערען, וואָס איז דאָ געווען? וואָס איז דאָ געשעהן?

— ווער איז די ערלית? — האָט דער בעל-הבית, שלמה פאַמי-ליאַנט, אַ פרעג געגעבען ביי זיין שוואָגער, ביי דוד שפּיראָ'ן.

— איך זאָל אַזוי וויסען פון צרות! — ענטפערט איהם דוד שפּי-ראָ און קוקט אויפ'ן ווייב מיט בייזע אויגען.

— ווער איז די ערלית? — פרעגט דער בעל-הבית נאָך אַ מאָל שוין ביי שרה'ן, נישט קוקענדיג איהר, ווי אַ חסיד, גלייך אין די אויגען אַריין.

— דאָס איז אונזערע אַ שכנה'טע, — ענטפערט איהם שרה. — קיוייליבע רופט מען זי... זי האָט אַ מאַן אַ שכור... און וואָלאָדקע דאָס איז איהר שרץ פונ'ם ערשטען מאַן.

— נו? — פרעגט פאַמיליאַנט.

— נו, שלאָגט איהם דער שטיפטאַטע מכות-רצח... ער מאַכט איהם דעם טויט.

— נו? — פרעגט פּאַמיליאַנט ווייטער.

— נו, איז ער פאַרפאַלען געוואָרען, דער שרץ הייסט עס.

— נו?

— נו, איז זי געקומען זוכען דעם שרץ, זיך נאָכפרעגען, טאָמער ווייסען מיר, וואו איז דער שרץ.

— וואָס-זשע עפּעס צו נ׳אײַך? וואָס פאַר אַ מחותן איז מיט אײַך איהר שרץ? און וואָס געהער זיך אָן מיט איהם סיאָמקע?

— גאָרניט. מע זיצט אַהויף נעבען אַהויף, מאַכט זיך, אַז קינדער שפּיעלען זיך אינאיינעם...

אַזוי ענטפערט איהם שרה און פּיהלט זיך ווי שולדיג אין דעם, וואָס איהר סיאָמקע שפּיעלט זיך מיט אַ שרץ.

שלמה פּאַמיליאַנט איז אַפּנים געווען שטאַרק ניט צופרידען דערמיט, וואָס מע האָט איהם איבערגעשלאָגען סאַמע אין מיטען הוליען און פערשטערט זיין שמחה. ער האָט אַריינגעלעגטביידע הענד אין די הויזענקעשענעס, אַרויסגעשטעלט דעם גראָבען בויך מיט׳ן ברייטען טלית-קטן, פערקנייטשט מיט די פּלייצעס און גענומען רעדען ווי צו זיך אַליין:

— ננגע! נאַ דיר גאָר שרצים! שכנים! ערלים! גויעס! וואָלאָדקעס!... וואָס איז דאָס פאַר אַגאַנג, אַ יודיש קינד זאָל זיך שפּיעלען מיט שרצים?! דאָס איז אַלץ אײַערע גומענאַזיעס מיט די סקובענטען, מיט די אוניווערסיטוטען!...

אומזיכט האָט זיך אַריינגעמישט די בעל-הבית׳טע, טויבע פּאַמיליאַנט, זי האָט געוואָלט, ס׳זאָל ווערען שטיל, האָט זי גענומען „ששיקען" און „ששאַקען", געבעטען דעם עולם צוריק צום טיש, געהייסען די דיענסטען אויפגעבען עסען — אומזיסט, אומזיסט. שלמה פּאַמיליאַנט האָט זיך צולאָזט, אַרויסבעוויזען דער בעל-הבית און דעם נגיד און גענומען שיטען פייער אויף היינטיגע קינדער מיט היינטיגע עלטערן, וואָס פיהרען זייערע קינדער צו דער עקדה, ווי אברהם אבינו האָט געפיהרט זיין איינאונאיינציגען זוהן יצחק׳ן... וכדומה אַזעלכע ווערטער האָט שלמה פּאַמיליאַנט געוואָרפען רעכטס און לינקס, כלומרשט גערעדט גלאַט אין דער וועלט אַריין, נאָר געמיינט האָט ער זיינע אָרימע קרובים.

און די אָרימע קרובים נעבאַך האָבען געמוזט אויסהערען דעם גאַנצען מוסר פון זייער רייכען קרוב ביז׳ן סוף... נאָר איין בעטי,

וואָס האָט תמיד פיינט געהאַט איהר רייכען פעטער, האָט זיך באַלד אויפגעהאַפּט פון אָרט און גענומען זיך אָנטון. עס האָט נישט גע-האָלפען נישט דער מאַמעס תחינות ובקשות, נישט דער מוהמע טויבעס שבועות, אַז דער פעטער מיינט חלילה נישט זיי, דאָס רעדט ער גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין... בעטי האָט געזאָגט „אַ גוטען יום-טוב" און איז אַרויס פון שטוב, און ראַבינאָוויטש באַלד נאָך איהר — ווי קאָן ער זי לאָזען, אַ מיידעל אַליין אין מיטען נאַכט? — און אָט אַזוי איז בטל געוואָרען דער גאַנצער פּלאַן, וואָס שרה שפּירא האָט געבויעט. „און איבער וואָס? איבער אַ נאַרישקייט! איבער אַזאַ נאַ-רישקייט!"...

שרה שפּירא האָט זיך אַזש שיער ניט צעוויינט פאַר האַרצווועה-טיג און גריזאָטע, אַז זי איז געגאַנגען מיט'ן מאַן אַהיים. און טאַ-מער איז קאַרג, האָט איהר דוד אַ גאַנץ וועג געזאַלצען אויף די וואונדען.

— איין אָקס — האָט ער איהר געזאָגט — האָט אַ לאַנגע צונג און קאָן קיין שופר ניט בלאָזען... דו דאַרפסט געהן דערצעהלען מעשיות אָט דעם חסידאַק, דעם שבתי-צבי'ניק!

— שנייץ די נאָז און שמיר דאָס פנים, — האָט איהם שרה בע-צאָהלט אויך מיט אַ שפּריכוואָרט: — ס'איז דאָך דיין שוואָגער, ניט מיינער!

— איך קאָן דיר איהם אַוועקשענקען, אויב דו ווילסט.

— אַ דאַנק דיר פאַר דער מתנה!...

## דאָס דרייסיגסטע קאַפּיטעל.

## געפונען זיך דער שאָדען.

שרה שפּיראָ איז ניט פון די מאַמעס, וואָס שטעלען זיך אָפּ אין מיטען וועג דאָרט, וואו עס האַנדעלט זיך אינ׳ם גליק פון זייערע קינדער. פערלוירען די האָפנונג אויף איהר שוואָגער פאַמיליאַנט, האָט זי געזוכט אַנדערע וועגען, אַנדערע מענשען, און געפונען איינעם אַזעלכען, וואָס אויף איהם וואָלט זי זיך געקאָנט פערלאָזען מעהר ווי אויף אַלעמען, איהם וואָלט זי געמעגט פערטרויען איהר סוד, וואָרום ער איז זעהר אַיין עהרליכער. איין חסרון נאָר, וואָס ער איז שוין צו אַיין עהרליכער, און וואָס „צו״ — איז איבעריג...

שרה׳ס בעל-סוד איז געווען איהר קוואַרטיראַנטס חבר, טומאַרקין, דער לעצטער פון די דרייצעהן מעדאַליסטען, וואָס האָבען אַזוי לאַנג געוואַרט אויף אַיין ענטפער פונ׳ם מיניסטער אויף זייער דרינגענדע טעלעגראַמע, ביז מע האָט זיי „אויסגעלאָזעט״ איינציגווייז, ווי די פישעלעך, און אַרויסגעשיקט, מחילה, פון שטאָדט.

טומאַרקינען איז דאָס אָפּגעראָטען מעהר ווי אַלעמען. ער האָט „אָפּגעגאַרט פאָניען״, געטאָגט דאָרט, וואו ער האָט ניט גענעכטיגט, און גענעכטיגט דאָרט, וואו ער האָט ניט געטאָגט, אַרומגעטראָגען זיך מיט׳ן פעקעל פון איין בעקאַנטען צום אַנדערען, געשלאָגען בלאַט מיט׳ן „סטאַרשי דוואָרניק״, געהאַנדעלט מיט׳ן „אָקאָלאָדאָטשני״, געלעגען אין גרעסטען פראָסט און געציטערט אויף אַ בוידים — מיט איינעם וואָרט, געגאַנגען אויף אַ שטריק און, דאַנקען השם יתברך, איבערגעלעבט דעם ווינטער, ווי עס לעבען אַ סך אַנדערע יודען אין דער הייליגער שטאָדט, הלואי ווייטער...

אַ קאָמעדיע געווען אָנצוקוקען דעם דאָזיגען נפש מיט די שוואַר-

צע גרייזעלעך, ווי ער האַלט אין איין עמיגרירען, לויפט אַרום דעם גאַנצען טאָג זוכען אַ מקום מנוחה, אַ נאַכטלעגער דאָרט, וואו עס איז מיט אַ נאַכט פריהער געווען אַיין „אָבלאַווע". נישט איין מאָל האָט ער פערבלאָנזעט אויך צו שפּיראָס קוואַרטיראַנט שוין שפּעטליך אין דער נאַכט, נאָך אַ פערזאַמלונג פון ציוניסטען, און זיין חבר ראַבינאָוויטש איז געווען פאַר איהם דער מליץ-יושר.

— וואָס טוט מען מיט'ן שלימזל? — האָט שרה געזאָגט צו איהר מאַן, זיך אָנגענומען אַלע מאָל זיין קריוודע, חאָטש ער איז אַ שלים-מזל. — מע קאָן דאָך איהם ניט אַרויסוואַרפען אין דרויסען אין אַזאַ ברענענדיגען פראָסט. זיי דיך שוין מטריח צום דוואָרניק, דוד, רוק איהם אַריין דאָרט אַ קדחת אין יד אַריין, לאָז ער זיך וואַרגען... נאָר דו איינער קאָנסט האַנדלען מיט פּאָליציע.

דאָס לעצטע איז אַ מין קאָמפּלימענט, אַ האַבאַרעל אויף אונטער-צוקויפען דוד שפּיראָ'ן, וואָס וואַרפט זיך און שמיצט זיך. זאָגט, אַז זי וויל אָנאַרבייטען אַ חתונה אין זייער „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ". נאָר סוף-כל-סוף געהט ער אינאיינעם מיט'ן קוואַרטיראַנט צום „סטאַרשי דוואָרניק" און מע האַנדעלט אָפּ מיט איהם שטילערהייד פאַר דער דאָ-זיגער נאַכט, און דער שלימזל בלייבט נעכטיגען ביים קוואַרטיראַנט, וואו שרה בעט איהם אויס אויף דריי בענקלעך, ווינשט זיי אַ גוטע נאַכט און אַליין ליגט זי אין איינע צרות, טאָמער חלילה קומט מען, דעמאָלט וועט אויסקומען, אַז דוד איז געווען גערעכט...

— ווי איז אייך געשלאָפען? — פרעגט איהם שרה אויף מאָרגען, אָנגיסענדיג איהם אַ גלעזעל טיי.

— אויסגעצייכענט! — זאָגט איהר טומאַרקין אַ גרויסען ליגען, וואָ-רום אַחוץ, וואָס די בענקלעך האָבען זיך צורוקט און ער איז געלע-גען אויף משקולת אַלע מינוט דורכצופאַלען, איז ער גלאַט ניט גע-שלאָפען אַ גאַנצע נאַכט, געהאַלטען אין איין רעדען מיט זיין חבר ראַבינאָוויטש, וואָס האָט איהם פערמוטשעט מיט זיין שטענדיג גריב-לען זיך און גרונטעווען זיך אין יודישקייט.

אַלע מאָל, ווען די צוויי קומען זיך צונויף, איז הימעל עפען זיך! ביידע רעדען, ביידע היצען זיך. איינער טענה'ט: „איינס פון די צוויי — אָדער אַהער, אָדער אַהין. אָדער טוט אַלע דאָס, וואָס לאַ-פּידוס האָט געטאָן, אָדער נעמט זיך צונויף אַלע, גרויס און קליין, יונג און אַלט, און בעזעצט זיך אין אייער היסטאָרישער מדינה, אינ'ם

לאַנד פון אַייערע אָבות... בעווייזט, אַז איהר זענט אַ פאָלק, אַ פאָלק, וואָס וויל לעבען און קאָן לעבען, אַ פאָלק, וואָס קאָן טון אויך פאַר זיך, ניט נאָר פון יענעמס וועגען"...

— שאַ! געננג, גענוג! — שרייט איהם איבער דער אַנדערער. ער קאָן שוין מעהר ניט הערען, וואָס ער זאָגט, וואָרום ער רעדט ניט, ווי אַ יוד דאַרף רעדען. ערשטענס, וואָס פאַר אַ „איהר"? וואָס פאַר אַ לשון „אַייער לאַנד", „אַייערע אבות"? און צווייטענס...

— איהר וועט אַמאָל אַנשוויגען ווערען, צי ניין? — קלאַפּט זיי אָן די בעל-הבית'טע אין דער טיר. — אַ שלימזל קאָן! גענוג, ער האָט אַליין ניט וואו צו שלאָפען, לאָזט ער יענעם אויך ניט שלאָפען!...

קיין אַנדער נאָמען האָט ניט טומאַרקין ביי שרה'ן, אויסער „שלימזל". נאָר וויל ער איז בעפריינדעט מיט איהר קוואַרטיראַנט, פון וועלכען טומאַרקין האַלט איין עולם ומלואה, איז ער ביי איהר געהויכט און געקריינט, און עס ווילט זיך איהר זעהר, אַז ער, טו-מאַרקין, זאָל מאַכען אַ שמועס מיט איהר קוואַרטיראַנט, אַ טאַפּ טון דעם דופק, וואָס דענקט ער, וואָס טראַכט ער, וואָס מיינט ער?... געוויינטליך, נישט גלייך, טיץ טובי דורין, נאָר איידעל, פיין, היב-טען אַרום, וואָרום ס'איז „אַיין איידעלע מאַטעריע"...

— איהר פערשטעהט? זעהר אַיין איידעלע מאַטעריע!...

מיט אַ מאַך מיט די אויגען און מיט אַ סמאָרע מיט דער נאָז גיט איהם שרה צו פערשטעהן, וואָס פאַר אַיין „איידעלע מאַטעריע" דאָס איז. און חאָטש טומאַרקין פערשטעהט נאָך ניט, אייגענטליך, פון וואָס פאַר אַ מאַטעריע די פרוי שפּיראָ רעדט, דאָך שאָקעלט ער איהר צו מיט'ן קאָפּ, קרייזלענדיג זיך די געקרייזעלטע שוואַרצע הער-לעך, און שרה רוקט זיך צו נעהענטער, וויל איהם אַיינרוימען אַ סוד אויפ'ן אויער, קומט אָן פון דרויסען בעטי, שטעהט אַ ווײַלע און וויל חאַפּען מיט'ן קוק, פון וואָס האָט דאָ די מאַמע געשמועסט מיט טו-מאַרקינען. דערנאָך רופט זי זיך אָן צו דער מוטער:

— מאַמע, דו ווייסט? דער שאָדען האָט זיך אָפּגעזוכט.

— וואָסער שאָדען?

— וואָלאָדקע האָט זיך געפונען.

שרה טוט זיך אַ חאַפּ אויף:

— וואָלאָדקע האָט זיך געפונען? דאַנקען און לויבען!... וואו איז ער געווען?

— וואו איז ער געווען — ווייסט מען ניט, נאָר איצט איז ער דאָ, נעבען אונזער הויף, אַ טויטער.

שרה איז אַזש אָפּגעשפּרונגען צוריק:

— אַ טויטער? וואָלאָדקע אַ טויטער?

— ניט נאָר אַ טויטער, נאָר אַ גע׳הרג׳טער.

שרה איז פערציטערט געוואָרען.

— אַ גע׳הרג׳עטער? וואָלאָדקען האָט מען גע׳הרג׳עט? אוי-וואַ! געוועזן אַ וואוילער שרץ!... ווער האָט איהם גע׳הרג׳עט?

— פון וואַנען זאָל מען וויסען? מע האָט איהם געפונען אַ גע-הרג׳עטען... אַ צושניטענעם... אַ צושטאָכענעם... ווייזט אויס, מע האָט איהם שוין לאַנג גע׳הרג׳עט, וואָרום ערטערווייז האָט ער שוין אָנגע-הויבען פוילען.

שרה האָט זיך אָפּגעקעהרט אָן אַ זייט און אויסגעשפּיגען:

— מע זאָל גאָר בעהיט און בעוואָרענט ווערען! וואו האָט מען דאָס איהם געפונען?

— איך זאָג דאָך דיר, אָט דאָ ניט ווייט, נעבען אונזער הויף. פול די גאַנצע גאַס מיט מענשען. יודען און קריסטען, דאָקטוירים, פּאָליציע...

דערהערט דאָס וואָרט „פּאָליציע“, האָט שרה, וואָס האָט שוין געהאַט גאָר פערגעסען אָן דעם „שלימזל“, געחאַפּט אַ קוק אויף טו-מאַרקינען:

— וועה איז מיר! פּאָליציע?...

טומאַרקין, אויף וועלכען דאָס וואָרט „פּאָליציע“ האָט געהאַט כּמעט דעם אייגענעם כּח, וואָס אויף שרה׳ן, האָט זיך געשטויסען, אַז שרה׳ס שרעק איז איבער איהם, טאָמער פּאַקט מען איהם, צווישען יאָ און ניין, אָהן אַ פּראַוואָזשיטעלסטווע ביי איהר אין שטוב...

— האָט קיין יסורים ניט! — האָט ער זי לאַכענדיג בערוהיגט. — ערשטענס, איז דאָך עס ניט ביינאַכט. בייטאָג איז ניט אַזוי מסוכּן ווי ביינאַכט. און צווייטענס, געה איך טאַקי אַוועק, חאַ-חאַ — אַ קשיא אויף אַ מעשה?...

— געהט, געהט, נאָר גיך און געשווינד און לאָז מען אייך ניט זעהען. אָדער, פערקעהרט, דווקא פּאַוואָליגקע און לאָז מען אייך יאָ זעהען, נאָר האַלט דעם קאָפּ אַרויף, מיט שטאָלץ, ווי אַ כּשר׳ער, ווי אַ מענש מיט אַ „פּאָלגע פּראַוואָזשיטעלסטווע“. איהר פערשטעהט?...

— איך פערשטעה. וואָס דען? איך פערשטעה ניט?

אַזוי האָט שרה שפּיראָ אַרויסבעגלייט טומאַרקינען ביז פון אַלע טרעפּ אַראָפּ, אַ זאָג געגעבען איהם שטילערהייד ביי דער טיר, אַז ער זאָל קומען מאָרגען, אם־ירצה־השם, נאָך אַ מאָל נעכטיגען, וועט זי מיט איהם רעדען אויג אויף אויג, וואָרום ס׳איז אַיין אַיין איידעלע מאַ־טעריע...

— אַיין איידעלע מאַטעריע — זאָגט איהר נאָך טומאַרקין, אַליין ניט הערענדיג, וואָס ער רעדט.

— זעהר אַיין איידעלע מאַטעריע!

— זעהר אַיין איידעלע מאַטעריע...

## דאָס איינאונדרייסיגסטע קאַפּיטעל.

## משוגע געוואָרען.

שרה שפּיראָ האָט זיך ניט טועה געווען דערמיט, וואָס זי האָט איהר שליחות אַרויפגעלעגט אויף טומאַרקינען, אַז ער זאָל רעדען מיט'ן קוואַרטיראַנט, וואָרום ווער וואָלט זיך דאָס אונטערנעמען, ניט זייענדיג קיין שדכן, רעדען וועגען אַזאַ „איידעלע מאַטעריע"?

טומאַרקין, ווי נאָר ער האָט דערהערט פון שרה שפּיראָ, וועגען וואָס דאָ האַנדעלט זיך, אַזוי האָבען די אויגען גענומען אַרויסלויפען ביי איהם, ווי די מייזלעך, און יעדעס הערעלע בעזונדער האָט ער גענומען גרייזלען גיך-גיך, און האָט זי בערוהיגט, זי זאָל זיין זיכער, אַז ער וועט שוין מיט איהם רעדען אַקוראַט, אַקוראַט.

— אָבער איידעל, פערשטעלט! — האָט איהם שרה אָנגעזאָגט אַ מאָל צוואַנציג. — און שטיל, קיינער זאָל ניט הערען.

— פערשטעלט, פערשטעלט! — האָט ער איהר צוגעגעבען, אַליין ניט הערענדיג, וואָס ער רעדט. ער האָט זיך שוין געריסען געהן רע-דען מיט איהם טאַקי באַלד, די רגע. האָט איהם שרה אָפּגעהאַלטען, געגעבען איהם, נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל אַלץ די אייגענע אינסטרוק-ציעס, וואָס ער זאָל רעדען, און ווי אַזוי ער זאָל רעדען, וואָרום ס'איז ניט קיין שפּיעלכעל, ס'איז אַיין „איידעלע מאַטעריע"...

— אַיין „איידעלע מאַטעריע", — האָט איהר טומאַרקין נאָכגעזאָגט איטליכס וואָרט און דווקא הויך, אויף אַ קול.

— ששש... שרייט ניט אַזוי הויך. וואָס שרייט איהר? מע ווערט פון אַייך ניט גליקליך! — שטילט איהם אַיין שרה. — געדענקט זשע, בסוד, קיין בן-אדם זאָל ניט וויסען!

טומאַרקין זאָגט איהר נאָך איטליכס וואָרט און קלויבט זיך געהן

— קיין בן-אדם ניט וויסען!
— קיין פויגעל ניט!
— קיין פויגעל ניט.
— וואס פאר א טבע ביי אייך — פאלט אן אויף איהם שרה — נאכרעדען יענעם, ווי א פאפאגאי?
— ווי א פאפאגאי... — זאגט ער איהר נאך דאס ווארט אויך און פערחאפט זיך אבער באלד און בערוהיגט זי: — איהר מעגט זיך פערלאזען. איהר מעגט זיין זיכער. עס וועט זיין רעכט. עס וועט זיין גוט. אויסגעצייכענט גוט!
און טומארקין איז אוועק רעדען מיט ראבינאוויטשען פערשטעלט.
די לעצטע צייט זענען די צוויי אוועק אין זייער חבר'שאפט אזוי ווייט, אז ס'איז ניט אריבער כמעט קיין טאג, מע זאל זיך ניט זעהען, און מע איז געווארען גאנץ נאהענט, אויף „דו".
— הער נאר אויס, — האט צו איהם טומארקין געזאגט, באלד ווי ער איז נאר אריינגעקומען צו איהם אין זיין חדר'ל אריין, געטראפען איהם ביים שאקלענדיג טישעל זיצען און שרייבען א בריעף, — הער נאר אויס, וואס איך וועל דיר זאגען. לעג אוועק אלע ארבייט, מאך נאר צו גוט די טיר און זעץ דיך אוועק אויף דיין איינאונאיינציג בענקעל, אט דא ביים פענסטער, איך וועל זיצען אויפ'ן בעטעל, גלייך אקעגען דיר, איך זאל קאנען זעהען דיין פנים, ווארום איך האב מיט דיר צו רעדען א נויטיגע זאך, א סוד...
ראבינאוויטש איז בלאס געווארען, אז ער האט דערהערט א „סוד"... דאס ערשטע, וואס איהם איז איבערגעגאנגען אויף דער מחשבה, איז געוועזען: — מען איז געוואוירע געווארען, ווער ער איז... נאר ווייל בטבע איז ער ניט פון די איבערגעשראקענע יונגלעך, איז ער אויפגעשטאנען, צוגעמאכט די טיר, געגעבען א ווארף מיט דער פאטלע האר און אוועקגעזעצט זיך קעגען זיין חבר א פנים קעגען א פנים:
— א סוד? רעד, וועלען מיר הערען פון דיר סודות.
טומארקין האט גענומען בלעטערן דאס בוך, וואס איז געוועזען ביי איהם אין די הענד, גיך-גיך, ווי זיין שטייגער איז, ווארום אז ער רעדט, מוז ער עפעס טון בעת-מעשה מיט די הענד, און איז צוגעטראטען צום ענין גלייך, אהן א שום הקדמות:
— זאג נאר, וואס איך וועל דיך פרעגען. דו האסט ליעב דער

בעל-הבית׳טעס טאָכטער און דער בעל-הבית׳טעס טאָכטער האָט ליעב דיך, — וואָס ציהסט דו די עצמות?

אונטער ראַבינאָוויטשען האָט דאָס בעריהמטע בענקעל מיט׳ן אויס-געטריפּעטען געזעסעל, וואָס מע רופט עס „וויענער שטוהל“, געגעבען אַ טרישטש, און ער האָט געוואָלט געבען אַ שטעה אויף, האָט איהם טו-מאַרקין צוגעהאַלטען מיטביידע הענד, געקוקט איהם גלייך אין די אויגען אַריין:

— זיץ-זיץ, וואָס ביסט דו געוואָרען אַזוי רויט? מיט מיר בע-דאַרפסט דו זיך, ברודער, ניט צערעמאָניען. מיט מיר קאָנסט דו רע-דען ריינע דבורים — זאָג מיר, וועלכס קוועטשט דיך?...

פאַר אונזער ראַבינאָוויטשען איז דאָס געוועזען אַזוי פּלוצים-אומ-געריכט, אַז ער האָט די ערשטע מינוט פערלוירען די פעהיגקייט צו רעדען. ער האָט נישט געטאָנט פערשטעהן, ערשטענס, ווי רעדט מען דאָס מיט אַזאַ לשון וועגען אַזאַ זאַך, וואָס איז ביי איהם דאָס סאַמע פערבאָרגענסטע, דאָס סאַמע הייליגסטע, וואָס ער האָט זיך שוין דעם מח דערויף צובראָכען טראַכטענדיג?... און צווייטענס, פון וואַנען ווייס עס טומאַרקין? ניט שוין-זשע פון איהר אַליין? און אַ מישמאַש פון גע-פיהלען און געדאַנקען האָבען איהם אונטערגעחאַפּט און אויפגעהויבען פון׳ם אָרט, און ער האָט גענומען אַרומשפּאַנען הין און צוריק אי-בערן חדר. דערנאָך האָט ער זיך אָפּגעשטעלט:

— הער אויס, טומאַרקין, דו ביסט אַיין עהרליכער, אַיין אָרענט-ליכער מענש. איך האָב דיך דערקענט. זאָג מיר נאָר איין זאַך: פון וואַנען ווייסט דו דאָס?...

— וואָס איז דיין עסק, פון וואַנען איך ווייס? אַבי ס׳איז אַיין אמת. אָבער ס׳איז דאָך אַיין אמת? אַיין אמת? דו וועסט דאָך ניט אָפּלייקענען.

— ניט דאָס, נאַרעלע, איך מיין אַיין אַנדער זאַך. איך מיין, איך וויל וויסען, אויב זי אַליין האָט דאָס דיר געזאָגט. איך דאַרף עס וויסען...

טומאַרקין האָט זיך אויפגעהויבען און צוריק אַוועקגעזעצט.

— משוגע ביסט דו? ע, ביסט דו דאָך טאַקי אַ גרויסער נאַר, ווי איך זעה אַרויס! אויף וויפיעל איך קען זי — און איך קען זי אַ סך ווינציגער ווי דו — איז זי ניט אַזעלכע. זי וועט זיך גיכער לאָזען

אָפּשניידען ביידע הענד, איידער רעדען מיט אַ זייטיגען מענשען וועגען אַזאַ זאַך...

נאָך די דאָזיגע ווערטער האָט שוין ראַבּינאָוויטש פערשטאַנען, וועמענס קאָפּ דאָס איז, און איז געוועזען ניט זעהר צופרידען. ער וואָלט בעסער וועלען, אַז דאָס זאָל שטאַמען פון איהר אַליין, פון בעטין, וואָרום זינט ער קען זיך מיט איהר און האָט זי ליעב, געהט אויס נאָך איהרע טריט, האָט ער פון איהר קיין וואָרט געהערט. ער איהר האָט זיך שוין וויפיעל מאָל אַרויסגעזאָגט, אויב נישט אינגאַנצען, איז מיט האַלבע ווערטער, מיט אָנצוהערענישען — און זי איהם קיין האַלב וואָרט אפילו. אמת, ער האָט געזעהען, אַז זי איז צו איהם ניט ווי צו אַנדערע... ער האָט געפיהלט מיט'ן גאַנצען האַרצען, אַז ער איז איהר נאָהענט... ער וואָלט אָבער וועלען אויך הערען פון איהר מויל דאָס גוטע וואָרט... איז ניין! אַלסדינג: רעדען, שפּאַסען, קאַטאָוועס מאַכען, ווערטלען זיך, שפּאַצירען געהן — דאָס יאָ, וויפיעל איהר ווילט. נאָר קיין איינציגס וואָרט אַזעלכס, ווי ער וואָלט וועלען... און ווער שמועסט, פון יענעם אָוועגד אין טעאַטער, נאָך זייער בעגעגעניש מיט דעם ווייסען־אונטערשלאַק לאַפּידוס, איז זי גאָר געוואָרען צו איהם אַזוי, אַז ער קאָן זי ניט תופס זיין: אָט איז זי קאַלט ווי אייז, אָט איז זי צו איהם צוגעלאָזט, ווייך, לעבעדיג, פריילעך, און אָט איז זי שוין ווידער ערנסט, פערביסען, פערטראַכט, ווי אַ ספינקס, טויט, ווי אַ מאַרמאָר. ניין, ער הויבט ניט אָן צו פערשטעהן אָט דאָס מיידעל...

— בעטי, איהר ווייסט? — האָט ער איהר אַמאָל אַ זאָג געגעבען — איהר זענט פאַר מיר אַ רעטעניש.

— מע דאַרף ניט האָבען קיין גרעסער רעטעניש, ווי איהר זענט, — האָט זי איהם אָפּגעענטפערט און איבערגעטראָגען דעם שמועס אויף איין אַנדער זאַך און אַרויסגעדרעהט זיך פון זיינע הענד.

— הכלל, ניטאָ קיין לשון, — מאַכט צו איהם טומאַרקין, בלעטערענדיג ווידער דאָס בוך, וואָס ליגט ביי איהם אויף די קניהעס, גיך־גיך, אַ בלעטעל נאָך אַ בלעטעל. — איך וויל הערען ווערטער וויל איך הערען.

— וואָס קאָן איך דיר זאָגען? — ענטפערט איהם ראַבּינאָוויטש, ווידער אַרומשפּאַנענדיג פערטיעפט אין זיינע מחשבות. — איך קאָן דיר דערויף גאָרניט זאָגען...

— פאַרוואָס, למשל?

— דערפאַר, ווייל ס'איז פאַרהאַן זאַכען אַזעלכע, וואָס מע קאָן פון זיי ניט רעדען אפילו מיט'ן סאַמע נאָהענטסטען מענשען... פאַרהאַן זאַכען...

טומאַרקין טוט אַ וואָרף אָפּ דאָס בוך:

— פאַרהאַן זאַכען... פאַרהאַן זאַכען... איך ווייס, וואָס דו ווילסט זאָגען!

ראַבינאָוויטש שטעלט זיך אָפּ:

— וואָס וויל איך זאָגען?

— דו ווילסט זאָגען, אַז צווישען אייך איז אַ תהום... אַז זי איז איין אָרים מיידעל, און דו ביסט אַ פּרינץ, האָסט אַ מוהמע אַ מיליאָ-נערשע, וואָס דו ביסט איהר איינציגער יורש... איך ווייס, איך ווייס דאָס אַלסדינג. און אויב אַזוי... (טומאַרקין איז אויפגעשטאַנען פון בעטעל און אַ קוק געגעבען איהם גלייך אין די אויגען אַריין)... אויב אַזוי, דאַרף איך דיך אָנרופען מיט'ן רעכטען נאָמען: דו ביסט אַ פּאָדליעץ!

דער עפעקט פון די דאָזיגע ווערטער איז געווען גאָר ניט אַזעל-כער, ווי טומאַרקין האָט געוואַרט. אָנשטאָט דעם, אַז זיין חבר זאָל אויפשפּרינגען ווי איין אָפּגעבריהטער, ווערען אין כּעס אָדער וועלען זיך פערענטפערן, האָט זיך ראַבינאָוויטש אָנגעבויגען ביז צו דער ערד, אויסגעבויגען און נאָך אַ מאָל אָנגעבויגען, זיך געחאַפּט מיטביידע הענד ביי די זייטען און גענומען לאַכען אַזוי שטאַרק, גלייך ווי הונדערט שדים וואָלטען איהם געקיצעלט הינטער די פּאַחווס. צום סוף איז ער אַזש אַנידערגעפאַלען אויפ'ן בעטעל און האָט זיך גענומען קויקלען און קאַטשען פון איין זייט אויף דער אַנדערער און לאַכען אַלע מאָל העכ-כער און שטאַרקער, אַזוי לאַנג, ביז עס האָט זיך געעפענט די טיר און עס האָבען זיך אַריינגעריסען פריהער שרה, דערנאָך בעטי, ביידע איבערגעשראָקען, טויט ווי די וואַנט:

— וואָס איז? וואָס איז דאָ געשעהן?

— אייער קוואַרטיראַנט איז משוגע געוואָרען! — האָט זיי טומאַר-קין אַ זאָג געגעבען מיט כּעס, געחאַפּט דאָס בוך מיט'ן היטעל און איז אַוועק — ואיננו!

פון דעמאָלט אָן האָבען ניט די שפּיראָס, ניט זייער קוואַרטי-ראַנט נישט געהערט פון טומאַרקינען מעהר.

— פאַרפאַלען געוואָרען דער „שלימזל“, ווי אין וואַסער אריין! — האָט געזאָגט שרה, — און קיינער האָט אַזוי נישט געבענקט נאָך איהם, ווי שרה, וואָרום ער האָט אַוועקגעטראָגען מיט זיך איינעם פון איהרע סאַמע טייערע און פערבאָרגענע סודות...

## דאָס צוויי־און־דרייסיגסטע קאַפּיטעל.

## ערב-פּסח

אין דרויסען האָט זיך געשטעלט ערב-פּסח.

די זון האָט געשיינט ערב-פּסח'דיג. עס האָט געשמעקט ערב-פּסח'דיג, און די גאַנצע יודישע גאַס האָט אויסגעזעהען ערב-פּסח'דיג, גאָר נישט קוקענדיג דערויף, וואָס ווי יודיש די גאַס זאָל ניט זיין, ווי זי זאָל ניט זיין געפּאַקט מיט אחינו-בני-ישראל, געפינט זי זיך דאָך אין אַזאַ שטאָדט, וואו ניט יעדער גע'מל'טער קאָן האָבען די זכיה איבערצונעכטיגען אין איהר אַ נאַכט...

אָנקוקענדיג די פערדריפּעטע הייזלעך, די אָפּגעריסענע יודען, די פערשמאָדערטע ווייבער, די האַלב-נאַקעטע קינדער, און צוהערענדיג זיך צו די קולות מיט'ן געפּילדער, וואָס טראָגען זיך פון די הייזער, פון די קלייטען און פון דעם גאַנצען קוואַרטאַל אַרום און אַרום, קאָנט איהר זיכער מיינען, אַז איהר געפינט זיך אין דער רעכטער הושטשע פונ'ם רעכטען געדיכטען יודישען תחום, וואו מע ווייסט ניט פון קיין פּאָליציע, פון קיין „סטאַרשי דוואָרניק" און פון קיין „פּראַוואָזשיטעלסטווע".

די אייגענע אויסגעמאַטערטע און פערצווייפעלטע פּנימער פון די יודען. די אייגענע אויסגעמוטשעטע, צום מייסטען מעוברת'ע ווייבער. די אייגענע שייענדיג-הונגעריגע קינדער. דאָס אייגעניש יאָגעניש און לויפעניש, וואָס דאָרטען, אין דער געבענשטער „טשערטאַ". דאָס אייגענע רייסעניש און בייסעניש פּאַר אַ האַרטען גראָשען, פּאַר אַ שטיקעל טרוקען ברויט, פּאַר אַ נאַס פערשימעלט ווינקעל אויף דעם קאָפּ אָנצ. שפּאַרען. די אייגענע כּף-הא'עדיגע קרעמלעך, צעהנרובעלדיגע

קלייטלעך, דריירובּעלדיגע שטעלעכלעך, וואָס איין גאָט ווייס, מיט וואָס זיי האַלטען זיך.

איהר בעגעגענט דאָ די אייגענע „לופטיגע" יודען, וואָס קוקען אַרויס אויף נסים. די אייגענע ליידיגע יונגעלייט, וואָס דרעהען זיך אַרום מיט שטעקעלעך אין גאַס. די אייגענע פולע ווייבער, וואָס טראָגען זיך אַרום מיט ליידיגע קאָשעקעס. די אייגענע נאַקעט-באָרוועסע קינדער, וואָס לויפען אַרום פוסטע-פּאַס אויף דער גאַס נאָר דערפאַר, וואָס אין שטוב איז נאַס און ענג, און אין דרויסען איז חאָטש דאָ אַ הימעל, חאָטש דאָ אַ זון.

אפילו די שולען און בתי-מדרשים קאָנט איהר דאָ זעהען די אייגענע, וואָס אומעדום. דאָס הייסט: אַלטע, פער׳חושכ׳טע שולען מיט טונקעלע ווענט פערוויינטע. אויף די חדרים, די אייגענע פינס-טערע חדרים, מיט די אייגענע תלמוד-תורות, וויסטע, קלאָגעדיגע, און מלמדים פעראָרימטע, דערשלאָגענע — אַלעס, אַלעס, ווי דאָרטען, נישט געמינערט אַ האָר.

און אַזוי ווי דאָרט ערב-פּסח, אַזוי האָט אויך דאָ אַלעס אויפ-געוואַכט, אויפגעלעבט, אַלעס איז אַרויס אויף דער גאַס, אַלעס ריי-ניגט זיך, אַלעס גרייט זיך, אַלעס קאָכט און אַלעס טומעלט, אַלעס שוויבעלט און אַלעס ווימעלט — ס׳איז ערב-פּסח. יודען ריכטען זיך אויף אַ גוטען ליעבען גאַסט, יודען גרייטען זיך אויפנעמען דעם ליע-בען גוטען יום-טוב פּסח.

און אַזוי ווי דאָרט, אַזוי קאָכט עס אויך דאָ מעהר ווי אומע-דום אין די „פּאָדראַדען". ס׳איז אַ טאַרעראַם און אַ געררויש און אַ האַרמידער, אַ יאָגעניש, אַ לויפעניש, אַ שטופּעניש. יעדער וויל וואָס פריהער — יודען באַקען מצות!

מיט די מצות האָט זיך שרה שפּיראָ דאָס יאָהר אַ ביסעל פער-שפּעטיגט. און איבער וועמען? איבער איהר מאַן. דערפאַר וואָס ער איז אַ שפּיראָ, פון די אמת׳ע, פון די סלאַוויטער שפּיראָס, שטעהט איהם ניט אָן, אַז זיינע מצות זאָל מען באַקען ניט אויפ׳ן ערשטען אויוון. און שרה אַליין וויל אויך דאָס אייגענע. פונדעסטוועגען עסט זי איהם די גאַל:

— ער גלייכט זיך צו שלמה פּאַמיליאַנט. נישטאָ ערגער, ווי אַז מע וויל כּבוד און מע האָט נישט מיט וואָס! ממה-נפשך, ביסט דו אַיין אָרימאַן, טאָ שווייג חאָטש, ווי זאָגט ער: „נעחיי ליחאָ טיחאָ"...

— הקצור, וואָס ווילסט דו? — איז שוין דוד אַרויס פון די כלים. — ווילסט באַקען מצות, באַק מצות!

שרה וועט איהם אָבער אַזוי גיך ניט אָפּטרעטען דעם וועג, ניין!

— וואָס הייסט, באַק מצות? ווילסט דאָך, אויפ׳ן ערשטען אוי-ווען זאָל מען דיר באַקען די מצות!

דוד וואַרפט אַ קוק אויף דער טאָכטער ווי אַלע מאָל, ווען שרה דערגעהט איהם די יאָהר, און בעטי קומט איהם צו הילף:

— מאַמע! טאָמער וואָלט מאַקי געוועהן גענוג צו רעדען פון די מצות? פון נאָך פּורים אָן הערט מען דאָ נאָר מצות, מצות און מצות!...

און אָט אַזוי האָט מען אַ וואָך דורכאַנאַנד געהערט אין שטוב רעדען „מצות-מצות! מצות-מצות!" אַזוי, אַז דער קוואַרטיראַנט האָט זיך אויך פּעראינטערעסירט מיט די מצות.

אַז יודען עסען פּסח אַזאַ מאכל, וואָס הייסט מצות („מאַצצאַ")— דאָס האָט ער געוואוסט שוין פון לאַנג. נאָר וואָס דאָס איז פאַר אַ מאכל און ווי אַזוי עסט מען עס — דאָס האָט ער געוואָלט וויסען.

אויך האָט ער געוואָלט וויסען נאָך אַ זאַך — און דאָס האָט איהם אינטערעסירט אַממעהרסטען: ער האָט שוין פון לאַנג אָן געהערט, ער האָט געגלייבט (ער געדענקט שוין ניט וואו), אַז אין דער דאָזי-גער „מאַצצאַ" ווערט ביי יודען אַריינגעטאָן בלוט, קריסטליך בלוט...

פערשטעהט זיך, אַז ער אַליין האָט ווינציג וואָס געגלויבט אין דעם פּזמון. עס האָט איהם נאָר אינטערעסירט צו דערגעהן דעם שכל, פון וואַנען נעמען זיך אַזעלכע פּזמונות?

פרעגען ביי עמיצען פון זיינע חברים, האָט ער זיך געשעמט. רעדען דערפון מיט שפּיראָ׳ן — איז גאָר אונמעגליך. אַ משוגענער! ער קאָן אייך פאַר אַזאַ זאַך אָפּבאָדען, מאַכען מיט דער בלאָטע גלייך. והראיה: אָט דאָ, אַז ס׳האָט זיך געטראָפען די מעשה מיט קיריליכעס זוהנדעל וואָלאָדקע, מע האָט איהם געפונען אַ גע׳הרג׳עטען, האָט ראַ-בינאָוויטש אין אַ פּאָר טעג אַרום געהאַט געלייענט אין איין אָרטיג בלאַט, אַז מע שמועסט אין שטאָדט, אַז ס׳איז אַ סברה, אַז גע׳הרג׳עט האָבען דעם וואָלאָדקען די אָרטיגע יודען, אויפגעטרענט די אָדערן און אויסגעצאַפּט פון איהם לעבעדיגערהייד דאָס גאַנצע בלוט צוליעב זייער „מאַצצאַ", וואָס זיי דאַרפען באַלד באַקען אויף פּסח...

איבערגעלייענט דאָס דאָזיגע נייעס האָט דער קוואַרטיראַנט הויך, אויף אַ קול, ביים טיש זיצענדיג. ער האָט אָבער נאָך נישט געענדיגט

אינגאַנצען דאָס איבערצולייענען, אַז דוד שפּיראָ טוט ניט אַ רייס אַרויס ביי איהם דאָס בלאַט פון די הענד, גיט אויף דעם אַ שפּיי אָן און אַוואָרף אַרויס גלייך דורכ׳ן פענסטער.

— משוגע מיינע שונאים?! — איז אויף איהם אָנגעפאַלען שרה, — צי חסר-דעה? צי וועלכע גוטע יאָהר?

— אַ מצוה! — האָט זיך דוד פערענטפערט. — למאי זאָל אַ יוד לייענען אַזעלכע בלעטלעך, וואָס קאָנען אויסטראַכטען אַזאַ פּאַסקודסטווע?

אויף מאָרגען האָט שוין אונזער ראַבינאָוויטש געזוכט צו קויפען דאָס דאָזיגע בלאַט, און בסוד, זעהען, וואָס שרייבט מען דאָרטען וועגען וואָלאָדקעס משונה׳דיגען טויט.

אינווייניג ביי זיך האָט ער אפילו גאַנץ גוט געוואוסט, וועמענס אַרבייט דאָס איז. באַלד ווי וואָלאָדקע איז פערשוואונדען געוואָרען, האָט ער גלייך געזאָגט, אַז איהם האָט בעשטאַט זיין שטיפטאַטע, וואָס האָט שוין לאַנג געוואָלט פונ׳ם קינד פּטור ווערען. ראַבינאָוויטש האָט איהם אַליין אַמאָל אַרויסגענומען אַ האַלב-טויטען פונ׳ם פאָטערס הענד. אַוואונדער איז איהם נאָר געווען, וואָס האָט ער איהם נאָך בעדאַרפט אַזוי משונה-ווילד צושניידען און צוברעקען? צו וואָס האָט ער איהם אַזוי בעדאַרפט צושטעכען? ניינען און פערציג שטעך האָט מען איבער-געצעהלט ביי איהם אויפ׳ן לייב! אַזוי שרייבען די צייטונגען. צו וואָס איז עפּעס גראָד ניינען און פערציג? וואָס פאַר אַ מספר?

אַצינד איז גרינג צו פערשטעהן, פאַרוואָס אונזער העלד האָט זיך אַזוי פעראינטערעסירט מיט דער מצה, געוואָלט זיין דערביי, זעהען, ווי יודען באַקען מצות...

— איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געזעהען, ווי מע באַקט „מאַצאַ“, — האָט ער זיך מודה געווען פאַר דער בעל-הבית׳טע.

— ערשטענס, ניט „מאַצאַ“, — האָט איהם שרה אויסגעבעסערט, — אויף גויעש הייסט עס „מאַצאַ“, און אויף אונזער לשון, אויף יודיש, הייסט עס מצות... איז איינמאָל אַוועק. און צווייטענס, אויב איהר ווילט זעהען, ווי מע באַקט מצות, זייט זיך מטריח מיט מיר מאָרגען-איבערמאָרגען אין „פּאָדראַד“ אריין, וועט איהר זעהען, ווי מען באַקט מצות. נאָר וואָס דען? איך דאַרף אייך זאָגען פריהער, מע וועט אייך ניט לאָזען שטעהן אַזוי און קוקען אָהן אַ שום אַרבייט. און אייך אַליין וועט ניט זיין אָנגענעהם שטעהן צוזויפגעלעגט די הענד, בעת אַלע אַרבייטען. איהר וועט אויך מוזען עפּיס טון. איהר וועט מוזען העלפען.

ראַבינאָוויטש האָט זיך אַזש געוואָלט געהן טאַנצען פאַר פרייד:

— העלפען באַקען מאַצצאַ? אָך!

— ניט „מאַצצאַ", נאָר מצות! — פערריכט איהם נאָך אַ מאָל שרה.— טויזענד מאָל האָב איך אייך געזאָגט, איהר זאָלט ניט האָבען קיין טבע רעדען ווי אַ גוי...

— נו, חאַראַשאָ, מצות, מצות. וואָס-זשע דאַרף איך דאָרטען טון?

— מע וועט אייך שוין זאָגען, וואָס צו טון, — זאָגט שרה שפּי-ראָ, און איהר געפעלט דער געדאַנק, ווי אַזוי איהר קוואַרטיראַנט, אַ סטודענט, אַ מעדאַליסט און אַ מיליאָנער, וועט זיך אַוועקשטעלען מיט אַלע אָרימע יודען, ווייבער און מיידלעך, און וועט העלפען — חאַ-חאַ-חאַ!...

שרה ווערט צושמאָלצען פאַר געלעכטער.

— וואָס איז אויף דיר פלוצים אַזאַ געלעכטער, מאַמע? — פרעגט זי בעטי, אַריינקומענדיג פון צווייטען חדר מיט אַ שיינענדיג פּנים, אויף גרייט אויף צו לאַכען. לאַכענדיג גיט איהר שרה איבער די השגה פונ'ם קוואַרטיראַנט, וואָס וויל זיין ביי די מצות באַקען און אַליין אויך העלפען — חאַ-חאַ-חאַ!

— נו, וואָס-זשע איז? — זאָגט צו איהר בעטי אויף רוסיש.— איך וויל אויך זיין ביי די מצות באַקען, דאָרט איז, זאָגט מען, פריילין.

— און איך אויך! — רופט זיך אָפּ דער קליינער גימנאַזיסט סיאָמ-קע און לעגט שוין צונויף זיינע ביכלעך מיט די פּאַפּירען מיט'ן גאַנ-צען קלאַפּער-געצייג. ער ווייסט נאָך ניט אַקוראַט וואָס און ווען, נאָר דערהערט, אַז דער לעהרער געהט און די שוועסטער געהט, וויל ער אויך. דאָס רופט אַרויס ביי די גרויסע אַ פרישען געלעכטער.

— חאַראַשאָ! דו אויך, דו אויך, — זאָגט איהם צו ראַבינאָוויטש און קוקט מיט דאַנקבאַרקייט און מיט ליעבשאַפט אויף בעטין דערפאַר, וואָס זי פערשטעהט איהם אָהן ווערטער.

## דאָס דרייאונדרייסיגסטע קאַפּיטעל.

### מצה.

איצטיגס מאָל האָט דוד אויסגעפיהרט. ער האָט געפּועלט ביי זיין ווייב, אַז זיינע מצות זאָל מען באַקען, אפילו שוין שפּעטליך, נאָר אויפ׳ן ערשטען אויוועז. עס שטעהט איהם ניט אָן, אַז מע זאָל זיין מצה באַקען גלייך מיט אַלע אָרימע לייט. שרה האָט איהם אפילו געפּרובט איבערשפּאַרען מיט גוטע רייד:

— משוגענער לעקיש וואָס דו ביסט! סאַוואָלע! עקשן! קוריער, סקי-פּאַיעזד! איז דען ניט אַלץ איינס, אויפ׳ן ערשטען אויוועז, אויפ׳ן לעצטען אויוועז? מצה איז מצה...

עס האָט ניט געהאָלפען קיין זאַך. ער, אַז ער שפּאַרט זיך איין, איז פאַרפאַלען. אַ שפּיראָ! פון די אמת׳ע, פון די סלאַוויטער — מע זאָל נאָר בעהיט ווערען!...

פונדעסטוועגען איז שרה אַליין אויך געווען צופרידען, וואָס ס׳האָט זיך אַזוי געמאַכט; לאָזען איהר ווייבער מקנא זיין. משטיינס געזאָגט, אַז ס׳איז ניטאָ אויף עפּעס אַנדערש מקנא צו זיין, לאָז חאָטש זיין אויף דעם.

כאור האָט זיך שרה שפּיראָ געפּעדערט, געדונגען אַ פוהר אויף אָפּצופיהרען דאָס זעקעל מעהל אין פאָדראַד אַריין, אַרויסגעבעגלייט סיאָמקען מיט זיין אָנבייסען אין גימנאַזיע, אַכטונג געגעבען, ער זאָל ניט פערקנייטשען דאָס דאַוונען (אַ מעדאַל איז אַ מעדאַל, נאָר דאַוונען דאַרף מען!), און זי איז שוין גרייט געווען זיך אויפזועצען פאָהרען אין פאָדראַד אַריין, זי טוט אַ קוק — די טאָכטער מיט׳ן קוואַרטיראַנט שטע-הען גרייט אָנגעטאָן — זיי פאָהרען אויך.

— משוגע מיינע שונאים? צי חסר-דעה? צי, חלילה, געריהרט?—

צולאַכט זיך שרה און קוקט און קלויבט תּענוג פון׳ם פּאָרל און ווינשט זיך אַזאַ יאָהר: „הלואי זאָל דאָס פּאָרל טאַקי אין גיכען זיין אַ פּאָרל, אין אַ גליקליכער שעה אַ מזל׳דיגער״...

— וואָס? איהר פּאָהרט טאַקי מיט אין פּאַדראַד העלפען באַקען מצות? אַבי איך האָב געמיינט, אַז איהר מאַכט אַ שפּאַס!... נו, גוט. פּאָהרט, פּאָהרט. נאָר זעהט, איהר זאָלט קיין חרטה ניט האָבען. דאָרט איז ניט קיין אָרט אויף צו קוקען. דאָרט דאַרף מען אַרביי-טען! — זאָגט שרה און סע שטיקט זי אויף צו לאַכען נאָר פון דעם איין געדאַנק אַליין, אַז איהר קוואַרטיראַנט, אַ סטודענט, און אַ מע-דאַליסט, און אַ מיליאָנער דערצו, וועט ער — חאַ-חאַ-חאַ! נו, ווי אַזוי האַלט מען אויס פאַר געלעכטער?

און אַלע דריי האָבען זיך אויפגעזעצט אויף איין פוהר און מע פּאָהרט אין פּאַדראַד אַריין באַקען מצות.

אַ פריהמאָרגען האָט זיך אויסגעגעבען אַ זעלטענער, אַ לויטערער, אַ קלאָרער, מיט אַ בלויען הימעל, מיט אַ וואַרימער זון, מיט אַ וויג-טעלע אַ וואַרימס, איין ערב-פּסח׳דיגס, וואָס רוימט איין אַ סוד אויפ׳ן אויער, אַז ס׳איז צייט אַראָפּצוּוואַרפען פון זיך, איינאיינעם מיט דער מרה-שחורה, די וואַרימע ווינטעריגע בגדים און אָנטון זיך אַ ביסעל לייכטער, זומערדיגער, וואָרום עס געהט צו פּסח, צום ליעבען גו-טען פּסח.

אָ! דער פּסח! דער פּסח! ווער נאָך האָט דיך אַזוי ליעב, ווי די אָרימע יודישע גאַס, ווי די אָרימע יודישע קינדער נעבאַך? אַזוי ווי די ווערים האָבען זיי אַרויסגעפּויזשעט פון די פינסטערע, קאַלטע, נאַסע לעכער אין דרויסען אַרויס, אויף דער לופט, אויף דער זון. קוים-קוים זיך דערלעבט נאָך אַזאַ לאַנגען קאַלטען ווינטער. אָט איז ער, דער ליעבער אינדרויסען. אָט איז ער, גאָטס הימעל. אָט איז זי, די שענע, די ליכטיגע, די וואַרימע זון. אַהער, קינדער, אַהער! האָט קיין מורא ניט, וואָס ריטשקעלעך לויפען פון אויבען באַרג-אַראָפּ. פערקאַטשעט די הויזלעך, אָט אַזוי, און קומט אַלע, לאָמיר געהן זע-העו, וואָס טוט זיך דאָרט, אויף דער אַנדערער זייט גאַס. זעהט נאָר, וויפיעל מענטשען! אַי-אַי! יודען, און ווייבער, און יונגלעך, און מיידלעך. ווי שטערען אין הימעל! ווי זאַמד! ווער סע געהט, און ווער סע פּאָהרט. און זעקלעך מעהל ליגען אויף די וואָגענס. און בעל-

הבית׳טעס געהען נאָך. דאָס פאָהרט מען אין „פּאָדראַד״ באַקען מצות. איהר הערט, צי ניין? — מצות! מצות!...

און די אָרימע, נאָר גליקליכע קינדער פון דער אָרימער יודישער גאַס פערקאַטשען די הויזלעך ביז אַרויף אַריבער די ליטקעס און מיט רויטע באָרוועסע פיסלעך לאָזט מען זיך לויפען העט באַרג-אַראָפּ, אַי-בער דער יודישער גאַס. און מע בעגעגענט יעדען דורכגעהער און יעדען דורכפאָהרער מיט אַ שמחה, אַ פרייד, און יעדען וואָגען — מיט אַ הוררא! און מע לויפט גלייך מיט די פערדלעך, אויב ניט פריהער נאָך, און מע שפּרינגט, און מע טאַנצט, און ס׳איז גוט, און ס׳איז וואַרים, און ס׳איז אַ מחיה, ס׳איז ערב-פסח! ערב-פסח! ערב-פסח!

אונזערע שפּיראָס מיט׳ן קוואַרטיראַנט האָבען חברה קליינוואַרג בעגעגענט מיט גרויס פּאַראַד און בעגלייט מיט אַ שענעם הוררא ווייט באַרג-אַראָפּ, כמעט ביז׳ן פּאָדראַד אַריין.

דאָס ערשטע מאָל זעהט אונזער העלד פאַר זיך אַזוי פיעל יו-דישע קינדער, אָרימע, האַלב-נאַקעטע, גאַנץ-באָרוועסע, מיט אויסגע-בלייכטע פּנים׳לעך, מיט אויסגעהונגערטע אויגלעך, נאָר פריילינע, לעבעדיגע, גליקליכע. און ער פערשטעהט ניט זייער פריילינקייט מיט זייער לעבעדיגקייט מיט זייער גליקליכקייט פון וואַנען עס נעמט זיך? דאָס צו פערשטעהן מיט׳ן שכל קאָן מען ניט. דאָס בעדאַרף מען פיהלען. און בכדי דאָס צו פיהלען, בעדאַרף מען אַליין זיין אַ יודיש קינד פון דער יודישער גאַס און אינאיינעם מיט אַלע יודישע קינדער דאָ געבוירען ווערען, אויפגעצויגען ווערען און אויסוואַקסען גלייך מיט זיי אין אָרימקייט און אין עלענד, אין דחקות און אין נויט...

— דאַנקען און לויבען, אָט זענען מיר שוין אין פּאָדראַד! — זאָגט שרה און קריכט אַראָפּ פון וואָגען, און נאָך איהר — דער קוואַר-טיראַנט מיט איהר טאָכטער.

אַ ברייטער הויף. אַ גרויסער מויער פון רויטע ציגעל, אַ הויכער קוימען — אַיין אַייזען-פאַבריק — און גאַנץ אונטען, אין קעלער-שטוב, אַ היבש ביסעל טרעפּ אַראָפּ, אַ גרויס צימער מיט גאַז-רעהרען בעלייכט. אַ מורא׳דיג טיעפער אויוועו, וואָס ברענט ווי אַ גיהנם. ביי די ווענט אַרום און אַרום לאַנגע טישען, בייע, ווייסע, אויסגעהעבליוועטע. יו-דען מיט געלע טלית-קטנ׳ס, ווייבער מיט ווייסע פאַרטיכער, ווייבלעך און מיידלעך מיט חיטרע לאַכענדיגע אויגען. אַ היץ, ווי אין באָד, אַ גערעדעריי, ווי צווישען די גענז, אַ רעש און אַ טומעל און אַ האַר-

מידער׳, ווי אויף אַ יאַריד — אָט דאָס איז דער „פּאָדראַד״. אָט דאָ באַקט מען מצות.

— גוט, וואָס איהר זענט געקומען, מאַדאַם. אַניט וואָלטען מיר זיך געשטעלט באַקען איין אַנדערענס מצות.

אַזוי בעגעגענט שרה׳ן פּסח-הערש דער בעקער, אַ יוד מיט אַ פּאַרעווע פּנים, בלויזע אויגען, די קיילעכיגע מאָרדע אַ ביסעל צו ווייט אַרויס און שיטער בעוואַקסען, די אונטערשטע ליפּ עטוואָס אין אַ זייט, אַזוי אַז מע ווייס ניט, צי דער יוד לאַכט, צי ער וויינט.

— עס וואָלט אייך מעהר ניט אָפּגעגאַנגען פון מיין מאַן! — ענט-פערט איהם שרה שפּירא. — איהר האָט פערגעסען, אַז מיין מאַן איז אַ שפּירא, פון די אמת׳ע, פון די סלאַוויטער שפּיראָס...

— איך ווייס גאַנץ גוט, איך האָב ניט פערגעסען, איך האָב אַ גוטען זכרון! — ענטפערט איהר פּסח-הערש דער בעקער, און טוט אַ הוק צום עולם אויף אַ מאָדנע שפּראַך, פּאָדראַד-לשון, און דוקא נאָך צום גראַם אויך:

— עה, ווייבעלעך, מיידעלעך! שטעקט אונטער די קליידעלעך! ניין מאָס רייד — לאָזט איבער אויף חול-המועד! אַ מיירע אין טייגעל, אַ מיירע אין בעקען! אַ מצה אין אויוועו, אַ מצה אויפ׳ן שטעקען! רב זלמן-בער, טוט זיך אַ קעהר! פרומע-ביילע, זייט אַ וואוילע! ברוך-זיי-דעל, דרעה זיך ווי אַ דריידעל!...

און אַזוי ווייטער.

— אין אַ גוטער שעה, אַ מזל׳דיגער! — זאָגט שרה און פערקאַ-טשעט די אַרבעל.

## דאָס פיעראונדרייסיגסטע קאַפּיטעל.

### „שאָלחאַ-נאַראַך”.

### (”ШОЛХА-НАРОХЪ„)

אונזער ראַבינאָוויטש-פּאָפּאָוו, וואָס איז געקומען זעהען, „ווי יו־דען באַקען מצות”, האָט זיך אונטערגעגאַרטעלט גאָר אויף איין אַנדער אופן און גענומען קוקען מיט אויגען... ער האָט זיך דאָס וואָרט גע־געבען, פערשטעהט איהר מיך, איינמאָל פאַר אַלעמאָל, ער מוז דער־געהן דעם גאַנצען אמת! די מצה, האָט איהם, הייסט עס, בע־דאַרפט עפענען די אויגען, צוטרייבען אַלע וואָלקענס און איינמאָל פאַר אַלעמאָל מאַכען אַ סוף צו יענעם קאָשמאַר, צו יענעם הינהער־פּלעט, אין וועלכער ער האָט זיך געפונען, זינט עס האָט זיך געטראָ־פען צוט דאָ די מיאוסע מעשה מיט דעם גע׳הרג׳עטען קירילי׳כעס זוהנ־דעל וואָלאָדקע.

אָט דער וואָלאָדקע איז געפונען געוואָרען אין אַזאַ שרעקליכען אופן, אַז מע האָט געמוזט צוגעבען, אַז דאָ איז פאָרגעקומען עפּעס אַזעלכעס, וואָס טרעפט איין מאָל אין הונדערט יאָהר... דערצו האָט ער זיך אָנגעלייענט אויף די געוויסע בלעטער וועגען די אומגעלומ־פּערטע אכזריות, וואָס יודען טוען מיט קריסטליכע קינדער, אַז עס קומט אַקוראַט אין דער צייט, פאַר פסח, צוליעב זייער מצה...

„דאָס איז דאָך קלאָר ווי דער טאָג, אַז יודען האָבען געטויט נעבאַך דעם אומגליקליכען וואָלאָדקע!” — אַזוי האָבען די געוויסע בלע־טער ניט אויפגעהערט צו איבער׳חזר׳ן נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל דאָס אייגענע ליעדעל. — און ניט נאָר גלייך גענומען און געטויט, נאָר פריהער גוט אָנגעמוטשעט, אויסגעצאַפּט לעבעדיגערהייד פון איהם, און שטעהענדיג, דאָס גאַנצע בלוט פון די אָדערן דורך נייען און

פּערציג וואונדען, און ערשט נאָכדעם מיט אַ נאָל דורכגעלעכערט זאָג האָרץ..."

אַנדערע, מעהר געניטע מזיקים, האָבען אַרויסבעוויזען, אַז זיי זענען בקי אין תּלמוד און אין פּוסקים, ווי אַ גוי אין אשרי. „על-פּי-דין — האָבען זיי זיך גאַנץ ברייטליך צושריבען — על-פּי-דין און על-פּי „שאָלחאַ-נאַראַך" (דאָס האָט בעדאַרפט הייסען אַזוי גוט ווי „שולחן-ערוך") מוזען יודען האָבען קריסטליך בלוט אין זייער מצה אויף פּסח האָטש עטליכע טראָפּען. עס איז געווען דעריבער פאַר אַלע יודען פון דער גאַנצער וועלט איין געזונד קריסטליך קינד, וואָס פערמאָגט אַ סך בלוט אין זיינע אָדערן. עס געהט ניט אַוועק דעריבער איין פּסח, וואָס מע זאָל ניט הערען, טאָ דאָ טאָ דאָרט איז פערשוואונדען געוואָרען אַ קריסטליך קינד. דער „שאָלחאַ-נאַראַך" שרייבט בפירוש, אַז צו דעם צוועק איז גוט, מע זאָל בענוצען דוקא קינדער, נישט יונגער פון פינף און נישט עלטער פון פופצעהן יאָהר".

אַזוי זאָגען די געניטע אויטאָריטעטען און לאָזען אויס מיט אַ בעשרייבונג פון דער פייערליכער צערעמאָניע, וואָס קומט פאָר ביי יודען, בעת מען דערטאַפּט דעם קרבן; ווי אַזוי די רבנים, דיינים, שוחטים און חזנים זאָגען בעת-מעשה געוויסע פּסוקים און מזמורים, און אַלע יודען פרייען זיך, זינגען און טאַנצען — חדושים ונפלאות, עפּעס טאַקע נאָר אַזוי ווי אין אַפריקאַ ביי די ווילדע קאַפרען, אָדער אין זיד-אַמעריקאַ ביי די ווילדע פּאַפּואַסען.

אָט די אַלע זאַכען האָט זיך אונזער ראַבינאָוויטש די לעצטע פאָר וואָכען, פון פּורים ביז פּסח, אָנגעלייענט ווי אַ פויק, און, פערשטעהט זיך, אַז ער האָט ניט געגלויבט. צו גראָב, צו לעפּיש, צו אומגעלומפּערט-ווילד האָבען איהם אויסגעוויזען די דאָזיגע בעשרייבענישען פון'ם „שאָלחאַ-נאַראַך", שטאַרק פּאַחאָזשע אויף בבא-מעשיות, פּזמונות פון טויזענד איין נאַכט, אַפּנים, מיט דעם איינציגען צוועק נאָר צו זייען שנאה צווישען אַ פאָלק און אַ פאָלק... עס האָט איהם באמת געקרענקט די דאָזיגע זאַך און ער האָט זיך פּשוט געשעמט פאַר זיינע ברידער-קריסטען, די בעסטיעס, וואָס טראַכטען אויס אַזעלכע בעסטיאַלע פאַנטאַזיעס, און פאַר דער פינסטערער מאַסע, די גרויסע בהמה, וואָס גלויבט אין אַזעלכע אידיאָטישע נאַרישקייטען. און דאָך האָט אַ וואָרים גענאָגט איהם, געפּיקט און געפּיקט, ער זאָל געהן, ער זאָל זעהען, אַליין מיט זיינע אייגענע אויגען, ער זאָל זיך אי-

בערציִיגען!... און וויבאַלד עס האָט זיך שוין אַזוי געמאַכט, אַז ער איז שוין דאָ, אין פּאָדראַד, ביי דער יודישער מצה, פאַרוואָס זאָל ער דורכלאָזען אַזאַ טייערען צופאַל? וואָס וועט דאָס איהם אַרען, אַז ער וועט זיך צוקוקען? צוהערען?... און קוים איז ער שוין דאָ, אויפ׳ן רעכטען אָרט, וואו די מצה ווערט פאַבריצירט, וועט ער שוין, זייט זיכער, זעהען אַלסדינג!... זיין אויג וועט שוין ניט דורכלאָזען קיין ברעקעל, קיין קלייניגקייט!...

אַזוי האָט זיך געזאָגט גריגאָרי איוואַנאָוויטש פּאָפּאָוו— און אָט וואָס ער האָט זיך אָנגעזעהען און אָנגעהערט ביי דער יודישער מצה:

לעבעדיג און פריילין האָט זיך דער עולם געגעבען אַ נעם צו דער אַרבייט. אין איין אויגענבליק איז אויפגעבונדען געוואָרען דאָס זעקעל מעהל. פון אַ גרויסער, נייער, הילצערנער קוואָרט ווערט אָנגעגאָסען וואַסער אין אַ גרויסען קופּערנעם בעקען אַריין, און צוויי פּערקאַטשעטע, ריינע, ווייסע, ווייבערשע הענד ביז די עלענבויגענס פּערקנעטען אַ ווייך ווייס טייג. דאָס ווייכע ווייסע טייג ווערט אויפ׳ן ריינעם ווייסען אויסגעהעבליוועטען טיש צוטיילט אויף אַ סך קליינע טייגלעך צווישען די יונגע ווייבלעך און מיידלעך מיט די חיטרע לאַכענדיגע אויגלעך. מיט ריינע ווייסע נייע קאַטשעלקעלעך ווערען די טייגלעך אויסגעוועלגערט קיילעכיג און דין, דין ווי אַ פּאַפּיראָס-פּאַפּיר, און אָקאָרשט ווי מע זעהט ניט פליהט אונטער אַ חוואַט אַ בחור, דער קאָפּ אַ ביסעל אויף אַ זייט, אַ מעשען רעדעלע האָט ער אין דער האַנד, אַ פיהר מיט׳ן רעדעלע פון אויבען אַראָפּ, אין דער לענג און אין דער ברייט, — פאַרטיג איין אָפּגערעדעלטע מצה!

דאָס איז ברוך-זיידעל — זייט בעקאַנט - ברוך-זיידעל פליאַם רופט מען איהם. ער איז אַ סאָלדאַט, אין דער פּיעכאָטע דיענט ער. צוויי מיט אַ האַלב יאָהר דאַרף ער נאָך דיענען, דערנאָך וועט ער, אם-ירצה-שם, חתונה האָבען מיט זיין כלה, בליומע קאַרשוק—איהר מעגט זיך מיט איהר אויך בעקענען — זי איז דאָ, אינ׳ם דאָזיגען פּאָדראַד טאַקי, אַ געזונטע מויד, אַ שוואַרץ-חנ׳עוודיגע, מיט גרויסע פולע ברוסטען, ווי ביי איין אַם... פון ברוך-זיידעלס הענד פליהט אַרויף די אויסגערעדעלטע מצה צו זלמן-בער דעם שיבער אויף אַ לאַנגען ווייסען שטעקען, און פון דאָרטען — צו פסח-הערשען אַליין בכבודו ובעצמו גלייך אין אויוועז אַריין, וואָס ברענט ווי אַ גיהנם. אַ מינוט — און עס הערט

זיך שוין אַריח, אַ געשמאַקער, מחיה׳דיגער ריח פון גוט אויסגעבאַקע־נער, צוגעברענטער, טרוקענער מצה, וואָס, וועדליג ראַבינאָוויטש שטעלט זיך פאָר, דאַרף זי טרישטשען אין מויל, קנאַקען אויף די ציינער און צוגעהן זיך אָט אַ שטייגער אַזוי ווי דער מן, וואָס די יו־דען האָבען אַמאָל געגעסען אין דער מדבר...

אָט דאָס איז גאָר? וואו-זשע איז די צערעמאָניע? וואו זענען די רבנים, מיט די דיינים, מיט די שוחטים, מיט די חזנים? וואו זענען די נגונים, מיט די טענץ, מיט דעם גאַנצען איבעריגען שאַלחאַ־נאַראַך?... און ער שעמט זיך פאַר זיך אַליין, וואָס, חאָטש ער האָט געוואוסט פריהער, אַז ס'איז אַיין אויסגעטראַכטע זאַך, דאָך איז ער געקומען אַהערצו עפּעס זעהען, אויסקוקען, אויספאָרשען, געוואוירע ווערען, זיך איבערצייגען.

— וואָס שטעהט איהר, איך בעט אייך, און קוקט, ווי אַ מחותן אויף אַ פרעמ׳ער חתונה? — מאַכט צו איהם שרה שפּיראָ, וואָס העלפט וועלגערן די מצות. — איהר פערקאַטשעט בעסער, זייט מוחל, די אַר־בעל און טוט עפּיס, שטעהט ניט ליידיג. מיר האָבען דאָך עפּיס גע־שמועסט, צי ניין?

— וואָס-זשע זאָל איך טון? אדרבה, זאָגט...

— וואָס איהר זאָלט טון? העלפט שיטען מעהל, און בעטי וועט גיסען וואַסער, חאַ-חאַ-חאַ! — ווערט שרה שיער ניט צוגאָסען פאַר גע־לעכטער, ניט אַזוי פון דעם, וואָס איהר טאָכטער, אַ באַרישניע פון זי־בעטער קלאַס גימנאַזיע, וועט זיך אַוועקשטעלען מיט אַלע ווייבער גלייך צו די מצות, ווי פון דעם געדאַנק, וואָס איהר קוואַרטיראַנט, אַ סטודענט אַ מעדאַליסט און אַ מיליאָנער, וועט — חאַ-חאַ-חאַ!

שרה שפּיראָ איז איבערהויפּט היינטיגען טאָג מעהר פרייליך, ווי אַלע מאָל. און ניט נאָר זי אַליין — אַלע זענען דאָ עפּיס מאָדנע פרייליך, פייערליך, יום-טוב׳דיג פרייליך.

די דאָזיגע פרייליכע שטימונג ווערט ניט ווילענדיג סוף-כל-סוף איבערגעגעבען אויך צו שפּיראָס קוואַרטיראַנט, און ער נעמט זיך פער־קאַטשען די אַרבעל אַרויף.

— ניט אַזוי, אָט אַזוי! — זאָגט צו איהם בעטי, וואָס איז אויך מעהר אויפגעלעגט היינט ווי אַלע מאָל, און זי קאַטשעט איהם אַרויף ביידע אַרבעל, און ער פיהלט זיך אוי־ן זיבעטען הימעל. יעדער ריהר פון איהרע צאַרטע פינגער איבער זיינע נאַקעטע הענד לויפט

דורך ווי אַיין עלעקטרישער שטראָם און טוט איהם אַ בריה און אַ וואַ-רים אָן דאָס האַרץ. און ער דערהערט דעם ריח פון איהרע האָר, און ער דערפיהלט די וואַרימקייט פון איהר לייב, וואָס איז איצט אַזוי נאָהענט נעבען איהם... און עס דרעהט זיך איהם דער קאָפּ, און עס טראַכט זיך איהם: „ביז וואַנען? ביז וואַנען איז דער שפּאַס? ביז וואַנען שפּיעלען קאָמעדיעס? אָט טו איך מיך אַ וואָרף איהר צו די פיס..." נאָר ער בעגעגענט זיך מיט איהרע אויגען, מיט איהרע שע-נע, קלוגע, קאַרע אויגען, וואָס קוקען אויף איהם אי פריינדליך, אי שטרענג, און זאָגען צו איהם: „ניט איצט, ניט אָט דאָ..."

און ער דערזעהט נאָך אַ סך אויגען קוקען אויף איהם. אויף איהם און אויף איהר... די שענע מיידלעך מיט די ציקאַווע ווייבלעך ווארפען חיטרע אויגען אויפ'ן פּאָרל, שטויסען זיך, אַז דאָס מוז זיין חתן-כלה...

עלטערע ווייבער — די שעפּטשען שטילערהייד שרה'ן אין אויער אַריין: „אַ זווג? לאָז גאָט געבען מיט גליק"...

שרה זאָגט ניט יאָ, ניט ניין. זי ענטפערט זיי נאָר מיט אַ שמייכעלע און מיט אַ גרינגען זיפץ טראַכט זי ביי זיך אין האַרצען: „הלואי, רבונו-של-עולם! פון אייער מויל אין גאָטס אויערן"... און איידער זי קוקט זיך אַרום, איז זי שוין פאַרטיג מיט איהרע מצות.

אין דרויסען וואַרט אויף איהר דער וואָגען. דאָרט האָבען זיך דערווייל פּערקליבען די אָרימע נאָר גליקליכע יודישע קינדער פון דער יודישער גאַס, אַ גאַנצע חאַליאַסטרע, און זיי פאָהרען. דאָס הייסט, עס מאָלט זיך זיי אויס, אַז זיי פאָהרען. דער זיצט אויבענאָן, האַלט די הענד אַראָפּ, דאָס קעפּעל אַרויף, ווי אַ פריץ. דער זיצט אַקעגען, די הענטלעך פאַדבאָקעם, און העצקעט זיך. דער האַלט די ווישקעס און דער טרייבט אָן, שמייסט כלומרשט דאָס פערד: ניאָ! ניאָ! און פייפט מיט די ליפּען. אַ גליק, וואָס דאָס פערד שטעהט צוגעבונדען צום פּלויט, מיט אַ טאָרבע האָבער אויף דער מאָרדע, עסט אָנבייסען. אַניט וואָלט געקאָנט זיין אַ קאַטאַסטראָפע, וואָרום דער איזוואָזטשיק, וואָס איז אויך אַ יוד (שרה שפּיראָ וועט נישט נעמען ערב-פּסח אַ גויעשען איזוואָזטשיק, ובפרט נאָך צו די מצות!), האָט זין' דערווייל אַריינ-געהאַפּט אין פּאָדראַד אַריין און, שטעהענדיג מיט'ן בייטשעל אויף דער טיר, דאָס היטעל אַרויף, צוגעקוקט, ווי מע באַקט מצות, און מקנא געווען מיט סכנות-נפשות, אַלעמען מקנא געווען: די בעלי-בתים,

דעם פּאָדראַטשיק און די העלפערס. „אַט אַ ליעבע פּרנסה, — האָט ער זיך געטראַכט — אַ וואַרימע און פרייליכע פּרנסה”...

— רב עזריאל, שוין צייט! — האָט איהם שרה שפּירא אַ וואונק געגעבען, און רב עזריאל (האָטש ער געהט אָנגעטאָן אָט דאָ, אין דער גויעשער שטאָדט, אין דער גאַנצער פּאָרמע, ווי אַיין אמת'ער איזוואָזטשיק, הייסט ער דאָך „רב עזריאל”) טוט זיך אַ וואָרף צו דער דראָשקע און דערזעהט די חאַליאַסטרע, צושרייט ער זיך פריהער בלשון פּאָניע, אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטען, נאָר ער האַלט ניט אויס די ראָל פון איזוואָזשיק ביז'ן סוף און לאָזט אויס אויף יודיש:

— ממזרים! אַ רוח אין אייער טאַטענס טאַטען אַריין געפלויגען געוואָרען! אָט געב איך אַייך מיט דער בייטש! אָט לערן איך מיט אַייך קמץ אלף!...

יאָ-נו. אָט באַלד וועלען זיי וואַרטען, ביז עזריאל וועט זיך אויסקראַצען לערנען מיט זיי „קמץ אלף”. נאָך איידער ער טוט זיך אַ ריהר, זענען זיי שוין אַלע וואו? אַזוי ווי די איבערגעשראָקענע וואָראָבייטשיקלעך, פּררררר — ניטאָ קיין סימן פון קיין יודישע קינדער...

* *

*

ווי אַ מזיק, טאַקי נאָר ווי אַ פּאָקוסניק, האַפּט פּסח-הערש דער בעקער די אָפּגעבאַקענע מצות און טראָגט זיי איבער צעהנדליגערווייז אויפ'ן וואָגען אַזוי קונציג, אַז עס ווערט ביי איהם ניט צובראָכען קיין איינציגע אפילו.

אין דער צייט, וואָס מע פּעקעלט איבער די מצה אויפ'ן וואָגען, צוצאָהלט זיך שרה מיט'ן בעקער און מיט די העלפערס און מיט די העלפערינס, וואָס ווינשען איהר אַ כשר'ען פּסח און פיעל נחת און טאַקי גאָר אין גיכען אַ קנס-מאָל... וואַרפען בעת-מעשה מיט אויגען אויף איהר טאָכטער און אויפ'ן שענעם בחור, וואָס שטעהט נעבען איהר, ביידע אָנגעטאָן אויף אַוועקצוגעהן.

— איהר פאָהרט אַייך, קינדער, אַהיים. איך וועל שוין אַליין קומען מיט דער מצה.

אַזוי זאָגט זיי שרה און רעדט אַרויס דאָס וואָרט „קינדער” אַזוי ווייך, אַזוי צאַרט, מיט אַזוי פיעל מוטערליכע ליעבשאַפט און געטריישאַפט, אַז ביידע, סיי די טאָכטער, סיי דער קוואַרטיראַנט, דערפיהלען.

לען אַ בעזונדערע וואַרימקייט אין האַרצען, און זייערעביידענס אוי-
גען בעגעגענען זיך, אוןביידע ווערען זיי רויט אויף אַ ווילע...

— מיר וועלען בעסער פאָהרען אַלע אינאיינעם מיט דער מאַמען
און מיט דער מצה, — מאַכט ראַבינאָוויטש צו בעטין, און בעטי צו-
לאַכט זיך:

— מאַמע, דו הערסט, וואָס ער זאָגט?

— איך הער. ער ווייסט ניט, אַז מיט דער מצה דאַרף מען
געהן צופוס...

— צופוס איז צופוס, — זאָגט ער און לאָזט ניט אַראָפּ קיין אויג
פון דער מצה, ווי מע טראָגט זי און ווי מע פּאַקט זי און ווי מע
דעקט זי איבער מיט אַ לאַנטוך, און ער הערט נישט אויף נאָכצוקוקען,
ביז מע ברענגט זי אַהיים און מע נעמט זי אַראָפּ און מע לעגט זי
אויס בעזונדער אין איין אויסגערייניגטער פסח'יגער שאַפע, מיט ווייסע
פּאַפּיר אויסגעבעט.

אויסגעלעגט די מצה שורות'ווייז אַ פולע שאַפע, פון אונטען ביז
אַרויף, נעמט זיך שרה צו די שליסעלעך און דערזעהט, ווי דער קוואַר-
טיראַנט קוקט איהר נאָך, לאָזט ניט אַראָפּ קיין אויג. צולאַכט זי זיך:

— וואָס קוקט איהר אויף דער מצה, ווי אַ קאַץ אויף פּוטער?
איהר ווילט אפשר פערזוכען? זאָגט דעם אמת!...

אָ! ער וואָלט איהר געזאָגט דעם גאַנצען, גאַנצען אמת, ווען
ער זאָל זיך ניט שעמען פאַר זיך אַליין... אַ בזיון, אַ שאַנדע, אַ שאַנ-
דע! ווי האָט ער, אַ קולטור-מענש פונ'ם צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט,
געקאָנט זיך לאָזען אַזוי ווייט פערפיהרען, גלויבען חאָטש איין מינוט,
איין רגע אין אַזעלכע ווילדע נאַרישקייטען?... וויבאַלד אַז ער האָט
זיך געקאָנט לאָזען איינרעדען חאָטש אויף איין רגע וועגען איין אויס-
געטראַכטען „שאַלחאַ-נאַראַך", היינט וואָס איז דער חילוק פון איהם
ביז יענע פינסטערע פאַנאַטיקער, וואָס האָבען מיט אַ סך הונדערט
יאָהר צוריק געגלויבט, אַז קריסטען בענוצען מענשליך בלוט, פער'סמ'ען
די ברונענס און נאָך אַזעלכע מיאוסקייטען?!... און בכדי ס'זאָל ניט
זיין קשה, וואָס ער קוקט זיך אַזוי שטאַרק צו צו דער מצה, איז ער
זיך מודה פאַר זיין בעל-הבית'טע, אַז זי האָט געטראָפען: ער וואָלט
זיך ניט אָפּגעזאָגט פערזוכען אַ שטיקעל פון דער מצה...

— טאַקי באמת? — זאָגט צו איהם שרה מיט אַ פריילִיך געלעכ-

טערל. — איהר זענט ניט קליין וואַרטען אויף פסח. פסח צום סדר וועט מען אַייך געבען פערזוכען. וואָס זענט איהר — אַ גוי? איהר ווייסט ניט, אַז איצט טאָר מען נישט? אַז איצט גיט מען איבער די הענד?...

און לאַכענדיג און קלינגענדיג מיט די שליסעלעך, פערשליסט שרה שפּיראָ די מצה אויפ׳ן שלאָס.

## דאָס פינפאונדרייסיגסטע קאַפּיטעל.

### איין מענטש אַליין.

שרה שפּיראָ איז טאַקי ניט קיין רביצין און איז ניט גלייך צו איהר שוועגערין טויבע פאַמיליאַנט, וואָס אַז עס קומט ערב-פּסח, טוט זי אָן, זאָגט מען, דער קאַץ זעקלעך אויף די לאַפּקעס, זי זאָל ניט פּערטראָגען קיין חמץ אין פּסח אַריין. פונדעסטוועגען ווערט שרה אויך איין אַנדער מענש, אַז עס קומט דער ערב-פּסח. אַז קיין דיענסט, ברוך-השם, האַלט זי ניט, איז זי געבאַך אומעדום אַליין, פון די מצות ביז'ן פּסח'יגען באָרשט, איין מענטש אַליין: אַליין רייניגען, אַליין כשר'ן, שייערן, וואַשען, שמירען, טרייסלען, קלאַפּען, מיט איינעם וואָרט — דעם חמץ אַרויספיהרען, דעם פּסח אַ ר ײ נ פ י ה ר ע ן — נו, איז שוין אַ חדוש, אַז מע ווערט אויפגערעגט און בייז מיט סכנות-נפשות, נישט צוצוטרעטען, קיין וואָרט ניט זאָגען?

דעם טאָג פון ערב-פּסח איז שרה געקומען פון מאַרק מיט די פיש און מיט'ן פלייש, מיט'ן פּסח'יגען געפעס און מיט די „שאר-ירקות", אַ צוקאָכטע, אַ צוטראָגענע, אַ פערשוויצטע, אַ פערברענטע. די אויגען האָבען איהר אַזש אַרויסגעזעצט פון קאָפּ. אָפּגערוהט זיך אַ ווייל, מעהר ניט נאָר איבערגעהאַפּט דעם אָטעם, איז זי געבליבען שטעהן אין מיטען שטוב, בעטראַכט דאָס נאָך ניט צונויפגעלעגטע חמצ'יגע געפעס און דאָס נאָך ניט צעפּאַקעוועטע פּסח'יגע געפעס, מיט'ן איבערגעדעקטען דיישקעלע באָרשט, וואָס אין ווינקעלע, מיט די קרענצלעך ציבעלעס, וואָס אויף די ווענט, מיט די בורעקלעך, מיט די קאַרטאָפּליס, מיט'ן חריין, מיט דעם נייעם ריבאַייזען און מיט די „שאר-ירקות", און זי פערברעכט מיט די הענד און זאָגט צו זיך אַליין:

— וועה איז מיר! ווען וועל איך קומען צו גאָט? ווען וועל איך פאַרטיג ווערען מיט'ן דאָזיגען הקדש, אַז די האָר ברענען אויפ'ן קאָפּ?!...

קודם-כל האָט זי זיך גענומען משלח זיין איהר מאַן, דוד'ן, ער זאָל געהן, מחילה, אויף דער „סלוזשבע", נישט געלאָזט איהם אפילו מבער-חמץ זיין, ווי עס געהער צו זיין, אַזוי אַז ער האָט גע-מוזט אָפּחאַפּען דעם „כל חמירא וחמיעא" אין איין אָטעם, אַריינוואַר-פען דעם חמצ'יגען לעפעל מיט'ן פלעדערוויש אין אויוועו אַריין און אַנטלויפען פון דער היים, ווי פון אַ גיהנם, אָהן אָנבייסען.

— וואוהין פליהסט דו, קוריערסקי-פּאָיעזד? — האָט איהם שרה נאָכגעשריגען (עס האָט איהר וועה געטאָן דאָס האַרץ — פּאָרט אַ ווייב!) נעם בייס עפּיס איבער! טרינק חאָטש אויס אַ גלעזעל טיי, צי וואָס?

— מוחל! מוחל! — זאָגט איהר דוד און רוקט אָן דאָס היטעל שוין איהר אויף להכעיס, לאָז זי וויסען, ווי צו זיין אַ צלמ'-ניצע, אַז עס קומט ערב פּסח!...

— ווען קומסט דו אָפּעסען דעם חמצ'יגען אָנבייסען? — שרייט זי איהם שוין אויף די טרעפּ אַראָפּ.

— אין דער געוויינטליכער צייט! — ענטפערט ער איהר, וויל אפילו אַרויף צו איהר קיין קוק ניט טון.

— פערגעס ניט, אַז דו דאַרפסט נאָך זיין אין באָד, געהן נאָך ארבע כוסות, אָנרייבען חרוסת...

— מע ווייסט, מע ווייסט! — בורקעט ער איהר אונטער דער נאָז, טוט אַ קלאַפּ מיט דער טיר און ווערט פערשוואונדען.

נאָך מיט מעהר אימפעט האָט שרה אַרויסבעגלייט דאָס זוהנדעל אין גימנאַזיע אַריין. איהם האָט זי אויפגעחאַפּט נעבאַך אין בעסטען שלאָף.

— סיאָמקע! סיאָמעניו! סיאָמעטשקע! שטעה אויף, זיסער! שטעה אויף, טרייסט מיינער! שטעה אויף, קדיש מיינער טייערער! מיר זאָל זיין פּאַר דיינע ביינדעלעך! נו, שטעה שוין אויף! אַ שלאָף אויף איהם!

נאָר סיאָמקע הערט ניט. ער ליגט זיך גאַנץ גוט איינגעוויקעלט אין קישען ווי אַ קנויל. דאָס שוואַרצע קעפּעל פּערוואָרפען אַרויף, איין בעקעל איז פּערצוויקעלט, איין אויערל ברענט. אויפ'ן מויל

שוועבט אַ שמייכעלע. דער גוטער מלאך שעפּטשעט איהם, אַפּנים, גאָלדענע חלומות — פון וואָס? מסתּמא וועגען זיינע זאַכען: גימנאַזיע... דער לעהרער האָט איהם אַרויסגערופען ביים פולען נאָמען: „ש-אַ-פּ-י-ר-אָ ש-ל-י-אָ-מ-ק-אַ!" אין קלאַס איז אַ געלעכטער — אַ קלייניגקייט „שליאָמ-קאַ?" ער הערט זיי אָבער אַלע מיט'ן קאָטער. וואָס געהט איהם אָן זייער געלעכטער, אַז ער ווייס דעם אוראָק ווי אַ וואַסער?... און ער שטעהט אויף און קנאַקט-קנאַקט ווי אַ סאָלאָוויי:

„פּאָסליע סמעהטי אַלעקסאַנדראַ געווסקאָוואָ סנאָוואַ פּאָשלי מעזש-דו קניאַזיאַמי סמוטי, ספּאָחי אי האַספּחי זאַ וועליקאָיע קניאַזשעניע... שלאַ באָחבאַ זאַ פּחעסטאָל..."

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

„דאָוואָלנאָ!" — זאָגט איהם דער לעהרער. ער הערט ניט און קנאַקט ווייטער:

„גאָחאָד מאָסקוואַ ביל אָסנאָוואַן וו'דוויענאַדצאַטאָם וויעקע נאַ אָקחאַיניע סוזדאַלסקאָי זעמלי..."

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

„סאַדיטיעס!" זאָגט איהם דער לעהרער. ער הערט ניט און קנאַקט ווייטער:

„איוואַן קאַליטאַ ביל קניאַז אָטשען האַסטשאָטליווי, חיטחי, בע-חעזשליווי". . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

די חברים האָבען שוין לאַנג אויפגעהערט צו לאַכען. זיי הויבען זיך אַזש פון די ערטער און קוקען זיך איבער איינס מיט דאָס אַנ-דערע: „וואָט זשידאָווסקאָיע זובריליאָ!"... עס פערדריסט זיי, וואָס סיאָמקע האָט געהאַפּט אַ פינף. צוויי פינפען. דריי פינפען. אַ סך פינ-פען. אָהן אַ שיעור פינפען!... די מאַמע וויל אָבער דערפון ניט ווי-סען: ס'איז ערב-פסח. טאָרעט זי איהם און טרייסעלט איהם:

— נו זשע! וועסט אַמאָל אויפשטעהן, צי ניין? אַ טויטער שלאָף אויף מיינע שונאים!

סיאָמקע ציהט זיך אויס, ווי לאַנג ער איז, אונטער דער קאָל-דרע, פערוואַרפט די הענטלעך איבערן קאָפּ, עפענט פּאַוואָלינקע די אויגלעך, מאַכט אַ לאַנג פּנים, קוקט מיט שרעק אויף דער מוטער. עס האָט זיך איהם נאָר-וואָס געפּלאָנטעט אַ נייער חלום: אַז ער און וואָלאָדקע זענען אין דרויסען... שפּיעלען אין מיאַטש... האָט סיאָמקע

פערוואָרפען דעם מיאַטש אויפ׳ן דאַך, אומגערן... האָט וואָלאָדקע אַראָפּגעריסען דערפאַר ביי איהם דאָס היטעל אויף אַ געלעכטער... בעט זיך ביי איהם סיאָמקע: „וואָלאָדי! דאַי שאַפּקו, וואָלאָדי!"...

— וואָס בעלעבעטשעט ער! — זאָגט שרה און קוקט זיך אַרום. — וואָסער וואָלאָדי? וואָלאָדקע געהט איהם שוין גאָר צו חלום! לאָז ער זיין ווייט אָפּגעשיידט — טפו! טפו! טפו!...

סיאָמקע צולאַכט זיך פון זיך אַליין און פרעגט ביי דער מוטער:

— וואָס איז, מאַמע?...

— וואָס איז — פרעגט ער! האָסט פערגעסען? היינט עסט מען פריה דעם חמצ׳יגען וואַרעמעס, דאַרפסט נאָך געהן מיט׳ן טאַטען אין באָד, אָפּשערען זיך. ערב-פסח. נו, גיך! גיך!

סיאָמקעס בעקלעך בליהען און זיינע אויגלעך גלאַנצען.

— אַ? פסח? מצה? קניידלעך? יאַ זנאַיו פיער קשיות נאַ פּיאַט ס׳פּליוסאָם...

— נו, גוט-גוט. שפּעטער וועסט דו מיר דערצעהלען מעשיות אויף „רשעות". אַנדערש קאָן ער מיט מיר ניט רעדען, נאָר אויף „רשעות". איינגעזונקען זאָלען מיינע שונאים ווערען! נו, שטעה שוין אויף אַמאָל! טו זיך אָן! וועסט זיך אַמאָל אָנטון, צי ניין? צי איך וועל דאָ איבער דיר פסח האַלטען, צו אַלדי שוואַרצע יאָהר?

סיאָמקע, וואָס האָט זיך אויפגעכאַפּט אַזוי פריילין, אַז עס ווילט זיך איהם אַרומנעמען ניט גאָר די מאַמע זיינע, די גאַנצע וועלט וואָלט ער איצט אַרומגעחאַפּט קושען, פערשטעהט ניט, וואָס טוט זיך עס אייגענטליך מיט דער מאַמע? וואָס איז זי אַזוי בייז? וואָס שטופּט זי איהם אַזוי אין די הויזלעך אַריין? וואָס האָט זי אַזוי קיין צייט ניט? אָט נאָך איין מיגוט איז ער שוין פאַרטיג. נאָר ווי אויף צו להכעיס, האָט זיך איין שטיוועלע איינגעשפּאַרט און וויל ניט אַרויף אויפ׳ן פוס, חאַטש געב זיי אַ קרענקביידען — דעם שטיוועלע מיט׳ן פוס!

— וואָס איז היינט פאַר איין אָנשיקעניש אויף מיר? — זאָגט שרה וויינענדיג און דרעהט איהם דאָס פיסעל אויף אַלע זייטען. — צי דאָס שטיוועלע איז איינגעדאַרט געוואָרען? צי דאָס פיסעל איז דיר, חלילה, אָנגעשוואָלען? צי וועלכע שוואַרצע יאָהר?

אַז ס׳איז יאָ אַזוי, טאָ לאָז זי וויסען! — טראַכט זיך סיאָמקע און בייגט אויס דאָס פיסעל אַקוראַט אַזוי, אַז דאָס שטיוועלע זאָל אפילו זיין דריי מאָל אַזוי גרויס און די מאַמע זאָל עס שטופּען דריי

יאָהר דורכאַנאַנד, בייטאָג און ביינאַכט, וועט דאָס אויך ניט אַרויף אויפ'ן פּוס.

די דאָזיגע אַרבייט געדויערט אָבער נישט לאַנג. וואָרום די מו-טער טוט אַ קוק אויף איהם ערנסט, און ער אויף איהר אוין גאַנץ ערנסט, און זי לאָזט איהם אַראָפּ אַ פּליאַסק מיט דער רעכטער האַנד אין דער לינקער באַק — עס טוט אַזש אַ קלונג.

— אָט היינט וועסט דו שוין וויסען! — זאָגט איהם שרה און איהר האַרץ ווערט איהר באַלד, תּוך כּדי דבור, שיער ניט צוגאָסען פאַר רחמנות אויפ'ן קינד. איינס פון די צוויי: זי וואָלט אָדער זיך צורייסען אויף שטיקלעך, אָדער אַרומגעהאַפּט דאָס קינד קושען... טאָר מען אָבער ניט בעווייזען קיין וועג. אַ קינד איז אַ חזיר. אַ קינד דאַרף וויסען דרך-ארץ. והראיה? אָט האָט ער געוואָלט, איז דער שטיהעל אַרויף ווי אויף בוימעל. אַי ער וויינט? וועט ער אַזוי לאַנג וויינען, ביז ער וועט אויפהערען. ס'איז נאָר איין עבירה — צו אַ גרויסער פּאַטש. ס'זאָל איהם, חלילה, ניט אויפלויפען דאָס בעקעל — מיר זאָל זיין פאַר זיין קעפּעל!

— נו? וועסט זיך אַמאָל וואַשען? צי ניין? געב אַהער, וועל איך דיר העלפען וואַשען זיך. האַלט די הענד. אָט אַזוי. דאָס פּנים וואַש אַליין. און געב אַהער, וועל איך דיך אויסווישען.

און מיט ווייכע, צאַרטע, מוטערליכע הענד ווישט איהם שרה דאָס ליכטיגע פּנים מיט די שענע אויגלעך, וואָס זענען גיך אויסגע-טריקענט געוואָרען פון טרעהרען, און עס גלוסט זיך איהר אַ קוש טון איהם אין בעקעל, וואו עס שטעהען נאָך סימנים פון איהרע פינגער, נאָר זי טוט עס ניט: אַ קינד איז אַ חזיר. אַ קינד דאַרף וויסען דרך-ארץ... און זי שטעלט איהם אַוועק דאַווענען.

— וועסט נאָך צייט האָבען ניט דאַווענען... וועסט ניט פערשפּע-טיגען!... נו, דאַווען-דאַווען! נו, גיך-גיך!

גיך דאַרף מען איהם ניט בעטען. ער קאָן איהר צוליעב טון און אָפּדאַווענען אַזוי גיך, אַז איידער זי וועט איהם זאָגען דאַווענען, האָט ער שוין אָפּגעדאַוועגט. והראיה? אָט האָט זי זיך אָפּגעקעהרט אָן אַ זייט — אַהאַ! ער איז שוין פאַרטיג.

— שוין? אַזוי גיך? נו-נו! אַ דאַווען! נישט מעהר זאָל דער יודי-שער גלות געדויערן! — זאָגט שרה און האָט גאָר פערגעסען, אַז זי

אַליין האָט איהם נאָר-וואָס געשלאָגען האַלז און נאַקען: „גיך-גיך"...
זי גיט איהם דעם אָנבייסען אין קעשענע אַריין — געה!

אַרויסגע׳פטר׳ט דאָס זוהנדעל, דאַרף מען זיך נעמען צו דער טאָכטער. אַ באַרישני פון זיבעטען קלאַס... אין גיכען, אם-ירצה שם, אַ כלה — ווי אַזוי וועקט מען זי?... וואָלט זי חאָטש ניט זיין אַזאַ עזות-פּנים!... אָ! זי שטעהט שוין אויף אַליין...

— בעטי! בעטי?...

— וואָס איז שוין דאָרטען? — דערהערט זיך אַ זילבערן קול׳כעל פון צווייטען חדר׳ל.

— וואָס פאַר אַ לשון? וואָס פאַר אַ שפּראַך? אָט אַזוי רעדט מען מיט אַ מאַמע?

— ווי אַזוי דען רעדט מען מיט אַ מאַמע?

— בעטי! איך האָב קיין צייט ניט מיט דיר לאַנג צו שמועסען. דער טאָג שטעהט ניט. ס׳איז ערב-פּסח!

— איז וואָס-זשע ווילסט דו?

— וואָס-זשע ווילסט דו? — עפּיס רעדסט דו מיט מיר ווי מיט ווייס איך וועמען!...

— ווי אַזוי דען האָסט דו געוואָלט, זאָל איך מיט דיר רעדען?

ביז אַהער איז געגאַנגען דער געשפּרעך צווישען דער מוטער מיט דער טאָכטער פערשטעלט, הינטער די אויגען. נאָר אָט בעווייזט זיך די דאָזיגע בעטי אויף דער טיר פון איהר צימערל, אַ ליכטיגע, אַ שיינענדיגע, אַ האַלב-נאַקעטע, די האָר צוואָרפען, אויף די ווייס-מאַר-מאָרנע פראַכטפולע פלייצעס אַ ריין האַנדטיכעל איבערגעוואָרפען, די ברוסט שעמעוודיג פערשטעלט מיטביידע הענד... און ווי נאָר דאָס מיידעל האָט זיך בעוויזען, אַזוי איז ליכטיג געוואָרען דאָס גאַנצע שטיבעל, מיט׳ן גאַנצען הקדש. ליכטיג און וואַרים אין אַלע ווינקעלעך. עס האָט זיך אויסגעוויזען, אַז אינאיינעם מיט איהר האָבען פון ערגיץ אַראָפּגענידערט און אַריינגעטראָטען אַהערצו מלאכים אַ גאַנצע כּתּה, און זיי זינגען שירה צו דער דאָזיגער געטין פון שעהנהייט אויף דער יודישער גאַס. און פון׳ם קליינעם שטיבעל מיט׳ן גרויסען הקדש איז געוואָרען אַ גן-עדן-ווינקעל... אַזוי ווייט, אַז אפילו איהר אייגענע מו-טער האָט זיך פערקוקט אויף איהר. „אַזאַ יאָהר אויף מיר! אַזאַ שטיק גאָלד!..." טראַכט זיך שרה, קוקענדיג אויף דער טאָכטער, וואָס פער-שיינט איהר שטוב. נאָר וויל ס׳איז דאָך ערב-פּסח און עס שטעהט

פּאָר, קיין עין-הרע, אַזוי פיל אַרבייט, קאָן זי שוין ניט זעהען, ווי די טאָכטער שטעהט אַ נאַקעטע און ניט קיין פערקעמטע און דערצו נאָך קוקט זי אויף איהר גלייך און שמייכעלט, ווי אַ גוטער עזות-פּנים.

— איך וואָלט וועלען וויסען, בעטי, דאָס שמייכלען, וואָס דו שמייכעלסט?

— חאַ-חאַ! וואָס-זשע האָסט דו געוואָלט? איך זאָל וויינען?

— חלילה! ווער זאָגט דען? אדרבה, לאַכען דאַרף מען, אַז די מאַמע שלאָגט זיך קאָפּ אָן וואַנד, איין מענש אַליין אויף, קיין עין-הרע, אַזאַ שטוב!

— ווער הייסט דיר? אָט טו איך מיך אָן, וועל איך דיר העלפען.

— מע בעט דיך ניט! איך דאַרף ניט, זאָלסט מיר העלפען! דו טו זיך בעסער אָן, בעטי, און מאַך מיר פריי דאָס צימער, ס'איז נאָך דאָ גענוג אַרבייט אָהן דיר!

— טרייבסט דו מיך, הייסט עס, מאַמע, צוליעב ערב-פּסח אַרויס פון דער היים? ווילסט פון מיר פּטור ווערען?

— פערשטעהט זיך. איך האָב דאָך אַ סך טעכטער!

— איין טאָכטער פערמאָגסט די, איז זי דיר אויך איבעריג!...

— איין טאָכטער... איינע נאָר אַ גוטע.

— ניין, אַ שלעכטע?

— ווער זאָגט דען אַ שלעכטע? אַ גוטע.

בעטי לאַשטשעט זיך צו דער מוטער ווי אַ קעצעלע:

— ניין, מאַמע, איך וויל טאַקי וויסען אַקוראַט: אַ גוטע, צי אַ שלעכטע?

— דו וועסט אַמאָל אויפהערען, צי ניין? איך האָב קיין צייט ניט מיט דיר טרייבען קאַטאָוועס! טו זיך אָן און געה געזונד!

— וואוהין, אַ שטייגער, זאָל איך געהן? אויף אַלע פיער זייטען?

שרה קאָן שוין מעהר ניט אַריבערטראָגען. אויף איהר ברענען די האָר. קוים וואָס זי האַלט זיך. יעדע מינוט איז אַ שעה. יעדע שעה איז אַ טאָג. און זי שטעהט זיך אָט אָ דאָ און טרייבט קאַטאָוועס! און די מוטער הויבט אויף אַ קול אויף דער גאַנץ הויכער אָקטאַווע:

— בעטי! בע-טי!! ברענג מיך ניט אַרויס פון די כלים! ברענג מיך ניט אַריין אין כעס!!

עהע! בעטי זעהט, אַז די מאַמע איז טאַקי רעכט אין כעס, שטעהט זי אַ ווײַלע אויף דער טיר, זינגט זיך שטילערהייד און ווערט פערשוואונדען צוריק צו זיך אין איהר חדר׳ל. און אינאיינעם מיט איהר ווערט פערשוואונדען אויף אַ שטיק ליכטיגקייט און אַ שטיק וואַ-רימקייט, און פונ׳ם גן-עדן-ווינקעל, וואו מלאכים האָבען נאָר-וואָס געשוועבט און געזונגען שירה צו דער געטין פון שענהייט אויף דער יודישער גאַס, ווערט פערוואַנדעלט צוריק אין אַ הקדש... און עס טוט איהר וועה דאָס האַרץ, דער אָרימער מוטער: וואָס האָט זי, אייגענט-ליך, צו דער טאָכטער? אַזאַ יאָהר אויף איהר! אַזאַ שטיק גאָלד!... און עס גלוסט זיך איהר אַ שפיי טון אויף אַלע אַרבייט און אַריינקו-מען צו איהר ליעבער טאָכטער און זאָגען איהר: „קינד, וואָס דו ביסט! דאַרפסט ניט זיין ברוגז אויף דער מאַמע. מאַכט זיך אַמאָל אַ מאַמע ווערט משוגע”... דערמאַנט זי זיך אָבער, אַז ס׳איז ערב-פסח, אַזוי פיעל אַרבייט, איין מענש אַליין אויף, קיין עין-הרע, אַזאַ שטוב, ווערט איהר צוריק פערשטיינערט דאָס האַרץ און זי וויל אפילו ניט וויסען, צי די טאָכטער וועט היינט טרינקען טיי, צי ניין, און זי וויל אפילו ניט זעהען, ווי זי האָט זיך אָנגעטאָן, גענומען אויף זיך דאָס היטעלע מיט׳ן זאָנטיקעל און געבליבען שטעהן אַ ווײַלע ביי דער טיר, געוואַרט, טאָמער וועט איהר די מאַמע עפּעס זאָגען. אַזאַס! ניט דערהאַרען וועלען דאָס איהרע שונאים, אַז זי, שרה שפּיראָ, זאָל פריהער זיך ווענדען צו דער טאָכטער, נאָכדעם ווי זי האָט איהר אָפּ-געענטפערט, ווי אַיין עזות-פנים, מיט אַ געזאַנג!...

שוין אַז בעטי איז געווען אויף יענער זייט טיר, האָט זיך שרה אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט, צוגעהערט צו איהרע טריט, אַפנים געוואָלט איהר עפּעס זאָגען, האָט זיך דערהערט אַ הוסט פונ׳ם זייטיגען צימער.

— אַהאַ! שוין ער אויך אויפגעשטאַנען?... אַ רעשטעל צו די צרות, טאָמער איז קאַרג... עס זאָל חאָטש וועלען איהם אַוועקטראָגען צו אַל-די גוטע יאָהר!...

יענעם, וועמען שרה שפּיראָ האָט אָנגערופען מיט׳ן נאָמען „אַ רעשטעל צו די צרות”, האָט זיך ניט געלאָזט לאַנג וואַרטען אויף זיך, און איז גיך אַרויסגעקומען פון זיין רוהה, אַ פרישער, אַ געזונטער, אַיין אויסגעשלאָפענער, מיט אַ געדיכטע שוואַרצע פּאַטלע האָר, און אויף אַ געדיכטער באַריטאָן-שטימע האָט ער אָפּגעגעבען דער בעל-הבית-

טע דעם גוט-מאָרגען און אַ פרעג געגעבן ביי איהר, כלומרשט גאַנץ קאַלטבלוטיג, פאַרבייגעהענדיג: „וואו איז בערטאַ דאַווידאָוונאַ?"

— געהט זוכט זי! — האָט איהם שרה עפּעס גאָר ניט פריינדליך אָפּגעענטפערט און אַ פרעג געגעבן ביי איהם:

— איהר געהט באַלד? אָדער עס דאַרף נאָך נעמען עטליכע מי-נוט ביז...

דער קוואַרטיראַנט, אָדער ער האָט ניט געהערט, אָדער ער האָט זיך געמאַכט, אַז ער הערט ניט, האָט איהר דערויף גאָרניט גע-ענטפערט. ער האָט נאָר בעטראַכט דעם הקדש, וואָס אין שטוב און, חאַפּענדיג אין איינוועגס אַ קוק אַהין, אין יענער טיר, פון וואַנען עס איז ניט לאַנג אַרויס די שענע בעטי, האָט ער נאָך אַ מאָל אַ פרעג געגעבן ביי זיין בעל-הבית'טע:

— שוין אויפגעשטאַנען בערטאַ דאַווידאָוונאַ?

— אויפגעשטאַנען. שוין לאַנג אויפגעשטאַנען און שוין לאַנג אַוועקגעגאַנגען.

— אַוועקגעגאַנגען? וואוהין האָט אַזוי פריה געקאָנט געהן בערטאַ דאַווידאָוונאַ?

— וואָס האָט איהר זיך צוגעטשעפּעט צו מיר? — האָט זיך שרה צושריגען אויפ'ן קוואַרטיראַנט. — איהר זעהט, אַז איך האָב קיין צייט ניט, די האָר פון קאָפּ ברענען אויף מיר, ס'איז ערב-יום-טוב. איין מענטש אַליין אויף, קיין עין-הרע, אַזאַ שטוב, און ער: בערטאַ דאַ-ווידאָוונאַ! און בערטאַ דאַווידאָוונאַ!

מיט גוטע שמייכלענדיגע אויגען האָט דער קוואַרטיראַנט אַ קוק געגעבן זיין בעל-הבית'טע אין פּנים אַריין, האָט זיך אויסגעדרעהט, אַוועק צו זיך אין צימער, געכאַפּט אויף זיך דעם פּאַלטאָ, מיט'ן הי-טעל, מיט'ן שטעקען און, אויספייפענדיג אַ רוסיש ליעדעל: „וודאָל פּאָ אוליציע שיראָקאָי", האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט פון אַלע טרעפּ און פּאַשאָל!

„ער זאָל זיך חאָטש ניט געפינען בעליידיגט, — האָט זיך שרה אַ טראַכט געגעבן. — [illegible] איז מיר! ער איז דאָך עפּעס ניט קיין יונגעלע... אַ סטודענט און אַ [illegible] מיליאָנער דערצו... און מיט גאָטס הילף נאָך אַ [illegible]... און אפשר נאָך אין גיכען?... אוי, הלואי, רבונו-של-עולם, ווי דערלעבט מען דאָס שוין! ווי דערלעבט מען דאָס שוין!..."

און פון אַלע אַרבייט, צוטריבען די גאַנצע שטוב, זעצט זיך שרה אַוועק אין אַ ווינקעלע, איין מענש אַליין, שפּאַרט צו דעם קאָפּ אויף דער האַנד, און זיפצענדיג און שאָקלענדיג זיך, ווי ביים דאַווענען, פערטיעפט זי זיך אין איהרע מחשבות, געדאַנקען, זאָרגען, דאגות, ערגערנישען, מיט צרות, מיט צרות, מיט צרות!...

## דאָס זעקסאונדרייסיגסטע קאַפּיטעל.

## מענשען-פליגען.

אַרויסגעהאַפּט זיך פון דער היים, אָדער פון׳ם „הקדש", ווי שרה שפּיראָ האָט דאָס אָנגערופען, האָט ראַבּינאָוויטש גענומען אַ איזוואָזטשיק און געהייסען זיך פיהרען אַרויף, אָנגערופען די גאַס און נומער פון׳ם הויז און, פאָהרענדיג, האָט ער נישט אויפגעהערט צו פייפען אַלץ דעם אייגענעם ניגון:

וודאָל פאָ אוליציע שיראָקאָ
מאַלאַדאָי קוזניעץ אידיאָט.
אָן אידיאָט — אידיאָט —
פיעסניו ס׳פּריסוויסטאָם פּאַיאָט...

קענטיג, אַז ער איז געווען גאַנץ אויפגעלעגט און צופרידען מיט זיך, מיט דעם שענעם וואַרימען ערב-פסח׳דיגען פריהמאָרגען און מיט דער גאַנצער וועלט אַרום און אַרום.

און ער האָט געהאַט מיט וואָס צו זיין צופרידען. און ניט נאָר צופרידען, נאָר טאַקי גליקליך, וואָס גליקליך הייסט: אַ קלייניגקייט, בעטי, די שענע, די רייצענדע בעטי, איז זיינע — ער ווייס עס פאַר געוויס, אַזוי ווי צוויי מאָל צוויי איז פיער!

די שוואַרצע קאַץ, וואָס איז געהאַט דורכגעלאָפען צווישען זיי נאָך זייער בעגעגעניש אין טעאַטער, איז שוין לאַנג פאַרבּיי. די וואָלקענס, וואָס האָבען געהאַט זיך אָנגערוקט נאָכדעם אויף זייער הימעל, זענען שוין לאַנג צוזייט געוואָרען, און צו די יונגע-לייט האָט ווידער אַראָפּגעקוקט און געשמייכעלט די זון, יענע ליכטיגע גאָלדענע זון, וואָס בעלייכט, וואָס דערוואַרימט און דערפרישט נישט נאָר דעם גוף,

נאָר די נשמה, און זאָגט צו פרייד און גליק און ליעבע, ליעבע אָהן אַ שיעור!...

אַרויסבעוויזען האָט זיך עס ניט אין ווערטער — צו וואָס ווערטער? — עס איז פאַר איהם דען ניט גענוג איין קוק פון איהרע שענע, קאַרע, קלוגע אויגען? עס איז פאַר איהם דען ניט גענוג איין שפּאַס פון איהר זייט, אַ זעץ איבער דער האַנד, אַ שמיר איבער דער נאָז, אַ ריהר, אַ בייזער, אַ שטיף, אַ לאַך און נאָך טויזענדער אַזעלכע קליינינקייטען, פון וועלכע עס וועבט זיך אויס אַמאָל אַ ראָמאַן אַ סך בעסער, ווי פון ערנסטע, שווערע און זעהר נאַרישע ליעבעס-ערקלערונגען?...

זייער נאָהענטקייט האָט זיך אויסגעוועבט פון זיך אַליין. און ביידע האָבען זיי געטראָגען זיך איינס אַקעגען דאָס אַנדערע מיט ריזענטריט. אַלעס איז געוועזן גרייט. עס איז אָפּגעגאַנגען נאָר איין זאַך, איין קליינער שריט: ער זאָל אַ שמועס געבען מיט איהר פאָטער, מיט דוד שפּיראָ, אָדער נאָך בעסער, מיט איהר מוטער, מיט שרה שפּיראָ, וועלכע האָט שוין אַרויסגעקוקט דערויף פון טאָג אויף טאָג און פון שעה אויף שעה. און ער איז שוין טאַקי עטליכע מאָל גרייט געוועזן דעם דאָזיגען קליינעם שריט צו מאַכען, האָט ער זיך אָבער דערמאַנט אָן יענער גרויסער מעכטיגער וואַנט, וואָס שטעהט צווישען זיי פון געבוירען, און ער איז מיט שרעק אַלע מאָל אָפּגעשפּרונגען צוריק, און געבראָכען זיך דעם מח אויפ'ן דאָזיגען פּראָבלעם, וואָס ער האָט באין אופן נישט געקאָנט איינבייסען... צו שטאָלץ איז זי געוועזן מיט איהר יודישקייט און צו שאַרף האָט זי זיך אויסגעדריקט וועגען די יעניגע, וואָס „האַנדלען מיט גאָט צוליעב אייגענע אינטערעסען"... זייער בעגעגעניש דעמאָלט אין טעאַטער מיט דעם „ווייסען אונטערשלאַק" (לאַפּידוס) און די עטליכע געשפּרעכען, וואָס ער האָט געהאַט מיט איהר נאָכדעם, איז געוועזן גאַנץ גענוג פאַר איהם, ער זאָל דעם דאָזיגען ענין מעהר נישט אָנריהרען...

וואָס-זשע טוט מען פאָרט? איז געבליבען ביי איהם, ער זאָל זיך זעהען מיט אַ רב, מיט אַ יודישען רב, זיך מיט איהם דורכשמועסען, אויפקלערען און פרעגען אַיין עצה, וואָס איז צו טון ביי אַזאַ פערלעגענהייט?... און ער האָט גענומען זיך נאָכפרעגען ביי זיינע בעלי-בתים, נאַטירליך פערשטעלט, וואָס איז ביי זיי פאַר אַ רב, ווער איז ער און וואו זיצט ער?

ערהערט, אַז דער קוואַרטיראַנט פרעגט זיך נאָך אויף אַ רב, האָט שרה שפּירא (וואָס חלומ'ט זיך אַ הוהן?—פּראָסטע!) דערפיהלט, ווי עס קלאַפּט איהר דאָס האַרץ: ער קעהר אודאי מיינען אַ קאַזיאָנע רב, וואָס גיט אַרויס מעטריקעס פאַר אַ חתונה?... און זי האָט איהם גענומען אויפקלערען, אַז ביי זיי אין שטאָדט איז דאָ צוויי קאַזיאָנע רבנים, דאָס הייסט, איינער אַ קאַזיאָנע ראַבּינער, און דער אַנדערער אַ פּאָמאָטשניק ראַבּינער...

— שבעה דברים בגולם! — האָט איהר אָפּגעהאַקט דוד. ווי אַלע מאָל. — זיי פרעגען זיך נאָך אויף אַ רב, און דו דערצעהלסט זיי מעשיות — „קאַזיאָנע" ראַבּינער און „פּאָמאָטשניק" ראַבּינער!

און דוד האָט גענומען קלאָר מאַכען דעם קוואַרטיראַנט אויף זיין שטייגער, גאַנץ ברייטליך און מיט הענד, אַז, אייגענטליך, איז דאָ ביי זיי אין שטאָדט עטליכע רבנים; פון זיי זענען צוויי קאַזיאָנע, דאָס הייסט, איינער אַ קאַזיאָנע ראַבּינער און דער אַנדערער אַ פּאָמאָטשניק ראַבּינער...

— הערסט! — שלאָגט איהם איבער שרה. — און וואָס האָב איך געזאָגט? ניט דאָס אייגענע?

— פערשטעהט זיך! — זאָגט איהר דוד. — זאָלסט אָבער האָבען אַ קלעפּקע אין קאָפּ און אַ ברעקעל דרך-ארץ, ניט אַריינמישען זיך, אַז מענטשען רעדען, און לאָזען יענעם קאָנטשען, וואָלסט דו פערשטאַנען, אַז איך זאָג ניט דאָס, וואָס דו, וואָרום איך בין ניט קיין בהמה, איך ווייס, וואָס איך רעד!

און דוד דרעהט זיך אויס מיט'ן פּנים צום קוואַרטיראַנט און מיט דער אַנדערער זייט צום ווייב און הויבט אָן נאָך אַ מאָל, גיט איהם צו פערשטעהן מיט די פינגער:

— אַלזאָ, האָבען מיר דאָ אַ סך רבנים. דאָס הייסט, צוויי פון זיי רעכענען זיך קאַזיאָנע רבנים, דאָס הייסט, איינער פון זיי איז קאַזיאָנע ראַבּינער, און דער אַנדערער פּאָמאָטשניק ראַבּינער, און די איבעריגע (דוד דרעהט זיך אויס אויף אַ ווײַלע מיט'ן פּנים צום ווייב און נעמט זי דורך מיט די אויגען!) און די איבעריגע הייסען „דוחאָוונע" רבנים.

און ער גיט איהם צו פערשטעהן (אַלץ מיט די פינגער) דעם חלוק צווישען „קאַזיאָנע" רבנים און „דוחאָוונע" רבנים.

— איהר זענט דאָך, צווישען אונז רעדענדיג, אַ גוי, — זאָגט דוד

ספּיראָ צום קוואַרטיראַנט גאַנץ אָפּענטליך, — איהר זענט דאָך אַיין אמת'ער גוי. איהר הויבט דען אָן אפילו צו וויסען, וואָס ביי יודען טוט זיך? אַלסדינג איז דאָך ביי אַייך אַ נייעס. איהר ווייסט אפילו ניט, וואָס הייסט פּערקויפען חמץ, אויסקויפען אַ בכור, טובל'ען דאָס געפעס... אויך מיר אַ יוד... מע בעדאַרף דאָך אַייך יעדע זאַך צוקייען און אַריינלעגען אין מויל אַריין!

און אָט אַזוי איז ראַבינאָוויטש געוואוירע געוואָרען פון זיין בעל-הבית, אַז צווישען אַלע רבנים געפינט זיך דאָ ביי זיי איינער אַ רב אַ „צאַצקע", ווי דוד רופט איהם אָן; די גאַנצע שטאָדט, זאָגט ער, האַלט פון איהם אַיין עולם ומלואה, ווייל ער איז מיט אַלע מעלות. אַחוץ, וואָס ער איז, זאָגט ער, אַ למדן און אַיין עהרליכער יוד, איז ער אַ גרויסער חכם אין וועלט-זאַכען און אַ גרויסער קענער אין שפּראַך, אַ געבילדעטער מאַן און אַ קאָפּ-מענטש. מע פאָהרט, זאָגט ער, צו איהם פון דער וועלט, ווער מיט אַ ברירות, ווער מיט אַ לאָדעניש און ווער גלאַט מיט אַיין עצה — און דאָס האָט דאָך טאַקי אונזער העלד בעדאַרפט האָבען, און צו איהם האָט ער דאָס טאַקי געהייסען זיך פיהרען יענעם פריהמאָרגען, דעם טאָג פון ערב-פסח.

אַריינגעקומען אין אַ גרויסען ברייטען חדר אַריין, אַ מין זאַל, האָט ער געטראָפען אַ פולע שטוב מיט מענשען, יודען און ווייבער און קינדער. עס האָט אויסגעזעהען, ווי מע קומט אַריין צו אַ דאָקטאָר אין „וואַרטע-צימער". דער חלוק איז, וואָס ביים דאָקטאָר אין „וואַרטע-צימער" איז שטיל, חאָטש אַ פליג דורכצופליהען, וואָרום איינער מיט'ן אַנדערען געהערען זיך ניט אָן, און דאָ איז געשטאַנען אַ האַרמידער מיט אַ געשריי, ווי אויף אַ יאַריד. אַלע האָבען גערעדט, אַלע האָבען געמאַכט מיט הענד, אַלע זענען געוועזן עפּעס מאָדנע אויפגערעגט און זענען ניט אַיינגעזעסען אויף איין אָרט, נאָר אויפגעשפּרונגען און צוגעלאָפען איינס צום אַנדערען, גערעדט, גע'טענה'ט און גע-היצט זיך, און ווידער אָפּגעשפּרונגען צוריק און מיט אַ זיפצען אָוועקגעזעצט זיך.

„מענשען-פליגען" — איז ראַבינאָוויטשען געקומען אויף דער מחשבה. ער ווייס אַליין ניט, פאַרוואָס עפּעס פליגען? — נאָר אָט אַזאַ אַיין אַיינדרוק האָבען אויף איהם געמאַכט די דאָזיגע מענשען... און ער האָט גענומען זיך צוהערען, וועגען וואָס רעדען זיי אַזוי האַסטיג? וואָס היצען זיי זיך? און וואָס זיפצען זיי עפּעס אַלע מאָל?... און אַזוי,

ער האָט שוין ביי די שפּיראָס דורך דעם ווינטער גענאַשט טעליכע יודישע ווערטער, האָט ער דעריבער פערשטאַנען, אַז דער עולם רעדט אַלץ פון געפונענעם וואָלאָדקען, וואָס די גאַזעטען שרייבען, אַז דאָס האָבען איהם יודען אומגעבראַכט לכבוד פּסח...

„איין אומגליק, אַ בלבול!... אַ פּאָגראָם, אַ פּאָגראָם!“ — אָט דאָס זענען געווען די ווערטער, וואָס האָבען איהם אָפטער פון אַלץ זיך געלאָזט הערען אינ'ם דאָזיגען טומעל. און אַלע מאָל, ווען דאָס וואָרט „פּאָגראָם“ איז אַרויסגערעדט געוואָרען, האָט ער בעמערקט, אַז אויף אַלע פּנים'ער ווערט אָפּגעדרוקט איין שטעמפּעל פון צער, פון טיעפען צער... און די ווייבער — די האָבען בעת־מעשה טיעף געזיפצט און אַרומגעהאַפּט זייערע קינדער, צוגעטוליעט זיי צום האַרצען...

און ראַבינאָוויטש, אויב ער האָט דאָס ניט געפיהלט מיט'ן האַרצען, האָט ער עס פערשטאַנען מיט'ן קאָפּ, אַרום וואָס דאָ האַנדעלט זיך. ער האָט ערשט נעכטען געלייענט אין אַ בלאַט פון יענעם געוויסען מין בלעטער, וואָס האָבען ליעב רעדען אידעל און פערשטעלט, מיט אָנצוהערענישען: „מיר ווילען ניט זאָגען קיין נביאות — זאָגט זיך דאָרט דאָס בלאַט — און מיר מיינען נישט, חלילה, אויפרייצען איין טייל בעפעלקערונג אויפ'ן אַנדערען טייל; נאָר עס דאַכט זיך אונז אויס, דאָס הייסט, מיר זענען כמעט ווי איבערצייגט, אַז דער גערעכטיגער צאָרן פון דער בעליידיגטער בעפעלקערונג וועט זיך מוזען אויסגיסען אין די נאָהענטע טעג פונ'ם הייליגען יום־טוב אין אַפּעטיענטען יודישען פּאָגראָם, אויב ניט אין אַגאַנצע רייהע פון פּאָגראָמען, בכדי צו שטילען דעם כעס און נוקם זיין זיך פאַר דעם אומגליקליכען וואָלאָדקע, וואָס בלינדע פאַנאַטיקער האָבען פערגאָסען צוליעב זייער פּסח'יגער מצה דאָס אומשולדיגע בלוט...“

אין אַ צווייטען בלאַט האָט ער געלייענט איין אַרטיקעל, נאָך מעהר פערשטעלט, מיט'ן נאָמען: „היט אייערע קינדער!“ דער מחבר פונ'ם דאָזיגען אַרטיקעל רעדט ניט חלילה, קיין שלעכטס אויף יודען און רופט ניט צו קיין פּאָגראָמען. נישמעהר, „אַזוי ווי עס געהט צום יודישען פּסח, וואָס יודען קאָנען זיך ניט בעגעהן אָהן קריסטליך בלוט, אַזוי ווי ס'איז שוין אויכגעוויזען געוואָרען פיעל מאָל און אַזוי ווי עס

בעוויזט מיט אַלע סימנים דער ניט לאַנג געפונענער אומגליקליכער געקוילעטער וואָלאָדיטשיגירינסקי, על-כן זאָלט איהר אַכ-טונג געבען אויף אײַערע קליינע קינדער, און אַזוי ווייטער״...

אַ דריטע צייטונג דריקט זיך אויס שוין אַ ביסעל אָפּענטליכער אונטער אַ קעפּעל מיט גאַנץ גרויסע אותיות: „בּ,וט פאַר בּלוט!״ און רופט יעדען אָרענטליכען קריסט, וועד עס האָט נאָר גאָט אין האַרצען, אַז מע זאָל זיך נוקם זיין, אָפּרעכענען זיך מיט די יודען פאַר דעם אומשולדיגען וולאַדימיר טשיגירינסקי, וועלכער איז געפאַלען אַ קרבן אויפ׳ן מזבח פון זייער פינסטערען פאַנאַטיזם, וואָס זיי האָבען אַרויס-געפיהרט נאָך פון מצרים... און אַז מע רעדט שוין פון אָפּרעכענען זיך, געפינט דאָס דאָזיגע עהרליכע בלאַט פאַר נויטיג אויפצוקלערען זיינע עהרליכע לעזער, אַז זיי זאָלען ניט אויסלאָזען זייער צאָרן אויף די אָרימע לייט אַליין. אָנהויבען זאָלען זיי פון אויבען, דווקא פון די מאַגנאַטען, וואָס האָבען זיך פערקליבען אויבענאָן, אַריינגעחאַפּט אין וייערע הענד די שענסטע פלעצער מיט די גרעסטע פּאַלאַצען פון אונ-זער הייליגער שטאָדט און האַלטען אויס אויף זייער געלד אַ גאַנצע מענגע מיט „חאַססידים״, „צאַדדיקים״ און „שאָחאַטים״, וואָס שטעלען זיי צו קריסטליך בלוט צו זייער פסח׳יגער „מאַצצאַ״, און אַזוי ווייי-טער, און לאָזט אויס מיט די ווערטער: „עין תחת עין״ — שטעהט ביי זיי געשריבען — איין אויג פאַר איין אויג. מיר וועלען זאָגען: „בּלוט פאַר בּלוט״!...

אָט פון דעם האָט דאָס דער עולם דאָ געשמועסט אַזוי געשמאַק, אַזוי האַסטיג און, ווי עס האָט זיך אויסגעוויזען אונזער ראַבינאָוויט-טשען, האָבען זיי ניט נאָר געשמועסט, זיי האָבען געשפּאַרט זיך און געקריגט זיך, און ער האָט שטאַרק בעוואונדערט, ווי רעדען דאָס מענשען אַזוי גיך, אפשר טויזענדער ווערטער אין אַ מינוט? און ווי פערשטעהען זיי זיך איינס דאָס אַנדערע, אַז אַלע רעדען זיי אויף אַמאָל?... „מענשען-פליגען״ — טראַכט ער זיך. — זשומען ווי די פלי-גען, זענען שוואַך ווי די פליגען, און ווי די פליגען קאָן מען זיי, דאַכט זיך, אַלע דאָ מיט איין הויכען געשריי, מיט איין אויפהויבען די האַנד צוטרייבען״... נאָר פּלוצים ווערט שטיל, און דאָס גאַנצע פּובּליקום, יודען, ווייבער און קינדער, שטעהען אויף אַלע ווי איין מענש, מיט זעלטענעם דרך-ארץ, פאַר איין פאַרשוין, וואָס האָט זיך בעוויזען אויף דער טיר.

דאָס איז געווען נישט קיין הויכער, איך וואָלט געזאָגט, אַ זייִ־דענער פּאַרשוין, נאָך גאָר פון מיטעלע יאָהרען, מיט אַ יונג דורכ־לויכטענדיג פּנים און מיט זעהר גרויסע און זעהר שוואַרצע יונגע אויגען. די האָר אויך שטאַרק שוואַרץ, נאָר ערטערווייז פערגרויט. אַ קיילעכיג סאַמעטען יאַרמעלקע אויפ׳ן קאָפּ. גלייך אונטערגעהאַקטע פּאות. אַ ברייטער, ווייסער, געפּרעסטער קאָלנער, אַ סאַמעטענע זשי־לעט און אַ ריינע לאַנגע שוואַרצע קאַפּאָטע. אין דעם דאָזיגען יונגען פּנים איז געווען אַזוי פיעל אינטעליגענץ, אַדעל, און אין זיין גאַנצער זיידענער פיגור, פון אויבען ביז אַראָפּ, איז געווען אַזוי פיעל רוהיג־קייט, אָפּגעווויגענקייט און אָפּגעמאָסטענקייט, אַז ניט ווילענדיג האָט זיך געגלוסט פאַר איהם אויפצושטעהן און אַראָפּנעמען דאָס היטעל.

דאָס איז געווען יענער „דוחאָוונער״ רב (אַ רב אַ „צאַצקע״!), וואָס שפּיראָ האָט איהם אַזוי אָפּגעלויבט פאַר זיין קוואַרטיראַנט, אויפ־געהויבען כמעט ביז׳ן הימעל אַריין.

## דאָס זיבענאונדרייסיגסטע קאַפּיטעל.

## אפשר אַ פּראָוואָקאַטאָר?...

געקומען איז אונזער ראַבינאָוויטש־פּאָפּאָוו צום רב מיט אַ פאַרטי־גען אויסגעאַרבייטעטען פּלאַן. ער וועט איהם דערצעהלען, אַזוי און אַזוי: ער האָט אַ בעקאַנטען, אָדער אַ חבר (אַ קריסט), וואָס איז פערליעבט אין אַ יודיש מיידעל, און דאָס מיידעל אין איהם, און ווייל דאָס מיי־דעל איז אַזעלכע, וואָס וויל איהר גלויבען נישט בייטען בשום אופן, וועט ער, דאָס הייסט, דער חבר זיינער (דער קריסט), מוזען אָננע־מען איהר גלויבען... על־כּן, איז ער דאָס געקומען זיך צופרעגען ביים רב, וואָס און ווען, ווייל דער חבר זיינער איז, פערשטעהט איהר מיך, ווינציג וואָס בעקאַנט מיט די דאָגמאַטען פונ׳ם יודישען גלויבען און איז איבערהויפּט ניט פון די גאַנץ גלויביגע מענשען, און אַזוי ווייטער...

אָט דאָס איז געוועזן זיין פּלאַן, מיט וועלכען ער איז געקומען צום רב. וויבאַלד אָבער ער איז איבערגעטרעטען די שוועל פונ׳ם רב׳ס קאַבינעט און געבליבען מיט איהם אויג אויף אויג, אַזוי האָט ראַבי־נאָוויטש דעם דאָזיגען פּלאַן איבערגעביטען אינגאַנצען. דער רב, וואָס איז איהם געפעלען געוואָרען פונ׳ם ערשטען קוק מיט זיין עלט־שפּאַ־נישען טיפּ, מיט זיין זעלטענער רוהיגקייט און מיט זיינע אַלע, ווי אויסגערעכענטע, בעוועגונגען, האָט פונ׳ם אָנהויב אָן געוואונען ביי איהם זיין גאַנצען צוטרויען. ער האָט דערפיהלט, אַז מיט דעם דאָ־זיגען מענשען בעדאַרף ער נישט קיין שום חכמות מיט קיין שום דיפּ־לאָמאַטישע אָפּשניצלעך, און אַז ער מעג מיט איהם רעדען גאָר ניט פערשטעלט.

און כּך הוה. דער רב, וואָס איז געזעסען אָנגעשפּאַרט אויף

איין האַנד, מיט דער אַנדערער האַנד געבלעטערט אַ ספר, האָט אויס־געהערט דעם גאַנצען וודוי פונ׳ם יונגען מאַן, וועלכען ער האָט גע־לאָזט, ער זאָל זיך אַ ביסעל אויסרעדען, און אַז יענער האָט געענ־דיגט, האָט דער רב אָפּגעאָטעמט, גלייך ווי די גאַנצע צייט וואָלט ער גערעדט, ניט דער גאַסט. דערנאָך האָט ער פערמאַכט דאָס בוך און מיט אַ שמייכעל זיך אָנגערופען צום גאַסט:

— איך פרעג אייך ניט, ווער איהר זענט און ווער דאָס מיי־דעל איז... קוים זאָגט איהר ניט אַליין, איז אַ סימן, אַז ס׳איז אַ סוד... איך, ליידער, קאָן אייך אָבער גאָרניט העלפען און קיין עצה איז ביי מיר פאַר אייך ניט פאַרהאַן. איך בעדויער אייך, יונגער מאַן, פונ׳ם גאַנצען האַרצען. נעבאַך אַ רחמנות אויף אייך.

דער גאַסט האָט אויפגעשטעלט מויל און אויערן: „ער האָט רחמנות אויף איהם?...״

— אַ גאַנץ רחמנות אויף אייך, יונגער מאַן. פאַרהאַן זעקס מיל־יאָן אומגליקליכע, פערהאַסטע, געיאָגטע און געפּלאָגטע נפשות אינ׳ם דאָזיגען לאַנד, וואָס זענען איטליכען גרויס אין די אויגען, מע ברעכט זיך די מחות און מע ווייס גאָר ניט, ווי אַרום זייערער פּטור צו ווע־רען, — ווילט איהר זיין נאָך איינער אַזעלכער? איהר ווילט זיין דער ערשטער פונ׳ם זיבעטען מיליאָן?...

דער גאַסט איז געווען איבערראַשט, סיי פון דעם, וואָס דער רב האָט איהם געזאָגט, און סיי פון דעם, ווי אַזוי דער רב האָט מיט איהם גערעדט: רוהיג, געלאַסען, מיט אַ שמייכעלע אויף די לי־פען, און אין אַ פיינער רוסישער שפּראַך, — אַ מאָדנער רב! מאָדנע דבורים!...

דערזעהען, אַז דער גאַסט שווייגט, האָט דער רב ווייטער גע־רעדט, גלייך ווי ער וואָלט געטראָפען, וואָס דער גאַסט טראַכט אין האַרצען:

— איהר וואונדערט זיך, וואָס איהר הערט פון מיר, פון אַ רב, אַזעלכע רייד? אייער גלח, אַז עס קומט צו איהם אַ פרעמדער אָנבע־מען דעם קריסטליכען גלויבען, מיין איך, טוט אויך אַזוי. מיר זענען מחויב, קודם-כל, עפענען דעם גיקומענעם די אויגען, ער זאָל וויסען, וואוהין ער געהט און וואָס ער טוט... „לפני עור לא תתן מכשול״ — שטעהט ביי אונז אין דער תורה פון משה רבינו — מע טאָר אַ בלינדען נישט פערפיהרען...

— איך האָב דאָך אײַך אָבער דערצעהלט מיין מאָטיוו, — זאָגט דער גאַסט און ווערט רויט. — איך... איך האָב ליעב און בין געליעבט... נישטאָ קיין אַנדער אויסוועג פאַר מיר...

— אַ שוואַכער מאָטיוו אויף צו מאַכען אַזאַ ערנסטען שריט. ברעכען אַ גלויבען קאָן מען נאָר ביי אַ אינווענינסטען קריזיס, ווען איך הער אויף צו גלויבען אין דעם און הויב אָן צו גלויבען אין אײַן אַנדערען... מיר, למשל, בעדויערן אונזערע משומדים אַלץ איינס, צי ער האָט זיך געטויפט צוליעב פראַוואָזשיטעלסטוואָ, צוליעב דיפלאָם, צוליעב פרנסה, אָדער צוליעב אַ מיידעל... פערשטעהט זיך, דער לעצטער מאָטיוו איז עטוואָס פיינער, די פסיכאָלאָגיע איז אַיין איידעלערע, אָבער דער קאָמפראָמיס בלייבט אַ קאָמפראָמיס: עס איז געמאַכט געוואָרען אַ שטיקעל געשעפט מיט גאָט...

ראַבינאָוויטש-פאָפּאָוו האָט נישט געקאָנט נישט אַרויסזעהען, אַז דער דאָזיגער רוהיגער מענש, וואָס זיצט אַקעגען איהם, זעהט איהם דורך און דורך און לייענט זיינע געדאַנקען ווי אין אַ בוך. ער האָט נישט געקאָנט ניט מודה זיין זיך פאַר זיך אַליין, אַז ער איז געקומען אַהער ניט צוליעב דעם, וואָס ער האָט אָנערקענט די יודישע אמונה... אויך ניט צוליעב דעם, וואָס ער האָט זיך פערליעבט אינ׳ם יודישען פאָלק... און גלייך ווי דער רב וואָלט באמת געלייענט זיינע געדאַנקען, האָט ער, נאָך אַ קורצער פויזע, ווידער זיך געווענדט צום גאַסט:

— איך רעד שוין ניט פון גלויבען. אין גלויבען איז מען בכלל היינט שוואַכליך... ביי אײַך, ווי ביי אונז... איך רעד פונ׳ם פאָלק, פון דער אומה רעד איך. איהר וועט דאָך נישט וועלען אײַנרעדען זיך אַליין, אַז איהר, אַלס געבוירענער קריסט און אויפגעצויגען אַלס קריסט, ביי היינטיגע ביטערע צייטען פון ראַסען-האַס, אַז איהר האָט ליעב אַ יודען, אַז ביי אײַך איז אַ יוד און ניט אַ יוד אַלץ איינס...

— ביי מיר איז אַלץ איינס! — האָט איהם פאָפּאָוו איבערגעשלאָגען. — אָט דאָס יודישע מיידעל, וואָס איך האָב ליעב, האָב איך ליעב אַזוי, אַז עס קאָן נישט זיין פאַר מיר קיין שום אָפּהאַלט... איך וויל נישט וויסען קיין זאַך...

— נו, יאָ, איך גלויב אײַך זעהר גערן, און איך פיהל אײַך מיט מיט מיין גאַנצען האַרצען. דאָס איז אַ געפיהל, וואָס האָט ניט קיין גרעניץ און ווייסט נישט קיין אונטערשיד פון אַ פאָלק צו אַ פאָלק...

איך דאַרף אײַך אָבער זאָגען, יונגער מאַן, פאַרהאַן בײַ אונז אַ שפּריכ-וואָרט, ס'איז אפילו אַ ביסעל באַנאַל, נאָר אמת'דיג: „מ ע  ק אָ ן  נ י ש ט  ל י ע ב  ה אָ ב ע ן  ד אָ ס  װ ײַ ב, אַ ז  מ ע  ה אָ ט  נ י ט  ל י ע ב  ד ע ם  װ ײַ ב ס  מ ש פ ח ה"... און אונזער „משפּחה" איז, לײדער, נאָך קײנ-מאָל אַזױ ניט געװען פערהאַסט, צו שאַנד און צו שפּאָט, װי אין דער לעצטער צײַט... נאַט זעהט, אױף װאָס מיר זענען אַריבער. זעהט, װאָס מע שרײַבט װעגען אונז אינ'ם נאָמען פון גאָט און אינ'ם נאָמען פון דעם, װאָס האָט געפּרעדיגט ל י ע ב ש אַ פ ט...

און דער רב האָט אױסגעצױגען זײַן האַנד צום עק טיש און דערלאַנגט זײַן קריסטליכען גאַסט אַ רוסיש בלאַט-צײַטונג, פון װאַנען עס האָבען אַרױסגעקוקט מיט גרױסע בולט'ע אותיות: „בלוט פאַר בלוט!"...

דער גאַסט האָט געכאַפּט אַ קוק אױפ'ן דאָזיגען בעקאַנטען קע-פּעל און אַ זאָג געגעבען:

— דאָס האָב איך נאָך נעכטען געלײענט... געשריבען האָט דאָס אַ מענש אָהן אַ טראָפּען יושר... איך גלױב ניט, אַז ס'זאָל זיך געפי-נען אײן לײַטישער קריסט, װאָס די װערטער זאָלען ניט אַרױסרופען בײַ איהם אײן עקעל. איך גלױב ניט, אַז עס זאָלען זיך געפינען אַ סך קריסטען, װאָס זאָלען ניט פערשטעהן פונ'ם ערשטען קוק, אַז ס'איז אײן אױסגעטראַכטע זאַך, אַ פּזמון...

— און דאָך זענען דאָ צװישען אײַערע ברידער טױזענדער און טױזענדער, װאָס גלױבען דװקא, אַז ס'איז אײן אמת, ניט קײן פּזמון. אָט זאָגט מיר, אַלס אָרענטליכער קריסט, אױף אײַער הײליגע נאמנות, אַז ס'איז אײַך ניט דורכגעגאַנגען קײן מחשבה אין דער ערשטער מי-נוט, בעת איהר האָט איבערגעלײענט די װילדע געשיכטע פונ'ם גע-הרג'עטען טשיגירינסקי, אַז... טאָמער איז דאָס אײן אמת? אפשר האָ-בען דאָס טאַקי יודען געטאָן צוליעב מצה אױף פּסח?...

די אױגען, װאָס האָבען געקוקט אױפ'ן גאַסט, האָבען איהם גע-זאָגט, אַז ער האָט ניט װאָס צו בעהאַלטען זיך מיט זײַנע געדאַנקען, װאָרום זײ זעהען איהם דורך און דורך... און ער האָט דעריבער גאָר ניט בעװיזען אָפּצולײקענען, אָדער פּערענטפּערן זיך. ער האָט נאָר געפונען פאַר נױטיג צו בעמערקען דעם רב, אַז גראַד איז דעם פאַל האָט דער ספק בײַ איהם לאַנג נישט געקאָנט אָפּגעהאַלטען װערען, װאָרום קײנער װײס ניט די געשיכטע אַזױ גענױ, װי ער, װעלכער

האָט געקענט דאָס דאָזיגע יונגעל. ער האָט געקענט דאָס יונגעל, ער קען די מוטער, דעם שטיפפאָטער, דאָס גאַנצע געזינדעל... נאָכמעהר — ער איז איבערצייגט, און ער האָט דערצו בעוויזען, אַז דער מערדער פונ׳ם דאָזיגען טשיגירינסקי איז נישט קיין אַנדערער, ווי זיין שטיפפאָטער, וועלכער איז דער איינציגער, וואָס האָט געהאַט אַ אינטערעס אָפּצוריייניגען דאָס דאָזיגע אומשולדיגע בעשעפעניש פון דער וועלט...

— איהר האָט געקענט, זאָגט איהר, דאָס יונגעל? — האָט דער רב זיך אָנגערופען איבערראַשט, און שוין גאָר מיט איין אַנדער קול און מיט איין אַנדער פנים. — איהר, זאָגט איהר, קענט דעם שטיפפאָטער, די מוטער און זיי אַלעמען? איהר האָט, זאָגט איהר, בעוויזען? אָ! יונגער מאַן, יונגער מאַן! — מיט ביידע הענד האָט ער אָנגענומען דעם גאַסט ביי דער האַנד: אָ! יונגער מאַן, יונגער מאַן!

דער רב, וואָס איז געזעסען ביז אַהער אַזוי רוהיג, אַז ער האָט מיט זיין רוהיגקייט איבערראַשט פּאָפּאָווען, האָט זיך אין די אויגען פונ׳ם גאַסט מיט אַמאָל איבערגעביטען, איין אַנדער מענש געוואָרען. וואו איז אַהינגעקומען זיין גרויסקייט? זיין שטאָלץ?

— סטייטש, סטייטש! — האָט דער רב צו איהם געזאָגט. — איהר ווייסט גאָר אַליין ניט, יונגער מאַן, וואָס איהר האָט דאָ נאָר-וואָס געזאָגט. איהר ווייסט גאָר אַליין ניט, וואָס איהר קאָנט. איהר קאָנט מציל זיין אַ גאַנצע שטאָדט מיט יודען פון איין אומגליק, און אַ גאַנץ פאָלק פון אַ... פון... פון...

פּאַר גרויס אויפרעגונג האָבען איהם אויסגעפעהלט ווערטער. דער רב האָט אַרויסגעלאָזט דעם יונגען מאַנס האַנד, האָט אָפּגעזיפצט און האָט גענומען רוהיג, נאָר ריכטיג אויסמאָלען פאַר׳ן גאַסט אַ בילד, וואָס פאַר אַ וועלט-דראַמע דאָ שפּיעלט זיך אָפּ, וואָס פאַר איין אַגיטאַציע עס ווערט געפיהרט, און פון וואַנען דאָס וואַקסט, און ווי טרויעריג דאָס קאָן זיך אויסלאָזען פאַר יודען... ביים גאַסט אין די אויגען האָט דער רב אין דער מינוט אויסגעזעהען, ווי ער וואָלט עפּעס מיט אַמאָל קלענער געוואָרען, מיט אַ גאַנצען קאָפּ קלענער. ער האָט בעקומען אין זיינע אויגען מיט אַמאָל גאָר איין אַנדער פנים, אַ פנים פון אַ געוועהנליכען יודען, איינער פון יענע „מענשען-פליגען”, וואָס ער האָט נאָר-וואָס געטראָפען דאָרט אינ׳ם גרויסען וואַרטע-צימער רעדען מיט איבערגעשראָקענע פנימ׳ער: „אַ פּאָגראָם, אַ פּאָגראָם!”... „וואָס איז דאָס פאַר אַ מעשה?” — טראַכט זיך פּאָפּאָוו. — אַלע האָבען זיי מורא פאַר אַ

פּאָגראָם! וואָס ציטערן זיי אַזוי פֿאַר אַ פּאָגראָם? ניט שוין-זשע זענען זיי טאַקי אַזוי... אַזוי שוואַך? ניט שוין-זשע קאָנען זיי אין ערגיץ ניט בעווייזען קיין ווידערשטאַנד? זיי רעכענען זיך דאָ, אין דער דאָזיגער שטאָדט, צעהנדליגער טויזענדער!... אַ מאָדנע פאָלק דאָס איז! אַ מאָדנע פאָלק, אַ מאָדנע פאָלק!״...

אין דער מינוט האָט זיך געעפענט איין אינוועניגסטע טיר און אויף דער שוועל האָט זיך בעוויזען אַ מיטעליאָהריגע פרוי אין אַ פאַריק און עפּעס אַ זאָג געגעבען, פון וועלכען דער גאַסט האָט פערשטאַנען, אַז מע רופט דעם רב, אַפּנים, עסען. דער רב האָט געענטפערט: „באַלד-באַלד״. די טיר האָט זיך צוגעמאַכט און ער האָט זיך אָנגערופען צום גאַסט:

— זאָגט-זשע מיר, יונגער מאַן, וואָס האָב איך אייך געוואָלט פרעגען? יאָ. פון וואַנען קומט איהר צום דאָזיגען געזינדעל, ווי איהר רופט עס אָן? און וועלכע בעווייזען האָט איהר, אַז...

— אָ! איך קען עס זעהר, זעהר גוט! — האָט זיך דער גאַסט אַרויסגעדרעהט פון אַ גלייכען ענטפער און, מורא האָבענדיג, ער זאָל זיך ניט אַרויסכאַפּען מיט איין איבעריג וואָרט, וואָס קאָן האָבען אַ שייכות צו זיינע בעלי-בתּים, און דערמיט אַרויסגעבען זיך פאַר׳ן רב, אַז ער וואוינט ביי די שפּיראָס אונטער אַ יודישען נאָמען, האָט ער זיך צוגעאיילט אַריבערטראָגען דעם שמועס אויף איין אַנדער פונקט.

— זאָגט מיר, געעהרטער רראַבבי (דאָס וואָרט „רראַבבי״ האָט ער אַרויסגעזאָגט שאַרף, מיט צוויי רי״ש׳ען), זאָגט מיר, געעהרטער רראַבבי, וואָס איך וועל אייך פרעגען. איך בין איבערצייגט, און נישט איך אַליין, נאָר, ווי איך האָב אייך שוין געזאָגט, דער גרעסטער טייל קריסטען זענען איבערצייגט, אַז די גאַנצע געשיכטע פונ׳ם ריטואַל מיט׳ן קריסטליך בלוט צו דער יודישער מצה איז נישט מעהר ווי אַ פּזמון... איך אַליין האָב געהאַט אַ געלעגענהייט זיך צוקוקען, ווי די מצה ווערט ביי אייך געבאַקען, און בין געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז ס׳איז נישט מעהר ווי עפּעס אַ פאַנאַטישע לעגענדע פון פאַרצייטען. איך וואָלט נאָר וועלען וויסען, פון וואַנען נעמט זיך די דאָזיגע לעגענדע? און וואָס עפּעס גראָד נאָר אויף יודען? פאַרוואָס ניט אויף אַנדערע?...

דער רב האָט בעטראַכט דעם גאַסט איבעראַנייעס: „וואָס איז דאָס פאַר אַ יונגער מאַן, וואָס איז פערליעבט אין אַ יודיש מיידעל, און

איז גרייט צוליעב דעם זיך מגייר זיין, און קוקט זיך צו, ווי אַזוי מע באַקט ביי אונז מצות, און איז איבערצייגט, זאָגט ער, אַז ס'איז אַ לעגענדע, אַ בלבול, און פרעגט פונדעסטוועגן אַזעלכע קשיות, און דערצו איז ער פּערזענליך בעקענט מיט'ן געזינדעל פונ'ם ערמאָרדעטען טשיגירינסקי?... אויף איין רגע פליהט איהם דורך אַ מחשבה: „אפשר איז דער חברה-מאַן גאָר אַ פּראָוואָקאַטאָר?"... נאָר ניין. צו אַ באַאיוו תמימות'דיג פנים ביי איהם, און צו גוטע, צו אמת'דיגע אויגען, צו איין עהרליכער קוק... ניין. ניט אַזוי זעהט אויס אַ פּראָוואָקאַטאָר"...

און ער טרייבט אָפּ פון זיך די דאָזיגע שלעכטע מחשבה און רוקט זיך צו צום גאַסט נעהנעטער, ווייל איהם מכבד זיין מיט אַ פּאַפּיראָס, האָטש ער גליין, דער רב הייסט עס, איז ניט קיין רויכנער. דער גאַסט בעדאַנקט זיך: ער איז אויך ניט קיין רויכנער.

## דאָס אַכטאונדרייסיגסטע קאַפּיטעל.

### אַ פּעקעל ביכער.

— זעהט איהר, יונגער מאַן, — האָט איהם דער רב געזאָגט מיט אַ ביטער שמייכעל — זעהט איהר, ווי מע טאָר זיך ניט חאַפּען?... מיט אייער צופרעגען זיך: „פון וואַנען נעמט זיך עס? און וואָס עפּעס נאָר אויף יודען און ניט אויף אַנדערע?" — פערענטפערט איהר מיינע פריי-הערינע רייד, אַז אַזאַ ערנסטען שריט, ווי איהר ווילט מאַכען, בע-דאַרף מען זיך גוט איבערלייגען, און אַז מע בעדאַרף זיך, קודם-כל, נאָהענט בעקענען מיט דער „משפחה"... וואָרום ווי וואָלט איהר זיך דען געקאָנט רעכענען גליקליך מיט דער, וואָס אין איהר משפחה גע-פינען זיך אַזעלכע, וואָס בענוצען מענשען-בלוט?... איהר פּראָטעסטירט און זאָגט, אַז ניין? זאָג איך אייך, אַז זיך אַליין קאָנט איהר אויך ווינציג... אָט האָט איהר נאָר-וואָס געזאָגט, אַז איהר און דער בעס-טער טייל קריסטען זענט איבערצייגט, אַז דאָס איז, זאָגט איהר, אַ פּזמון און אַ בלבול און אַ לעגענדע. אין דער אמת'ען אָבער זענט איהר ווייט פון איבערצייגונג, און דאָס איז גאַנץ נאַטירליך, פּשוט דערפאַר, ווייל איהר קענט אונז ניט. איהר קענט אונז אַזוי פּיעל, וויפיעל מיר, למשל, קענען די חינעזער. איהר האָט נאָר גע-הערט פון אונז. מע האָט אייך אָנגעדולט אַ קאָפּ, אַז יודען זענען אַזעלכע און אַזעלכע. אַז מיר האָבען פערבאָרגענע סעקטעס און אַז די סעקטעס האָבען פערבאָרגענע מנהגים... נעמען אויף זיך די טרחה ליי-ענען אַלסדינג, וואָס איז הונדערטער מאָל אָפּגעלייקענט געוואָרען, אָדער אַליין זיך צוקוקען, נאָכפאָרשען, בעקענען זיך מיט אונז פון דער נאָהענט, — דערויף זענען ביי אייך ווינציג בעלנים. ווען איהר וואָלט זיך בעקענען מיט אונז אַ ביסעל נעהענטער, וואָלט איהר געזעהען,

וואָס פאַר אַ געלעכטער דאָס איז. איהר וואָלט אַרויסגעזעהען, אַז ס'איז ניטאָ ביי אונז קיין שום פערבאָרגענע סעקטעס מיט קיין שום פערבאָרגענע מנהגים, אַז אַלע אונזערע מעלות און חסרונות זענען פונקט דיזעלבע, וואָס ביי אייך, מיט איין אויסנאַהם. וואָס אַלע עבירות קאָנט איהר אונז אויסוואַרפען, אויסער איין עבירה פון בלוט פערגיסען... ביי אונז, נישט נאָר מענשליך בלוט, נאָר אפילו בלוט פון אַ בהמה און פון איין עוף, אַז מע דאַרף עס קוילען צום עסען וואָלט איהר געזעהען. וויפיעל דינים דערויף איז אָנגעשריבען און וויפיעל מאָל עס ווערט דערמאַנט ביי אונז, מיר זאָלען ניט עסען מיט'ן בלוט, ניט פאַרגיסען קיין בלוט, ניט זעהען קיין בלוט... אַ שאָד, וואָס איך האָב ניט פיעל צייט אַצינד און דאָרט וואַרטען אויף מיר אַ ביסעל יודען... (דער רב האָט געגעבען אַ קוק אויפ'ן זייגער, דער גאַסט האָט זיך אויפגעכאַפּט). זיצט, זיצט. ס'זאָל ניט זיין ערב-יום-טוב, — היינט אויפדערנאַכט האָבען מיר פסח — וואָלטען מיר וועגען דעם געשמועסט אַ ביסעל ברייטער. אויב איהר ווילט זיך בעקענען מיט דעם ענין אַ ביסעל נעהענטער, וועל איך אייך דיענען מיט וואָס איך קאָן. איהר וועט געפינען ביי מיר אַ גאַנצע ליטעראַטור. איך קאָן אייך געבען אַ בוך פון פּראָפעסאָר חוואָלסאָן, האָט איהר געהערט? ניין? (דער רב איז אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צו דעו' שאַפע מיט ספרים). איך קאָן אייך אויסלייהען דאָס בוך ביז איבער יום-טוב. איך קאָן אייך אויסלייהען נאָך אַ פּאָר ביכלעך, אַלץ וועגען ריטואַל. און אויב איהר ווילט שטאַרק, קאָן איך אייך מכבד זיין מיט נאָך אַ בוך פון אונזער גרויסען למדן און יודענקענער רב ליוטאָסטאַנסקי. ער, פערשטעהט איהר מיך, ציטירט גמרות, וואָס ניט געשטויגען ניט געפלויגען, און ברענגט דינים פון איין אייגענעם שולחן-ערוך, וואָס לא היה ולא נברא, און דאָך בעציהען זיך אונזערע געגנער אויף איהם ווי אויף אַ גרויסען בר-סמכא, און חאָטש ער איז אָפּגעלייקענט געוואָרען וויפיעל מאָל מיט אַלע זיינע שקרים וכזבים, דאָך איז ער נאָך עד-היום פערבליבען אין געוויסע קרייזען דער גרעסטער אויטאָריטעט...

עס האָט זיך געעפענט ווידער די אייגענע טיר און דיזעלבע פרוי מיט'ן פּאַריק האָט זיך בעוויזען, שוין אָהן ווערטער, נאָר אייבערגעקוקט זיך מיט'ן רב, וועלכער האָט זיך אָפּגעבעטען ביי איהר מיט די אויגען, אַז אָט געהט ער... דער גאַסט האָט זיך אויפגעהויי-

גען, זעהר שען אָפּגעדאַנקט פאַר די ביכער. ער האָט אַרויסגעזעהען, אַז וועגען דעם, וואָס ער איז געקומען אַהער רעדען, האָט ער איצט מעהר גאָרנישט וואָס צו רעדען. דער רב איז גערעכט געווען: ער האָט זיך צו שטאַרק געאײַלט: צו אַ האַרט ניסעל אָט דאָס יודישקייט אויף אײַנצובייסען אַזוי גיך... ער האָט אַ טעות געהאַט אין חשבון: ס'איז, אַפּנים, אַ סך גרינגער אָנגעקומען לאַפּידוסען אַרויסצוטרעטען פון יודישקייט, ווי איהם, פּאָפּאָווען, אַרייִנצוטרעטען... צו שטאָלץ איז ביי זיך דאָס דאָזיגע פאָלק. צופיעל האַלט דאָס פון זיך, גאָר נישט קוקענדיג דערויף, וואָס איז אַזוי וואָלוועל ביי דער וועלט!... וואָס וועט זיין ווייטער — ווייסט ער ניט. דערווייל דאַרף מען געהן.

און ער האָט גענומען דאָס פּעקעל מיט ביכער און אָנגעהויבען זיך געזעגענען, האָט איהם דער רב אָפּגעהאַלטען, געזאָגט, אַז, בישקשה, ער האָט נאָך עטליכע מינוט פון זיינטוועגען.

— אַלזאָ, יונגער מאַן, קעהרען מיר זיך אום צום פריהעריגען שמועס. ווי איך פערשטעה פון אײַערע רייד, זענט איהר נאָהענט צום געזינדעל פונ'ם ערמאָרדעטען טשיגירינסקי און איהר ווייסט, זאָגט איהר, אַז דאָס איז דעם שטיפפּאָטערס אַרבייט? מיר דענקען אויך אַזוי. מיר זענען איבערצייגט, אַז ס'איז אַזוי. נאָר וואָס קומט אַרויס פון אונזער איבערצייגונג, אַז ס'איז דאָ מענשען, וואָס געהען אויס נאָך אַ פּאָגראָם? איהר זעהט דאָך, עס געהט אַזאַ אַגיטאַציע און אַלע בלעטער פויקען: ריטואַל און ריטואַל!... און גראָד, אויף אונזער אומגליק, האָט זיך עס בעדאַרפט טרעפען ערב-פּסח... אָ! ווען איהר זאָלט וועלען אַרויסטרעטען!... שוין לאַנג, אַז איהר קענט זיך מיט די דאָזיגע לייט?

ראַבינאָוויטש-פּאָפּאָוו האָט ווידער מורא געהאַט זיך אַרויסחאַפּען מיט איין איבעריג וואָרט, האָט ער זיך געמאַכט, ווי ער הערט ניט, וואָס מע פרעגט ביי איהם, און אָנשטאָט צו געבען ענטפער, האָט ער בעסער אַ פרעג געגעבען ביים רב נאָך איין זאַך, וואָס איהם איז געווען קשה.

— נאָך אַ קליינינקייט, געעהרטער ררעבבי, האָב איך געוואָלט ביי אײַך פרעגען: וואָס איז דער שכל, פון וואַנען נעמט זיך עס, וואָס נאָר אַז עס קומט אין דער צייט, אַרום פאַר פּסח, שווימט אַרויף די דאָזיגע לעגענדע, און מע געפינט טאָ דאָ טאָ דאָרטען אַ...

— אַ „קרבן-פסח״? — חאַפּט איהם אונטער דער רב מיט זיין איי-דעלער איראָניע, און דער גערדאַנק פון פּראָוואָקאַציע לויפט איהם ווי-דער דורך אין קאָפּ, אָבער מעהר נישט ווי אויף איין רגע. און אויף זיין פּנים בעווייזט זיך זיין פריהעריג גוטמוטיג שמייכעלע: — איהר ווילט וויסען דעם שכל? דער שכל איז אַ פּראָסטער שכל. איך וועל עס אייך דערקלערען מיט אַ משל.

און דער רב, שוין שטעהענדיג מיט׳ן גאַסט ביי דער טיר, האָט רוהיג און פּאַמעליכען, ווי זיין שטייגער איז, און אַלץ מיט׳ן זעלבען שמייכעלע, דערצעהלט דעם משל:

— אַמאָל איז געווען אַ שיסער. אַ בריה אַ שיסער, וואָס האָט בע-וויזען קונצען, ממש מרעיש עולם געווען. דהיינו? אַלע מאָל, ווען ער זאָל ניט שיסען, האָט ער געטראָפען גלייך אין רעדעל אַריין. קיינ-מאָל נישט פערפעהלט! איז דעם עולם געוואָרען קשה: ווי איז דאָס מעגליך, אַז אַ מענש זאָל אַלע מאָל טרעפען אין רעדעל אַריין, קיין איינציג מאָל ניט פערפעהלען? האָט מען גענומען זיך נאָכצוקוקען און מען איז דערגאַנגען דעם סוד, אַז פריהער שיסט ער און דאָס רעדעל מאַכט ער שוין דערנאָך... דאָס איז דער משל. און דעם נמשל וועט איהר געפינען אין די דאָזיגע ביכער, וואָס איך האָב אייך געגעבען... איך האָף, אַז איהר וועט נאָך אַריינקומען צו מיר, מסתמא, באַלד נאָך יום-טוב. ס׳איז זעהר אינטערעסאַנט דאָס, וואָס איהר זאָגט וועגען דעם געפונענעם טשיגירינסקי, אַז איהר האָט איהם געקאָנט און אַז איהר ווייסט פּאַר זיכער דעם אמת׳ען מערדער... איהר וואָלט גע-קאָנט נוצליך זיין דעם אמת ביי דער אויספאָרשונג. עס וואָלט געווען אַ גרויסער יושר. איך מיין, אַז ס׳איז אייער חוב, אַלס מענש און אַלס קריסט...

— אָ! זייט זיכער... לאָז זיך נאָר אָנהויבען די רעכטע אויס-פאָרשונג... איך געב אייך מיין עהרען-וואָרט... אָט האָט איהר מיין האַנד.

און דער רב האָט מיט דאַנק אָנגענומען די דאָזיגע האַנד:

— איך גלויב אייך. אייערע אויגען זאָגען מיר, אַז איך האָב, דאַכט מיר, קיין טעות ניט... הלואי ס׳זאָלען זיין אַ סך אַזעלכע ווי איהר, וואָס זאָלען וועלען אונז קענען נעהענטער...

מיט אַ בעזונדער וואַרימקייט האָט דער רב איהם געדריקט די

האַנד, און אונזער העלד איז אַרויס פון דאָרט מיט'ן פּעקעל ביכער אונטערן אָרעם אַ צופרידענער, אַ לעבעדיגער, אַ פריילִיכער, ווי אַלע מאָל, גאָר נישט צו חלומ'ען אפילו, אַז דאָס פּעקעל ביכער, וואָס ער טראָגט, טראָגט ער עס ניט קיין פּעקעל ביכער, נאָר אַ פּעקעל צרות אויף זיין קאָפּ...

## דאָס נייענאונדרייסיגסטע קאַפּיטעל.

## שרה געפינט אַיין אוצר.

— זעה נאָר, וואָס האָב איך מיך אַוועקגעזעצט אָט אָ דאָ איך מיטען שטוב אין אַ ווינקעלע? שיער פערגעסען, אַז ס׳איז ערב-פסח!

אַזוי האָט שרה שפּיראָ זיך אויסגעשמועסט מיט זיך אַליין, זיך געגעבען אַ האַפּ אויף פונ׳ם אָרט, וואו זי איז געזעסען, און זי האָט זיך געגעבען אַ נעם צו דער אַרבייט אַזוי געשמאַק, אַז עס האָט גע-ברענט ביי איהר אונטער די הענד. גאַנצע בערג מיט מיסט זענען אַרויסגעקעהרט געוואָרען. גאַנצע שאַפּעס מיט ביכער זענען איבערגע-טרייסעלט געוואָרען, און פּאַפּירען, פון דער וועלט פּאַפּירען זענען פערברענט געוואָרען.

— משטיינס געזאָגט, אַ שטוב פון סאַמע לערנערס און פון סאַמע שרייבערס! אַלע לערנען און אַלע שרייבען: סיאָמקע שרייבט. בעטי שרייבט. דער קוואַרטיראַנט שרייבט. אין חמץ אַריין! אין חמץ אַריין!

אַזוי האָט געזאָגט שרה און געוואָרפען פּעק מיט פּאַפּירען פון אויווען אַריין, נישט געלעגט קיין כבוד אויף קיין זאַך: „צו וואָס דאַרף מען איבעריגע שמאַטעס? אַבי אַ הקדש!" און אָט אַזוי רייניגענ-דיג, איז זי אויסגעוועען אַלע מייזענלעכער, צווישען אַלע שאַפּעס, קאַמאָדען און שפּיגלען, אַריינגעקוקט אויף צום קוואַרטיראַנט אין טיש-קעסטעל אַריין, אין יענעם געוויסען טישקעסטעל, וואָס אַז מע וויל עס עפענען, קאָן מען נישט, חאָטש ס׳איז אָהן אַ שלאָס.

— אפשר האָט ער דאָרטען עפּעס חמץ ביי זיך? אַ קשיא אויף אַ מעשה! — האָט שרה אַ זאָג געגעבען צו זיך אַליין, אויסגעשאָלטען דאָס טישעל מיט טויטע קללות דערפאַר, וואָס סע וויל זיך נית עפענען,

און סוף־כּל־סוף אויסגעפיהרט איהרס: דאָס טישקעסטעל האָט זיך אויפ־געעפענט, און דאָרט האָט זי געפונען אַ גאַנצען אוצר.

ערשטענס, האָט זי דערזעהען אַיינגעוויקעלט ביי איהם צווישען די פּאַפּירען איהר טאָכטערס בילד. „ווי קומט אַהער בעטיס פּאָרטרעט, אַ שטייגער? מסתמא האָט זי איהם געשענקט... און בסוד, אַז מיר זאָלען ניט וויסען... די משמעות, אַז עס געהט ביי זיי אויף אַ גאַנג?... חאָטש אפילו איהר טאָכטער איז געגוג משוגע, מאַכט אָנשטעלען, וויל ניט, אַז מע זאָל דערמאַנען דעם נאָמען „שדוך"... נאָר עט! עס וועט זיך איהר העלפען! סוף־כּל־סוף וועלען זיי, מסתמא, קומען ביידע צו איהר, צו דער מאַמען הייסט עס, און מע וועט איהר אַנטפּלעקען דעם סוד, אַז מע האָט זיך ליעב און אַז... אַך, ווי דערלעבט מען דאָס שוין!"

אַזוי טראַכט זיך די גליקליכע מוטער, צונויפלעגענדיג איהם די פּאַפּירען און אַוועקלעגענדיג דאָס בילד צוריק אויפ'ן אייגענעם אָרט, און איהרע אויגען שטעלען זיך אָפּ עפּעס אויף אַ קליין ביכעלע, אָהן טאָוועלעך, און אָנגעשריבען איז אויף דעם מיט גרויסע אותיות: „מאָי דניעוניק" — „מיין טאָגביכעל" הייסט עס.

— זיין טאָגביכעל? — זאָגט שרה צו זיך אַליין און מישט אַ בלעטעל נאָך אַ בלעטעל, און דאָס האַרץ קלאַפּט איהר, און זי וואַקסט, וואַקסט, ווערט ברייטער ווי לענגער. זי וואָלט דאָס ניט געלייענט בשום אופן: וואָס געהט עס איהר אָן, וואָס יענער שרייבט דאָרט אין זיין טאָגביכעל? נאָר וויבאַלד זי האָט שוין געפונען ביי איהם אַיינגעוויקעלט בעטיס בילד, מעג זי שוין, דאַכט זיך, אַ קוק געבען, וואָס קאָן ער, אַ שטייגער, שרייבען אין זיין „טאָגביכעל"? אפשר וועגען איהר טאָכטער?... און כּך הוה, אַזוי ווי דאָס האַרץ האָט איהר געזאָגט: דער גרעסטער טייל פון זיין „טאָגביכעל" איז פערנומען מיט איהר בעטין: „היינט איז ער געגאַנגען שפּאַצירען מיט בעטין... היינט האָט ער גערעדט מיט בעטין... מאָרגען געהט ער אין טעאַטער מיט בעטין... בעטי האָט געזאָגט... בעטי האָט געלאַכט... בעטי האָט געפרעגט, בעטי האָט געשוויגען" — אַלץ אַזעלכע נויטיגע זאַכען! און זי האָט געמיינט, זי וועט געפינען עפּעס רעכטס...

אַזוי טראַכט זיך שרה און בלעטערט דאָס ביכעל אַ בלעטעל נאָך אַ בלעטעל און קאָן נישט געפינען, איהר זאָלט זאָגען, איין זאַך אַ רעכטע, אַ ערנסטע. כּדומה למשל, אָט שטעהט ביי איהם פערשריבען

אַ נייעס, אַז נעכטען איז ער געווען ביי די „חאַססידים” און געטאַנצט מיט די „חאַססידים”... אַ! דאָס מיינט ער אודאי פורימדיגע סעודה ביי אונזער שלמה פאַמיליאַנט — חאַ-חאַ-חאַ! אָט אַ שמויגער! אודאי בעדאַרף מען עס נאָך פערשרייבען אין אַ בוך — אין ספר פראַלגיק אַריין!... און פלוצים איז אויף איהם אַ גדולה, און ער פערשרייבט מיט אַ „הורראַ”: „היינט בין איך געווען ביי די מצות! איך אַליין בין געווען דערביי און בין צופרידען, זעהר צופרידען, וואָס איך בין אַליין געווען דערביי...” גליקליך ווי די ראַבע קאַץ!

ציַ, אַ שטייגער, אַזאַ מעשה, וואָס ער שרייבט ווייטער ביי זיך אין טאָגביכעל: „מאָרגען געה איך צום רב... כ׳וועל רעדען מיט איהם וועגען דאָגמאַטען און וועגען ריטואַל...” וואָס איז דאָס פאַר אַ מין שלאַק? זאָל זי אַזוי וויסען פון בייז, ווי זי הויבט אָן אפילו צו פערשטעהן, מיט וואָס מע עסט עס! ווייס איך — מסתמא נאַרישקייטען...

שרה שפּיראָ לעגט אַוועק דאָס טאָגביכעל אויך און וויל שוין צומאַכען דאָס טישקעסטעל, האָט איהר פלוצים אַ בלישטשע געגעבען אין די אויגען אַריין עפּעס זעהר אַ שען בריוועלע, געשריבען אויף רויט פאַפּיר. „דאָס דאַרף זיין איהר בעטיס אַ בריוועלע, מסתמא”, — לויפט איהר דורך אַ מחשבה אין קאָפּ, און זי צונעמט דאָס בריוועלעניין, ס׳איז ניט פון איהר בעטין. ווייזען ווייזט אויס, אַז דאָס שרייבט טאַקי אַ פרויענצימער, נאָר ניט בעטי. וואָס הייסט? זי קען ניט בעטיס האַנד? דאָס דאַרף זיין אודאי פון דער מוהמע די מיליאָנערשע... כדאי צו זעהען, כ׳לעבען. וואָס שרייבט איהם עפּעס די מוהמע? דאָס הייסט, שרה וואָלט בשום אופן נישט גענומען לייענען דאָס דאָזיגע בריוועלע, וואָרום וואָס געהט עס איהר אָן, וואָס אַ מוהמע אַ מיליאָנערשע שרייבט צו איהר פלימעניק צום סטודענט? נאָר וויל זי האָט שוין געפונען ביי איהם איהר טאָכטערס בילד, און וויל זי האָט שוין געזעהען אין זיין טאָגביכעל, אַז ער טראַכט כסדר פון איהר בעטין, איז אָהן אַיין אומגליק, אַז זי וועט זיך פערגינען אַ קוק טון, וואָס שרייבט איהם, למשל, די מוהמע די מיליאָנערשע וועגען שדוך? טאָמער אַזעלכעס, וואָס זי, שרה, דאַרף עס וויסען? נאָר הערט אַ מעשה: ס׳איז גאָר ניט פון דער מוהמע! די מוהמע זיינע, אויף וויפיעל שרה געדענקט, הייסט אויף אַ ל. (ליאַ), און דאָס בריוועל איז געחתמ׳עט מיט אַ פ. זי שרייבט זיך אונטער: „דיינע, דיך אייביג ליעבענדע, וואָס קושט דיך און האַלזט דיך, וויעראַ פ.” ווער קאָן

דאָס זיין אָט די וויעראַ פּ., וואָס קושט איהם און האַלזט איהם און שרייבט זיך אונטער „דיינע, דיך אייביג ליעבענדע״? — עפּעס אַ ליע-בע גאָר! און נאָך איין א י י ב י ג ע דערצו!...

אַז שרה האָט איבערגעלייענט דאָס דאָזיגע בריוועלע, ווייסט זי אַליין ניט, וואָס מיט איהר איז געוואָרען. עס האָט זיך איהר אויס-געדאַכט, עפּעס אַזוי ווי עמיצער וואָלט געקומען צו געהן און וואָלט אָנגערעדט פאַר איהר אַ באַרג מיט לשון-הרע אויף דעם, וואָס איהר איז ליעב...

אָדער אַזוי ווי דער ערגסטער שונא וואָלט זיך אַריינגעריסען און וואָלט זי אויסגעשאָלטען מיט טויטע קללות אויף אַלע פיער זייטען...

אָדער אַזוי ווי זי וואָלט געזעהען עפּעס אַ בייזען אַ וויסטען חלום...

אָט וואָס אין בריוועלע איז געשטאַנען:

„טייערער מיינער!

„דיינע בריעף צו אונז האָבען אין דער לעצטער צייט אָנגעהוי-„בען זיין אַזוי זעלטען און אַזוי קורץ, אַז עס געהען אונז דורך אָפּט-„מאָל אַלערליי שוואַרצע געדאַנקען... דער פּאַפּאַ זאָגט, אַז דו וועסט „שוין באַלד גאָר אויפהערען שרייבען. דער פּאַפּאַ איז די לעצטע צייט „נאָך מעהר קאַפּריזנע ווי געווען. ער בענקט אויך, נאָר ער וועט ניט „אַרויסווייזען פאַר קיינעם... דו קאָנסט דיר דען פאָרשטעלען, גרישאַ „מיינער טייערער, ווי איך און מיר אַלע קוקען שוין אַרויס אויפ׳ן „הייליגען פסח?... איך צעהל שוין פּשוט די טעג און הער ניט אויף „צו בעטען גאָט פאַר דיר, ער זאָל דיך ניט פערלאָזען, און דער „עיקר, עס זאָל דיר גרינג אָנקומען, און איך ווינש דיר גלענצענדען „ערפאָלג! הלוואי, דו זאָלסט אונז דערפרעהען צום הייליגען יום-טוב „מיט דער גוטער בשורה, אויף וועלכע מיר אַלע קוקען אַרויס, און „מעהר פון אַלעמען איך, דיינע, דיך אייביג ליעבענדע, וואָס האַלזט דיך און קושט דיך,

וויעראַ פּ.״

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

שרה האָט דאָס דאָזיגע בריוועלע אויך אַוועקגעלעגט צוריק אויפ׳ן אייגענעם אָרט, צוגעמאַכט דאָס טישקעסטעל און גענומען זיך צוריק צו איהר אַרבייט. נאָר אָך און וועה איז געווען צו דער אַרבייט. ס׳איז

שוין געווען גאָר ניט דאָס, וואָס פריהער. אַלסדינג איז איהר ווי גע-פאַלען פון די הענד. זי האָט כמעט גאָר ניט געוואוסט, וואָס זי טוט. איהר קאָפּ איז געווען אין יענעם בריוועלע פון יענער וויערא פּ., וואָס קושט איהם און האַלזט איהם, אַ מכּה איהר אַ גרויסע, וואו זי איז ערגיץ דאָרטען! — ווער קאָן זי זיין, אַ שטייגער, אָט די וויעראַ פּ.? — טראַכט זיך שרה, שטעלט זיך אָפּ אַלע מאָל און קנאַקט זיך אויס אַלע פינגער, ווי איהר שטייגער איז. — זאָל דאָס זיין גלאַט אַ מיידעל, וואָס איז אין איהם פערליעבט? (מע קאָן זיך פערליעבען אין אַזאַ שע-נעם בחור, וואָס האָט געענדיגט מיט אַ מעדאַל און האָט אַ מוהמע אַ מיליאָנערשע אָהן אַ קינד און אָהן אַ רינד!) וואָס-זשע איז זי מיט איהם אַזאַ נאָהענטע שמעלקע, וואָס זי שרייבט איהם „דו”?... און וואָס קוקט זי איהם אַזוי אַרויס אויפ'ן הייליגען יום-טוב? און וואָס הענגט זי זיך אַזוי אויף זיין האַלז?

שרה פערגעסט אַ ווײלע, נאָר זי קעהרט זיך אום צוריק:

— זאָל דאָס זיין אַ כּלה? — (ניט דערהאַרען וועלען דאָס די שונאים!) ווי וואָלט ער ניט דערמאַנט די גאַנצע צייט? און ווי וואָלט ער דאָס געהאַט אַ העזה צו שפּיעלען אַ ליעבע מיט איהר טאָכטער?... צוויי ליעבעס?... צוויי כּלות?... דאָס וואָלט שוין געווען ערגער ווי אין סדום! דאָס וואָלט שוין געווען הימעל עפען זיך, עק וועלט!... גיין. דאָס קאָן ניט זיין! ראַבּינאָוויטש איז ניט אַזאַ מענטש... דאָס קאָן ניט זיין! דאָס קאָן ניט זיין!...

שרה נעמט זיך ווידער צו דער אַרבייט. זי וואָלט וועלען פער-געסען — קאָן זי ניט. די דאָזיגע וויעראַ פּ. קריכט איהר גאָר פון קאָפּ ניט אַרויס! האָט איהר געהערט אַזאַ אָנשיקעניש? אָט אַיענער שלימזל, טומאַרקין, זאָל דאָ זיין אַציִנד, וואָלט זי דורך איהם אפשר געקאָנט געוואוירע ווערען, ווער דאָס איז... איז ער אָבער פערפאַלען געוואָרען, ווי אין וואַסער אַריין. וואָס טוט מען? זי וועט דאָך ניט פרעגען ביים קוואַרטיראַנט: „ווער איז אָט די וויעראַ פּ., וואָס איז אין אַייך אַזוי פערקאָכט?”... וואָרום זי וועט דאָך דערמיט אַליין אויס-געבען, אַז זי האָט זיך געפּאָרעט ביי איהם צווישען זיינע פּאַפּירען... נאָר וואָס טוט מען? וואָס פאַר אַיין עצה גיט מען זיך, מע זאָל דער-געהן, ווער איז אָט די וויעראַ פּ.?

אָט אַזוי האָט זיך נעבאַך די מוטער געבראָכען דעם קאָפּ אומ-זיסט, וואָרום זי זאָל זיין מיט אַכצעהן קעפּ, וועט איהר דען אַיינפאַ-

לען אַזאַ זאַך, אַז די ווירעאַ פּ. — דאָס איז ניט מעהר און ניט ווינצי-גער ווי אונזער העלדס אַ לייבליכע שוועסטער, וויעראַ פּאָפּאָוואַ?..

תחילת האָט שרה חשק געהאַט נעמען דאָס בריוועלע צו זיך און ווייזען דער טאָכטער, וואָס וועט זי זאָגען דערויף? אפשר ווייסט בעטי, ווער איז אָט די ווירעאַ פּ.? דערנאָך האָט זי זיך בעטראַכט, אַז ס׳איז ניט כדאי זיך אָנהויבען מיט אַזאַ עזות-פּנים. בעטי קאָן איהר אָפּשפּיעלען אַיין ערב-יום-טוב, למאי זי קוקט אַריין אין פרעמדע בריוו-לעך, אַז זי זאָל האָבען צו געדענקען. און אגב האָט איהר וועה געטאָן דאָס האַרץ, טאָמער ווייסט בעטי גלייך מיט איהר, ווער איז אָט די ווירעאַ פּ., וועט זי נעבאַך האָבען אַ פערשטערטען פסח..!

— נאַט אייך אַ נייעם שלימזל, אַ ווירעאַ פּ. אויף מיין קאָפּ! —

האָט שרה געזאָגט צו זיך אַליין און פאַר גרויס האַרצוועהטיג האָט זי געוואָלט זיין נוקם זיין אין איהר קוואַרטיראַנט און נעמען דאָס בריוועל און פערברענען דאָס אין חמץ. און הלואי וואָלט זי דאָס טאַקי מקיים געווען. הלואי וואָלט זי פערברענט דאָס דאָזיגע בריוועל מיט׳ן טאָגביכעל אינאיינעם, וואָלט זי אפשר אויסגעלייזט איהר קוואַרטיראַנט פון אַיין אומגליק, וואָס האָט געוואַרט אויף איהם און געלויערט, ווי מיר וועלען דאָס אין גיכען אַרויסזעהן בעשיינפערליך.

## דאָס פערציגסטע קאַפּיטעל.

## סיאָמקע — אַ כפּרה-היהנדעל.

אין דער צייט, ווען שרה האָט זיך געשלאָגען מיט דער דעה, צי זאָל זי צוריסנעמען צוריק דאָס בריוועלע, וואָס זי האָט געפונען ביים קוואַרטיראַנט אין טישקעסטעל, צי ניין, האָט זיך געלאָזט הערען פון דרויסען אַ קלונג.

— אָט דאָס דאַרף זיין אָדער דער קוואַרטיראַנט, אָדער בעטי, — זאָגט שרה צו זיך אַליין און לויפט אַראָפּ עפענען די טיר.

געקלונגען האָט דאָס אָבער ניט דער קוואַרטיראַנט און ניט בעטי, נאָר דווקא דער קליינער סיאָמקע. ער איז היינט צוריקגעקומען פון גימנאַזיע פריהער ווי אַלעמאָל.

— וואָס איז די מעשה?

מע האָט זיי נאָר-וואָס צולאָזט אויף פּסח אַלעמען, די יודישע ווי די קריסטליכע קינדער, און סיאָמקע וואָלט בעדאַרפט, אייגענטליך, קומען אַהיים מיט אַ גדולה, מיט אַ פרייד, ווי געוועהנליך. צום סוף איז ער אַריינגעקומען אַ פערוויינטער, אַ צוקנייטשטער, אַ צובייזטער. און ער האָט אויסגעבראָכען אין אַ געוויין, אַ יאָמער, אַ קלאָג.

— גאָט איז מיט דיר! סיאָמקעניו, טייערער מיינער, וואָס וויינסט דו? אַ שלעכטע אַטעסטאַציע? — פרעגט איהם די מוטער און איז שוין גרייט ברעכען די הענד.

— ניין. דווקא אַ גוטע אַטעסטאַציע. דווקא סאַמע פינפען.

— וואָס-זשע וויינסט דו?

— מע האָט איהם געשלאָגען.

— ווער?

— די חברים, די גימנאַזיסטען די קריסטליכע פון די עלטערע קלאַ-

סען. שוין אַרויסגעהענדיג פון גימנאַזיע, נאָכדעם ווי מע האָט זיי צו-לאָזט, האָט מען איהם אַוועקגעלעגט און מע האָט איהם גע׳הרג׳עט-געשלאָגען, אָט דאָ, און אָט דאָ, און אָט אָ דאָ...

— וועה איז דער מאַמע דיינער! פאַרוואָס? פאַרוואָס האָט מען דיך געשלאָגען?

ער זאָל וויסען פאַרוואָס! פאַר טשיגירינסקין, האָבען זיי גע-זאָגט, שלאָגען זיי איהם.

— פאַר וואָסער טשיגירינסקין?

— פאַר וואָלאָדקען, וואָס מיר האָבען איהם גע׳הרג׳עט, זאָגען זיי, אויף פסח און אויסגעצאַפּט זיין בלוט, זאָגען זיי, צוליעב אונ-זער מצה...

און סיאָמקע וויינט און חליפּעט און ווישט זיך די אויגלעך מיט בײדע הענד, און די מוטער קנאַקט אויס אַלע פינגער און בטל׳ט אויס אַלע בייזע, וויסטע, פינסטערע חלומות אויף איהרע שונאים׳ס קעפּ און אויף זייערע הענד און פיס, — ביז עס קומט זיך צונויף די גאַנצע שטוב, פריהער דוד, דערנאָך בעטי (דער קוואַרטיראַנט איז געקומען שפּעטער פון אַלעמען), צום לעצטען חמצ׳דיגען וואַרעמעס, וואָס ווערט אָפּגעהאַפּט אויף גיך, בחפזונ׳דיג, ווי עס פּאַסט פאַר ערב-פסח, ווען מע האָט קיין צייט ניט און ווען מע איז דערצו נאָך אויפגערעגט און מיט סכנות ביז פאַר׳ן קינד, וואָס איז אַזוי צוהרג׳עט און צובײלט געוואָ-רען, נעבאַך גאָט די נשמה שולדיג. אַלע האָבען געפיהלט, אַז עס האָט זיך גענומען אויף זיי עפּעס איין אומגליק, אַז אָט דער וואָלאָד-קע מיט זיין אומגעלומפּערט-שרעקליכען טויט איז אַ שטראָף פון גאָט אויף אַ גאַנצע שטאָדט מיט יודען, און מעהר פון אַלעמען האָט זיך עס אויסגעגאָסען אויף זיי, אויף די שפּיראָס, וואָס גראָד זיי בעדאַר-פען זיצען אין שכנות מיט אָט דער קיריליכען!... און איינער אויפ׳ן אַנדערען האָבען זיי אַרויפגעלעגט, אָדער געוואָלט אַרויפלעגען, די גאַנ-צע שולד פון זייער בעקאַנטשאַפט מיט קיריליכען און מיט איהר „משפחת׳ערע".

דער ערשטער איז אַרויסגעטראָטען דוד שפּיראָ און איז אָנגעפאַ-לען אויף זיין ווייב, למאי זי פיהרט בעקאַנטשאַפטען מיט גויישע שכנים און שכנה׳טעס. ער וואָלט, זאָגט ער, אָפּגעזעסען דאָ נאָך צעהן יאָהר, נאָך צוואַנציג יאָהר, נאָך הונדערט יאָהר — און וואָלט זיך נישט געיאָגט שליסען קענטשאַפט מיט אַ שכור קירילע און מיט אַ שכור׳טע

קירילי‌כע, און וואָלט ניט געוואָלט, זאָגט ער, אַז זיין קוואַרטיראַנט זאָל לערנען מיט איהר קדיש. וואָס פאַר מחותנים, זאָגט ער, זענען זיי מיט אַ גוי קירילע? און צו וואָס דאַרף ער, אַז זיין סיאָמקע זאָל שפּיעלען אין פערדלעך ניט מיט זיין גלייכען? — און נאָך אַ סך טענות און פּרעטענזיעס האָט דוד צו זיין ווייב און צו זיי אַלעמען.

- שוין? האָסט שוין געקאָנטשעט, צי נאָך ניט? — מאַכט צו איהם שרה. — דו ווע‌סט מיך אַמאָל אויך לאָזען אויסרעדען אַ וואָרט, צי ניין?

— פאַרוואָס ניט? פון מיינעטוועגען — אפילו צעהנטויזענד ווערטער.

— אויב אַזוי — מאַכט צו איהם שרה — דאַרף איך דיר דערצעהלען אַ נייעס, אַז דו ביסט אַ שפּיראָ, אַ שאַלאָווילע, אַ קוריערסקי-פּאָיעזד!

— מזל-טוב! — זאָגט איהר דוד און פערבייגט זיך.

— מיט מזל זאָלסט דו לעבען! — ענטפערט איהם שרה און ענדיגט איהר געדאַנק: — ווען דו זאָלסט ניט זיין קיין שפּיראָ און קיין שאַלאָווילע און קיין קוריערסקי-פּאָיעזד, וואָלסט דו געוואוסט, אַז די גאַנצע קענטשאַפט מיט קירילי‌כען וואַקסט פון דיין טאָכטער, און דעם פּלאַן, אַז דער קוואַרטיראַנט זאָל לערנען מיט קירילי‌כעס זוהנדעל, ווייס איך ניט, ווער ס׳האָט אויפגעגעבען. מיר דאַכט, אַז דאָס שטאַמט טאַקי פון ראַבינאָוויטשען אַליין...

אויף די רייד קומט אָן דער קוואַרטיראַנט און, דערהערט, אַז מע דערמאַנט דעם נאָמען ראַבינאָוויטש, קוקט ער אויף בעטין און פרעגט מיט די אויגען: „וועגען וואָס, אייגענטליך?”...

— האָסט אַ טעות, מאַמע, — שטעלט זיך אַרויס בעטי און רעדט אויף רוסיש, בכדי דער קוואַרטיראַנט זאָל אויך פערשטעהן: — דעם פּלאַן, אַז ראַבינאָוויטש זאָל מאַכען די אוראָקען מיט וואָלאָדקען, האָט אויפגעגעבען דווקא סיאָמקע. סיאָמקע האָט זיך בעריהמט פאַר וואָלאָדקען מיט די פינפען, וואָס ער ברענגט פון גימנאַזיע, האָט איהם וואָלאָדקע געזאָגט, אַז ווען ער וואָלט האָבען אַ רעפּעטיטאָר, אַזוי ווי סיאָמקע, וואָלט ער אויך געבראַכט פינפען אַהיים פון זיין אוטשילישטשע, — וואָלט איהם אפשר דער שטיפטאַטע אַזוי ניט געשלאָגען. האָט זיך סיאָמקע אויף איהם דערבאַרימט און צוגעשטאַנען צו ראַבינאָוויטשען, אַז ראַבינאָוויטש זאָל זיך נעמען לערנען מיט זיין חבר וואָלאָדקע האָטש אַ האַלבע שעה אין טאָג. וואָס? אפשר ניט אַזוי, סיאָמקע?

— צו וואָס בעדאַרפסט דו עדות? מע גלויבט דיר אַזוי אויך, אָהן אַ גבית-עדות, — זאָגט איהר די מוטער, וואָס איז דעם פריהמאָרגען אָנגעשטאָהלען אויפ'ן קוואַרטיראַנט מיט סכנות פאַר'ן שענעם בריוועלע, וואָס זי האָט אויסגעטרייסעלט ביי איהם היינט אין טישקעסטעל, — זי האָט שוין גאָר פערגעסען אפילו די מוהמע די מיליאָנערשע... און אויף דער טאָכטער איז זי געווען בייז, למאי זי נעמט זיך אָן דעם קוואַרטיראַנטס קריוודע און לעגט אַרויף די גאַנצע באַד אויפ'ן אומגליקליכען סיאָמקע. טאָמער איז קאַרג, הייסט עס, די קלעפּ, וואָס דאָס קינד האָט נעבאַך היינט געחאַפּט, בעדאַרף מען נאָך צושטעלען איהם אַ בענקעלע פאַר'ן משוגענעם טאַטען...

און כך הוה. אַזוי ווי זי האָט געטראָפען. דוד האָט מעהר ניט בעדאַרפט נאָר האָבען אויף וועמען אויסצולאָזען דעם כעס, האָט ער גענומען עסען און טאָטשען דעם „קליינעם וועוועריק", איהם דערגעהן די יאָהרען מיט ווערטער און מיט מוסר: „אַ מצוה! לאָז אַ יונגעלע וויסען, מיט וועמען צו פיהרען חבר'שאַפט און אויף וועמען צו האָבען רחמנות... געבענשט זאָלען זיין די הענד, וואָס האָבען איהם געשלאָגען".... און נאָך אַזעלכע ווערטער האָט דער פאָטער אַריינגעזעצט אינ'ם אומשולדיגען סיאָמקען, וואָס האָט איבעראַנייעס אָנגעהויבען וויינען און חליפען.

סיאָמקען איז, אַפּנים, בעשערט געווען, אַז היינטיגען טאָג זאָל ער זיין דאָס כפרה-היהנדעל ביי די שפּיראָס אין שטוב, וואו די אַטמאָספערע איז געוואָרען אַלע מאָל געדיכטער, גלייך ווי שוואַרצע וואָלקענס האָבען זיך פון ערגיץ אָנגערוקט אויף איהר, אַזעלכע וואָלקענס, וואָס מוזען זיך ענדיגען מיט אַ שטורם, מיט איין אויסגאָס... אַלע האָבען עס אין דער דאָזיגער שטוב כמו ווי געפיהלט און אַלע זענען געווען צוקאָכט אין דער דאָזיגער שטוב, און מעהר פון אַלעמען — דער קוואַרטיראַנט. איהם אַז מע האָט ביים חמצ'דיגען וואַרעמעס דערצעהלט אַקוראַט די מעשה, ווי אַזוי מע האָט היינט געשלאָגען סיאָמקען, — האָט ער אַוועקגעוואָרפען דאָס עסען. עס האָט איהם אויפגעטראָגען! זינט ער איז ביי די שפּיראָס אויף דער קוואַרטיר, געדענקען זיי ניט, ער זאָל זיין ווען אין כעס. תמיד אַזאַ ווייכער און אַזאַ ליעבער, איז ער מיט אַמאָל געוואָרען מלא רציחה. די אויגען האָבען זיך איהם עפּעס ווי איבערגעקעהרט. דאָס פּנים איז געוואָרען רויט. די געדיכטע שוואַרצע האָר פון קאָפּ האָבען זיך איהם אויפגע-

שטעלט, אויסגעזעהען ווי אַ גריווע, און ער איינגאַנצען האָט אויסגעזעהען עפּעס מאָדנע, טאַקי נאָר ווי אַ צורייצטע חיה.

— איך וועל עס ניט פערשווייגען! — האָט ער געדונערט און געבליצט. — אָט לויף איך אַוועק גלייך צום אינספּעקטאָר, צום דירעקטאָר, און מאַך זיי אַ וויסטען סוף! איך וועל זיי איבערקעהרען די גימנאַזיע מיט'ן קאָפּ אַראָפּ!

— ששש... ניט געהאַפּט און ניט געלאָפען און ניט איבערגעקעהרט קיין גימנאַזיעס! — רופט זיך אָן דוד שפּיראָ און ריהרט אָן דעם קוואַרטיראַנט דעם עלענבויגען. — מיט אייער לויפען און מיט אייער פילדערן וועט איהר גאָרנישט מאַכען. מיר זענען יודען, זיי זענען גויים, פאַרפאַלען!

דער קוואַרטיראַנט וויל זיך אָבער ניט בערוהיגען.

— וואָס הייסט, ס'איז פאַרפאַלען? ס'איז ניט פאַרפאַלען! אַזאַ זאַך קאָן מען ניט פערשווייגען!

— חאַ-חאַ, ניט פערשווייגען! און אַז איהר וועט שרייען, וואָס וועט איהר פועלן? — פרעגט איהם איבער דוד מיט אַ געלעכטער, מיט אַ געלעכטער פון יאַשטשירקעס. — איהר וועט נאָר פועלן איין זאַך: אַז דעם „קליינעם וועווריק" וועט מען בעטען מחילה פון גימנאַזיע אַרויס — און מיר וועלען בלייבען אָהן אַ פּראַוואָזשיטעלסטווע... אָט צו וואָס איהר קאָנט זיך דערשפּיעלען!

דער קוואַרטיראַנט קוקט אויפ'ן בעל-הבית מיט פער'חדוש'טע אויגען, און דער בעל-הבית שטעלט זיך אָפּ און רעדט ווייטער:

— איהר קוקט מיך אָן? — איך ווייס, וואָס איך רעד! גלויבט מיר, אַז איך ווייס. ביי אייך איז דאָס אַ שפּיעלעכעל: יאָ פּראַוואָזשיטעלסטווע, ניט פּראַוואָזשיטעלסטווע. פאַר נויט הויבט איהר אייך אויף — און זייט מיר געזונד. ווען האָרכט איהר? און איך האָב עס פיינט: איך וויל ניט, פערשטעהט איהר מיך, אַז פּאָליציע זאָל זיך מיט מיר ניאַנטשען. גענוג. ס'איז מיר שוין נמאס געוואָרען. די פּראַוואָזשיטעלסטווע ליגט מיר שוין אָט אָ דאָ!...

דוד שפּיראָ בעווייזט מיט דער האַנד אויפ'ן האַלז און נאַקען, פון הינטען. פאַרוואָס איז ביי איהם אויסגעקומען, אַז די „פּראַוואָזשיטעלסטווע" דאַרף ליגען ביי איהם אויפ'ן האַלז און נאַקען, פון הינטען — איז שווער צו פערשטעהן. נאָר נאָך די דאָזיגע רייד בלייבט דער קוואַרטיראַנט אָהן ווערטער.

„אַז מענשען האָבען נאָר איין זאַך אויפ'ן קאָפּ — „פּראַוואָזשי-

טעלסטוואָ״ — קאָן עפּעס זיין גוט?״ — טראַכט ער זיך, זעצט זיך אַוועק צוריק, און דוד שפּיראָ הערט ניט אויף צו דרש׳ענען:

— מיר זאָלען וועלען, הערט איהר, קוקען אויף די זאַכען און זיך נעמען צום האַרצען איטליכס מאָל, וואָס מע שלאָגט אונז און מע בערעדט אונז און מע מאַכט אונז מיט דער בלאָטע גלייך, וואָלטען מיר, נו־נו, בעדאַרפט אָדער ליגען אויפ׳ן פּנים כסדר און וויינען, אָדער האַלטען אין איין שרייען „שמע־ישראל״ און אין איין גוואַלדע־ווען, אַז מע בעליידיגט אונז. מיר דאַכט, אַז מע בעדאַרף שוין קיין גרעסערע בעליידיגונג פון דעם, וואָס עס ווערט אויף אונז אויסגעהאַוו־קעט אין דער דומע אין איין טאָג... אָדער צי דאַרף מען נאָך אַ גרעסערע בעליידיגונג פון דעם, וואָס מע שרייבט די לעצטע טעג אויף די בלעטער אַזוי פיעל פּאַסקודסטווע אויף אונז וועגען בלוט, אַז עס שלאָגט שוין צו דער גאַל — טפו!

ראַבינאָוויטש וויל אויך אַריינשטעלען אַ וואָרט, לאָזט ער זיך ניט. דוד שפּיראָ, אַז ער צורעדט זיך, איז געפעהרליך.

— וואָס וועט איהר מיר זאָגען? וואָס וועט איהר מיר דערצעה־לען מעשיות? איך ווייס פריהער, וואָס איהר וועט מיר זאָגען. איהר וועט זאָגען דאָס, וואָס אַלע מאָל: „מענשליכקייט״, „מענשען־עהרע״... איך ווייס עס, גלויבט מיר, גלייך מיט אייך. איהר זענט אודאי זעהר גערעכט און ס׳איז אודאי אַ פערדראָסיגע זאַך. ובפרט נאָך, אַז מע פאַלט אָן אויף אַ קינד, וואָס איז גאָט די נשמה שולדיג. אַלסדינג גוט און שען און פיין. מיר טאָרען אָבער ניט פערגעסען, אַז מיר זענען יודען און אַז מיר לעבען אין אַ ביטערער צייט... עס וועט איבערגעהן, גלויבט מיר, עס וועט איבערגעהן. עס וועט נאָך קומען אַ צייט, וואָס זיי וועלען חרטה האָבען. אָט וועט איהר זעהען!... און ער? סיאָמקע? מילא! ער וועט, אם ירצה שם, אויסוואַקסען, וועט ער פערגעסען... ווי איהר זעהט מיך אַ יודען, אַז ער וועט עס פערגעסען. ווי זאָגט מען עס ביי אונז: „ביז דער חתונה וועט זיך עס פערהיילען״...

ראַבינאָוויטש זעהט, אַז ס׳איז אַרויסגעוואָרפען: ער וועט דעם דאָזיגען מענשען ניט איבעררעדען. „אַ מאָדנע מענש! אַ מאָדנע פאָלק אָט דאָס יודישע פאָלק מיט אַ מאָדנער פּסיכאָלאָגיע!״...

— נו, גענוג דיר שוין צו וויינען און צו קלאָגען, מיין טייע־רער מעדאַליסט. ביז וואַנען איז דער שיעור? — זאָגט שפּיראָ צו סיאָמ־קען, וואָס צוויינט זיך איבעראַנייעס, ווערט שיער ניט צוגאָסען פאַר

געוויין. — נאַרעלע! גאָט וועט זיך מיט זיי אָפּרעכענען פאַר דיר און פאַר מיר אין פאַר אונז אַלעמען. ער איז אַ בטוח, נאַרעלע. ער, אַז ער וויל, קאָן ער. דו טו דיך אָן, נאַרעלע, און קום בעסער מיט מיר אַרויף אויף דער „אַלעקסאַנדראָווסקע״, נאַרעלע, וועל איך דיר קויפען נייע שטיוועלעך אַ פּאָר אויף יום-טוב, און פון דאָרטען וועלען מיר זיך אַראָפּחאַפּען אין קעלער אַריין נאָך וויין אויף ארבע כוסות...

דערהערט „נייע שטיוועלעך אויף יום-טוב״ און „וויין אויף ארבע כוסות״, ווערט סיאָמקע אַיין אַנדער קינד. דעם געשמאַק פון נייע שטיוועלעך אויף יום-טוב און דעם טעם פון געהן מיט׳ן טאַטען אין קעלער אַריין נאָך וויין אויף ארבע כוסות געדענקט ער נאָך פון פאַר-אַיאָהרען און פון פאַרצווייאָהרען און פון פאַרדרייאָהרען. און ער הויבט זיך אויף פאַוואָלינקע פונ׳ם אָרט און, חליפענדיג, ווישט ער מיט אַלע פינגער די אונטערגעשוואָלענע אויגלעך מיט׳ן רויטען נעזעל, און איז שוין גרייט צו פערגעסען די טרערען, מיט די קלעפּ, מיט׳ן בזיון, מיט אַלע מיט אַנאַנדער. „אַ קינד בלייבט אַ קינד, מיר פאַר זיינע ביינער!״ — טראַכט זיך די מוטער, וואָס קושט איהם און העלפט איהם מיט איהר פאַרטוך אויסווישען זיך דאָס ליכטיגע פנים מיט די לעצטע טרערען, וואָס הענגען איהם נאָך אויף די לאַנגע ברעמען, ווי קליינע טראָפּענס טוי אין אַ זומערדיגען פריהמאָרגען, בעת די זון געהט אויף... און דער פאָטער הערט נאָך אַלץ ניט אויף צו רעדען. ער האָט אויך רחמנות אויף זיין קינד, אפשר ניט ווינציגער ווי די מו-טער. ער וויל עס אָבער ניט אַרויסבעווייזען און נעמט זיך דאָס דאָ-זיגע געפיהל פערטרינקען אין ווערטער:

— נו? געגאַנגען זאָל ווערען! — זאָגט ער צו סיאָמקען און טרייבט מיט איהם קאַטאָוועס. — גיך און געשווינד, וואָרום ס׳איז ערב יום-טוב. נאַרעלע, מע קאָן נאָך דאָרטען אויסקויפען אַלע שטיוועלעך און חלילה ניט איבערלאָזען פאַר אונז קיין טראָפּען וויין אויף ארבע כוסות.

## דאָס איינאונפערציגסטע קאַפּיטעל.

## ווער איז גערעכט?

ריינשלעפּען דעם פּסח אין שטוב אַריין — איז ניט אַזאַ גרינגע זאַך, ווי עס ווייזט זיך אויס אויפ'ן ערשטען קוק. און ווער שמועסט, אין געמיינעם גראַד, וואו ס'איז ניטאָ קיין איבעריגע הענד — קומט עס אָן זעהר שווער, טאַקי ממש בקריעת ים-סוף. און דאָך קאָן זיך שרה שפּיראָ בעריהמען, אַז זי איז מיט'ן פּסח פאַרטיג געוואָרען בעצייטענס, מע קאָן זאָגען, נאָך גאָר פאַרפריה. די זון האָט נאָך אפילו ניט געקליבען זיך אונטערגעהן. אַ סך בעל-הבית'טעס אין איהר גראַד, וואָס אַרבייטען, אַזוי ווי זי, אַליין, אָהן דיענסטען, האָבען נאָך געהאַלטען גאָר פון פאָרענט, און ביי איהר איז שוין געווען כמעט איינגאַנצען פּסח'יג, האָטש נעם און זעץ זיך אַוועק צום סדר. אַלסדינג איז דאָ געווען ריין אַזוי ווי גאָלד. אַלעס האָט געשעמערירט און גע-פינקעלט און אַרויסגעזוונגען פון אַלע ווינקעלעך. דער טיש איז שוין געווען איבערגעצויגען מיט אַ שניי-ווייסען טישטוך, די לייכטער מיט די בענש-ליכט זענען שוין געווען גרייט. אויך די קערה מיט די מצות און דער וויין, וואָס דוד שפּיראָ מיט'ן זוהן האָבען געבראַכט צו טראָגען פון קעלער, אָנגעטאָן אין די גרינע און רויטע קאַפּסולען, זענען שוין געשטאַנען אויפ'ן טיש. אפילו דער מרור מיט'ן חרוסת האָבען זיך שוין געלאָזט הערען אין נאָז אַריין מיט זייער שאַרפען ריח פון פרישען נאָר-וואָס אָנגערייבענעם חריין.

שרה אַליין איז געווען נאָך האַלב-יום-טוב'דיג אָנגעטאָן, גע-שטאַנען מיט פערקאַטשעטע אַרבעל אין קיך, פערקלאָפּט מיט אייער די צופיהרטע מצה-מעהל, וואָס זי האָט נאָר-וואָס געקליבען זיך אויסגיסען אויף אַ הייסער מיט שמאַלץ אָנגעשמירטער סקאָווראָדע —

מאַכן לאַטקעס, די אמת'ע כשר'ע פסח'יגע לאַטקעס, געפּרעגעלט אויף פסח'יגער גענזענשמאַלץ, „עס מעג זיי עסען דער מלכות".

דוד איז נאָר-וואָס געקומען פון מרחץ, רויט ווי אַ צוויק, שטאַרק אָרומגעשוירען די פאות מיט די וואָנסיס און פאַרבייגעהענדיג פערהאַפּט דאָס בערדעל אויף אַ ביסעל (ער איז ניט שולדיג: דאָס האָט דער צירולניק אויף זיין אייגענע אחריות איהם אַ ביסעל צורעכט געמאַכט, ס'זאָל אויסקומען לייטענגלייך). איצט איז דוד געווען ביי זיך אין אַלקיר, אַראָפּגעוואָרפען פון זיך די וואָכעדיגע קליידער און אַריין אין יום-טוב אַריין. אין דער מינוט האָט ער געהאַלטען ביים איבערשטען העמד מיט'ן נייעם שניפּס. און ווייל דוד איז אַ מענש, וואָס האָט ליעב, ווי מיר ווייסען, אַלסדינג זאָל זיין אָפּגעטאָן אויף דער גיך, האָט דעריבער נישט דאָס איבערשטע שטאַרק אָנגעקראָכמאַליעטע העמד, נישט דער נייער שניפּס בשום אופן נישט געוואָלט זיך אונטערגעבען. זיי האָבען צייט. איז דוד געווען אויף זיי אש-להבה — ער זאָל זיי קאָנען צורייסען!

אין צווייטען אַלקירעל איז געווען בעטי. זי האָט זיך געמאַכט אַ נייע פריזורקע לכבוד יום-טוב, און דאָס איז געווען איין עבירה פאַר גאָט. נעמען אַזעלכע האָר, ווי די נאַטור האָט זי געבענשט, און פערבייטען זיי אויף דער שוואַרציאָהר ווייסט ווערמענס האָר — פע! נאָר וואָס וועט איהר טון מיט דער מאָדע? ווער וועט זיך עס איינשטעלען געהן אַקעגען שטראָם?...

נאָר איין סיאָמקע איז שוין געווען פאַרטיג אָנגעטאָן אין זיין גאַנצער אוניפאָרם מיט די גלאַנצענדיגע זילבערנע קנעפּ און אין די נייע שטיוועלעך, וואָס מע האָט איהם געקויפט אויף פסח און וואָס זענען געווען אַ רפואה, אַ באַלזאַם צו די קלעפּ, וואָס ער האָט היינט אין דער פריה געהאַפּט פון זיינע חברים. פיהלענדיג אויף זיך די דאָזיגע נייע שטיוועלעך, וואָס שמעקען נאָך מיט שוסטער, און צוהערענדיג זיך צום ריח-ניחוח פון דער פסח'יגער שמאַלץ, וואָס האָט זיך געפּרעגעלט ביי דער מאַמען אויף דער אָנגעגליהטער סקאָווראָדע, און אַריינקוקענדיג אין דער „הגדה של פסח", וואָס ווערט אַרויסגענומען ביי זיי פון צווישען די פערשטויבטע ספרים אַלע פסח, — האָט שוין סיאָמקע כמעט גאָר פערגעסען, אַז מע האָט איהם ווען ס'ניט איז אפילו אָנגעריהרט מיט אַ פינגער, חאָטש אפילו, מע זאָל זיך שטאַרק צוקוקען, וואָלט מען נאָך איצט אויף געקאָנט זעהען סמנים, בלוילעכע צייכענס אונטער

די אויגען... נאָר אַז מע האָט אַזעלכע שענע נייע שטיוועלעך, און עס לאָזט זיך הערען אַ ריח-ניחוח פון די פּסח׳יגע לאַטקעס, וואָס מע וועט באַלד אויפגעבען, און ביינאַכט שטעהט פאַר אַ סדר, און די פיער קשיות קען ער אויסווייניג, און אין קעשענע ליגט איין אַטעס-טאַציע פון גימנאַזיע מיט סאַמע פינפען, און פאַר די אויגען געפינט זיך אַזאַ שענע „הגדה של פסח״,— איז א חדוש, אַז עס האָבען זיך איהם פערהיילט אַלע וואונדען? מיר דאַכט, אַז מע זעהט פאַר זיך נאָר אַזאַ הגדה אַליין, איז שוין אַ כפרה אַלעס אויף דער וועלט.

די „הגדה של פסח״, וואָס סיאָמקע האָט זיך אין איהר אַזוי פערטיעפט, איז געווען ניט גלאַט אַזוי אַ הגדה פון יענעם מין הגדות, וואָס מע קריגט זיי פאַר אַ דרייער בכל תפוצות ישראל. ניין. דאָס איז געווען איין אַלטע הגדה, אַ ירושה ביי שפּיראָ׳ן פון די אמת׳ע, פון די סלאַוויטער שפּיראָס, מיט אַלע ל״ב פּירושים און מיט בילדער און אילוסטראַציעס. זי פערדיענט דעריבער, מען זאָל איהר שענקען אַ פּאָר ווערטער, ובפרט אַז די דאָזיגע הגדה האָט זיך דערלעבט אַזאַ כבוד, אַז פּאָליציע-לייט האָבען זיך מיט איהר אַרומגעטראָגען און עקספּערטען האָבען זי שטודירט, ווי מיר וועלען דאָס גאָר אין גיכען אַרויסזעהען פון די ווייטערע קאַפּיטלעך פון אונזער ראָמאַן.

דאָס הייסט, אייגענטליך, איז פון דער הגדה אַליין גאָר ניטאָ וואָס צו זאָגען, אַ הגדה ווי אַלע הגדות: מיט׳ן „מה נשתנה״, מיט׳ן „עבדים היינו״, מיט׳ן „לפיכך״ און מיט׳ן „חד גדיא״. דער עיקר זענען דאָ נאָר די בילדער. אמת, מע קאָן ניט זאָגען, אַז די בילדער זאָלען זיין אַי-אַי-אַי, געאַרבייט אויף זיי האָבען, אַפּנים, ניט די ערשטע קינסטלער פון דער וועלט, אַזוי אַז פּרעה מלך פון מצרים, וואָס איז אויסגעמאָלט אויפ׳ן ערשטען בלע-טעל, וואָלט גיכער אָנגעשטאַנען זיין אַ קצב איידער אַ קיסר, און משה רבינו מיט׳ן שטעקען האָט אויסגעוויזען ווי איין עכטער פּאָני, און זיין ברודער אהרן הכהן — ווי אַ גלח. יוסף הצדיק האָט געהאַט אַ מיידעלש פּנים, און פּוטיפרע האָט, פערקעהרט, געהאַפּט דעם אָפּ-בליק פון אַ מאַנסביל... דערפאַר זענען אָבער די עשר מכות געווען צומאָלט אויפ׳ן שענסטען אופן: „דם״ און „צפרדע״ און „כנים״ — אַלסדינג אַזוי נאַטירליך, אַזוי ראַיעל... אויך די פיער „בנים״ זענען געווען אויסגעמאָלט פיין, און בעסער פון אַלע — דער „חכם״. דאָס הייסט, פון זיין פּנים איז קיין בעזונדערע חכמה נישט געווען אַרויס-

צווזעהען, האָט זיך אָבער דער קינסטלער געקליגט איהם אויסצומאָלען מיט אַ פינגער אויפ׳ן שטערן, צו בעווייזען, אַז ער איז אַ מענש אַ בעל-מח. אויך דער „רשע" האָט זיך מיט זיין רשעות ניט אַרויסבעוויזען גאָרניט. פערקעהרט, אַ פנים דוקא אַ חנ׳עוודיגס, אַ נעבעכּעל. אַ גליק, וואָס אונטען איז געשטאַנען מיט גרויסע אותיות: רשע. אַניט וואָלט מען זיכער מיינען, אַז ער איז ניט קיין רשע, נאָר אַ צדיק... דער „תם" מיט׳ן „שאינו יודע לשאול" זענען געווען ווי איין מאַמע האָט זיי געהאַט:ביידע קורנאָסע און ביידע דעם קאָפּ אויף אַ זייט און ביידע צונומען די הענד, גלייך ווי זיי וואָלטען זאָגען: „וואָס ווייסען מיר? מיר זענען אידיאָטען. מיר ווייסען גאָרניט"...

דער גאַנצער אַנטיק פון די אילוסטראַציעס איז געווען די „עקדה", דאָס הייסט, אַ בילד, ווי אַזוי אברהם אבינו פיהרט זיין איינצאונאיינציגען זוהן יצחק צו דער עקדה, האָטש אפילו אין פלוג איז עס אַ שטיקעל קשיא: ווי קומט אַהער, אין פסח׳יגער הגדה, גאָר די עקדה פלוצים אין מיטען דערינען? און וואָס איז עפּיס אויסגעקומען דעם קינסטלער אויסצומאָלען אונזער ערשטען גוטען פּאַטריאַרך עפּיס טאַקי נאָר ווי אַ חוליגאַן, האָטש אפילו אין שיך און זאָקען, מיט אַ גרויסען ארבע-כנפות, און פאות לאַנגע, וואָס גאָט ווייסט, אויב מע האָט אַזעלכע פאות גאָר געטראָגען אין אברהם אבינו׳ס צייטען? און וואָס איז איהם עפּיס אויסגעקומען געבען אברהם אבינו׳ן אין האַנד אַריין ניט קיין חלף, נאָר אַ קאַווקאַזער שטעכמעסער, מיט וועלכען ער איז גרייט דורכצושטעכען דעם אומשולדיגען יצחק׳ס האַלז דורך און דורך?

די אַלע קשיות, וואָס מיר פרעגען, האָבען אָבער נישט אָנגע-קעהרט סיאָמקען אויף קיין האָר. אדרבה, ער האָט אָנגעקוואָלען פון אַלע בילדער, און בעסער פון אַלעם איז איהם געפעלען דוקא די „עקדה"—און געהט טוט איהם עפּיס! עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען—וואָס קען שוין, דאַכט זיך, זיין שענער פון דעם? און סיאָמקע דער-מאָנט זיך, וואָס ער האָט געלערנט מיט׳ן יודישען רבין אין חומש: ווי אַזוי גאָט האָט געוואָלט אויספּרובען אברהמ׳ען, האָט ער איהם געהייסען ברענגען פאַר אַ קרבן זיין „איינצאונאיינציגען בן-יחיד", און נאָכדעם, ווי אַזוי אברהם האָט איהם גענומען מיט׳ן האָלץ און פייער און מיט׳ן שעכטמעסער, און ווי אַזוי יצחק פרעגט זיך נאָך ביים טאַטען אויפ׳ן שעפּעלע, און ווי אַזוי דער טאַטע בינדט דעם זוהן,

נעמט דאָס מעסער און וויל שוין מאַכֿען חיק, — קומט צו פליהען אַ מלאך פון גאָט, און סיאַמקעס האַרץ, וואָס האָט געקלאַפּט טיק-טאַק, טיק-טאַק, ווי אַ זייגערל, בערוהיגט זיך, די טרעהרען, וואָס זענען דעמאָלט איהם געשטאַנען אין די אויגען, ווערען אין איין כהרף עין אויסגעטריקענט, און סיאַמקע איז זיך מחיה, וואָס גאָט האָט ניט דערלאָזט אַזאַ זאַך...

קוקענדיג אויפ׳ן דאָזיגען בילד, לעבט איבער סיאַמקע נאָך אַ מאָל די אייגענע געפיהלען, וואָס דעמאָלט: רחמנות אויף יצחק׳ן, די מורא פאַר אברהמ׳ען, ער זאָל איהם חלילה ניט קוילען, און פרייד, וואָס דער מלאך איז געקומען בעצייטענס און ניט דערלאָזט אַזאַ זאַך... און ער מישט אַ בלעטעל נאָך אַ בלעטעל, און ער קוועלט פון דער אַלטער הגדה מיט די שענע זעלטענע אילוסטראַציעס, און ער פיהלט זיך יום-טוב׳דיג, ווי אַלע האָבען זיך דאָ געפיהלט, אויסער איין מענשען אין דער דאָזיגער שטוב, — דאָס איז געווען דער קוואַרטיראַנט ראַבינאָוויטש.

ראַבינאָוויטש איז געזעסען ביי זיך אין זיין צימער פון נאָכ׳ן חמצ׳דיגען וואַרעמעס אָן איבער דער ליטעראַטור פון עלילת-דם, וואָס דער רב האָט איהם היינט אין דער פריה אויסגעליהען, געלייענט, ווי אַזוי יודען „געברויכֿען קריסטליך בלוט אויף פסח אין זייער מצה"; מיט איינעם וואָרט, ראַבינאָוויטש האָט געשטודירט „הלכות ריטואַל"... אָנגעלייענט זיך ווי אַ פויק מיט די שענע בלוטיגע פּראָצעסען, וואָס זענען פאָרגעקומען אין גראָדנאָ, אין וועליזש, אין באָריסאָוו, אין סאַראַטאָוו און אין אַנדערע שטעדט, וואו איין אויסגעלאָזענע שיקסע אָדער אַ געשמד׳טער אונטער-אָפיצער זענען געווען די איינציגע עקספּערטען און די איינציגע בעגלויבטע עדות-זאָגער, ווי אַזוי יודען זענען זיך נוהג מיט׳ן צאַפּען בלוט פונ׳ם גע׳הרג׳עטען קריסט ערב-פסח ביי די מצות באַקען, און נאָך אַזעלכֿע שענע מעשיות, וואו איטליכס בלעטעל און יעדער שורה שרייט: „שקר וכזב!... שאַנטאַזש!... דומהייט... פּראָוואָקאַציע!"...—חאַפּט ער זיך אויף, געהט זיך דורך אַ פּאָר מאָל הין און צוריק איבערן חדר, גלעט זיך די צופּאַטעלטע האָר, זעצט זיך אַוועק צוריק, נעמט אַרויס דאָס „טאָג-ביכֿעל" און שרייבט אַריין די דאָזיגע ווערטער: „היינטיגער טאָג איז ביי מיר אַוועקגעגאַנגען כמעט אינגאַנצען אויפ׳ן ריטואַל... איך האָב היינט גע... און איז אָפּגעהאַקט געוואָרען סאַמע אין

אָנהויב וואָרט. וואָרום עס האָט זיך פלוצים דערהערט אַזאַ מורא'דיגער קלונג פון אונטען, אַז די פען איז ביי איהם אַרויסגעפאַלען פון די פינגער. דאָס איז געווען יענער בעקאַנטער קלונג, וואָס לאָזט זיך הערען אין דער דאָזיגער שטאָדט, ווי מיר האָבען שוין איין מאָל בעמערקט, נאָר בעת עס ברענט און מע דאַרף ראַטעווען די נפשות, אָדער בעת עס איז אַיין „אָבלאַווע" אויף יודען

דוד שפּיראָ, וועלכער איז אויף דעם קלונג מעהר מבין פון אַלעמען, האָט גלייך אַ זאָג געגעבען: „פּאָליציע!" און האָט געחאַפּט אויף זיך די קאַפּאָטע און געוואָלט לויפען אַראָפּ, האָט איהם שרה אָפּגעהאַלטען און, ווי געוועהנליך, געוואָלט איבערשפּאַרען:

— וואָס לויפסטו? נאַ דיר גאָר פּאָליציע! וואָס איז עפּיס אַין מיטען דערינען דיר אַיינגעפאַלען „פּאָליציע"? מיר דאַכט, אַז זינט די וועלט שטעהט, איז אַ מנהג, אַז אַיין אָבלאַווע מאַכט מען ביינאַכט, ניט בייטאָג.

— אַ משל, דעריבער געהען די קאַטשקעס באָרוועס! פון וואַנען ווייסטו, אַז אַיין אָבלאַווע?

— וואָס דען? גוט-יום-טוב בעטען איז מען צו דיר געקומען פלוצים אין מיטען דערינען ערב-פסח פאַר'ן סדר?

— אַיין אַקציע מיט דער יודינע! אומעדום בעדאַרף זי אַרויס-ווייזען, אַז זי איז אַ בהמה! האָסט דו געהערט אַ ביסעל! אַז איך זאָג פּאָליציע, איז פּאָליציע!

עס ווייזט אויס, אַז די, וואָס זענען געשטאַנען ביי דער טיר, האָבען קיין צייט נישט געהאַט צו וואַרטען, ביז מאַן און ווייב וועלען זיך אַמאָל אויס'טענה'ן, וואָרום עס האָט זיך באַלד דערהערט אַ צווייטער קלונג נאָך אַ שטאַרקערער פונ'ם ערשטען, אַזאַ קלונג, וואָס דאַכט זיך אויס, אַז ער וועט שוין קיינמאָל ניט אויפהערען. און דער בעל-הבית מיט'ן קוואַרטיראַנט האָבען זיך ביידע, יעדער פון זיין צימער, געלאָזט לויפען אַראָפּ פון די טרעפּ, שיער ניט אומגעוואָרפען איינער דעם אַנדערען; ביידע זענען זיי געלאָפען וואָס גיכער עפענען די טיר — און שטעלט אַייך פאָר אַ שענס! געטראָפען האָט דאָך טאַקי ער, ניט זי! וואָס דען? ער איז אַ יונגעלע? אַז ער זאָגט דיר פּאָליציע, איז פּאָליציע...

און דוד שפּיראָ, חאָטש ער איז געווען אַזוי, אַז אַ שענערען

לעגט מען אין דער ערד אַריין, האָט נאָך פונדעסטוועגען געפונען אין זיך גענוג כּח אַ זאָג צו געבען מיט אַ געלעכטער צום ווייב, וואָס איז געבליבען שטעהן מיט די האַלב-פאַרטיגע לאַטקעס אויף אַ מינוט צום חלש׳ען:

— נו? ווער איז גערעכט?...

## דאָס צוויי און פֿערציגסטע קאַפּיטעל.

## דער ערשטער „אָביסק“.

פון דער גאַנצער חאַליאַסטרע אומגעריכטע געסט, וואָס האָבען זיך אַריינגעריסען צו די שפּיראָס, האָט דוד דערקענט מעהר נישט אַז איינעם; דאָס איז געווען זיינער אַיין אַלטער בעקאַנטער „אָקאָלאָ-דאָטשניק“, וואָס דוד האָט איהם נישט איין מאָל „גע׳נתנ׳ט אין יד אַריין“ סיי אונטער אַ יום-טוב, סיי אין די טעג פון אַ גאַנץ יאָהר. נישט נאָר אַ גוטער בעקאַנטער איז דאָס געווען, נאָר טאַקי, מ׳קען זאָגען, אַ גוטער פריינד. עס זענען געווען צייטען, וואָס דער עסק איז ביי זיי געגאַנגען אויף „דו“, דאָס הייסט נישט, חס ושלום, אַז דוד האָט געזאָגט דעם „אָקאָלאָדאָטשניק“ דו, נאָר פערקעהרט, דוד איהם „איהר“, און ער דוד׳ן „דו“, און דאָס אַליין איז דאָך שוין אַ סימן, אַז מ׳איז ביים פריץ אַ שטיקעל חשוב... אויסער דעם דאָזיגען „אָקאָלאָדאָטשניק“, זענען אַלע אַנדערע אָקאָלאָדאָטשנע נאַדזיראַטעליעס און די אַלע איבעריגע פאַרשוינען געווען פאַר שפּיראָ׳ן אינגאַנצען פרעמד. עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַז דאָס זענען מענשען, וואָס גע-הערען זיך מיט פראַוואָזשיטעלסטווע גאָר נישט אָן. איינער מיט אַ ליסינע און מיט גוטע גרויע אויגען, נישט קיין גרויסע עפּאָלעטלעך, זעהט אויס עפּעס אַ מין „סודיאַ“, אָדער אַ „סודעבנע סלעדאָוואַטעל“, אָדער גאָר אַ פּרעדסעדאַטעל פון „אָקרוזשנע סוד“, און נאָך איינער אַ פיינער יונג מיט שענע וואָנסעס, אַנ׳אָפּיצער, און אפשר אַ „פּאָלקאָוו-ניק“, נאָר, דאַכט זיך, אַז נישט גלאַט אַ פּאָלקאָווניק, נאָר אַ זשאַנ-דאַרמסקי פּאָלקאָווניק...

אַיין אַנדערען אויף שפּיראָס אָרט וואָלט אַזאַ זאַך אפשר נישט אָנגעריהרט אין דער לינקער פּאה: לאָז זיין אַ פּראָסטער פּאָלקאָווניק,

לאָז זיין אַ זשאַנדאַרמסקי פּאָלקאָווניק—ווען גייט עס אָן? דוד שפּי-
ראָ איז אָבער נישט אַזאַ מענש. אין די זאַכען, וואָס זענען שייך צו פּאָליציע און צו פּראַוואָזשיטעלסטווע, האָט ער זיך, ווי מיר ווייסען, אַלע צייהנער אויפגעגעסען, און ער קאָן בשום אופן נישט פערשטעהן, וואָס האָט דאָ צו טון „אָקרוזשנע סוד“? און וואָס פאַר אַ מחותן איז דאַ אַ זשאַנדאַרם מיט פּראַוואָזשיטעלסטווע?

נאָך איינער, אַ דריטער, איז דאָ געווען, וואָס האָט אויסגעזעהען דוד'ן זעהר קענטליך. דאָס איז געווען אַ הויכער, אַ געזונטער פּאַרשוין מיט ברייטע פּלייצעס און מיט גראָבע ליפּען, מיט בלויע ברילען אויף די אויגען, און געגאַנגען אָנגעטאָן איז ער ציוויל, גאָר נישט ווי אַ טשינאָווניק, און געהאַלטען האָט ער זיך עפּעס מאָדנע, האַרט ביי די ווענט, נישט אַרויסגעלאָזט קיין וואָרט פון'ם מויל, נאָר צוגעגאַנגען אַלע מאָל אויף די שפּיץ פינגער אָדער צום „סודיאַ“ אָדער צום זשאַנ-
דאַרם, אַ וואונק געגעבען מיט די בלויע ברילען און צוריק אַוועקגע-
שטעלט זיך ביי דער וואַנט. „דעם פויגעל, האָב איך, שיינט מיר, אַמאָל ערגעץ געזעהען... דער נפש הויבט מיר נישט אָן צו געפע-
לען“, — טראַכט זיך דוד און קאָן זיך בשום אופן נישט דערמאָנען, ווען און וואו האָט ער זיך מיט איהם בעגעגענט...

נאָר אויב דוד שפּיראָ ווייסט נישט, ווער דאָס איז, האָט איהם זיין טאָכטער בעטי, און באַלד נאָך איהר דער קוואַרטיראַנט ראַבינאָ-
וויטש, גלייך דערקענט, אַז דאָס איז דער פּאַרשוין מיט די גראָבע תאווה'דיגע ליפּען, וואָס האָט געהאַט אַמאָל, תחילת ווינטער, אין יע-
נער געווויסער נאַכט, אָבגעפיהרט ראַבינאָוויטשען אין חדר אַריין. און חאָטש ער טראָגט איצטער געדיכטע בלויע ברילען, דאָך זעהט בעטי, אַז ער לאָזט פון איהר קיין אויג נישט אַראָב, און זי ווייסט נישט, וואָס מיט איהר איז, נאָר זי קאָן נישט איבערטראָגען דעם דאָזיגען קוק, זי האָט מורא — זי ווייסט נישט פאַר וועמען, זי ציטערט — און ווייסט נישט פאַר וואָס... און אַזוי ווי דעמאָלט אין טעאַטער, אַזוי אויך איצט קוקט זי זיך איבער מיט'ן קוואַרטיראַנט, פרעגט איהם מיט די אויגען: „ס'איז ער?“ — „ס'איז ער“, ענטפערט איהר ראַבינאָוויטש אויך מיט די אויגען און שמייכלעט צו, אַז איצט איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבען...

דוד שפּיראָ מעג זיך טאַקי בעריהמען, אַז זינט ער האָט צו טון מיט פּראַוואָזשיטעלסטווע, מיט אָבלאַוועס און מיט פּאָליציע, איז

ער נאָך קיינמאָל אַזוי רוהיג נישט געווען, ווי אַצינד. דאָס האַרץ איז איהם געווען, ווי מ'זאָגט, אויף איין אָרט, און ער האָט זיך גע־האַלטען מיט די אומגעריכטע געסט טאַקי ווי אַ מאַלאָדיעץ. ער האָט נישט געפרעגט ביי קיינעם, וואָס און ווען. ער האָט נאָר פערלעגט די הענד אַהינטער און כמו ווי מיט אַ שמייכעלע געקוקט און געוואַרט: „וואָס וועט דאָ זיין?"

לאַנג וואַרטען האָט ער אָבער נישט בעדאַרפט. צו איהם איז צוגעגאַנגען דער בעקאַנטער „אָקאָלאָדאָטשניק" און, בעת די איבעריגע פּאַרשוינען זענען געשטאַנען און בעטראַכט פריהער די סטעלי, דער־נאָך די ווענט, דערנאָך די פּאָדלאָגעס, האָט ער געגעבען צו וויסען שפּיראָ'ן, ווי אַ גוטען בעקאַנטען, אַז מען איז געקומען צו איהם מאַ־כען אַן „אָביסק".

שפּיראָ קוקט אויפ'ן אָקאָלאָדאָטשניק גאַנץ רוהיג.

— אַן אָביסק? וואָס פאַר אַן אָביסק? איך האָב עפּעס געגנב'עט?

— געגנב'עט נישט געגנב'עט — ענטפערט איהם דער אָקאָלאָדאָטש־ניק האַלב אָפיציעל האַלב אַלס גוטער בעקאַנטער — נאָר זוכען דאַרף מען. אפשר וועט מען עפּעס געפינען...

— אָך, מיט'ן גרעסטען פערגעניגען! — זאָגט איהם שפּיראָ און צולאכט זיך ממש.

שרה פערשטעהט נישט, וואָס איז דאָס אויף איהר דוד'ן אַזאַ גדולה, וואָס ער לאַכט.

— איין אָביסק ווילען זיי מאַכען, — זאָגט דוד צו זיין ווייב און גיט איהר צו פערשטעהן, וואָס הייסט אַיין אָביסק: זיי ווילען זוכען...

— וואָס ווילען זיי זוכען? דעם נעכטיגען טאָג? דעם פאַראַיאָה־ריגען שניי?

— וואָס געהט עס דיך אָן? לאָזען זיי זוכען.

אין דער צייט, ווען מאַן און ווייב האָבען זיך אויסגעשמועסט, האָט דער פּאַרשוין מיט די בלויע ברילען אַ וואונק געגעבען צום אָקאָלאָדאָטשניק, אָנגעוויזען אויף דער פערשלאָסענער שאַפע, און דער אָקאָלאָדאָטשניק איז צוגעגאַנגען צו דוד'ן, ווי צו זיינעם אַן אַלטען בעקאַנטען, און געהייסען זיך געבען די שליסעלעך פון דער שאַפע.

— ווי קומט צו מיר שליסעלעך? — מאַכט צו איהם דוד אַלץ מיט אַ געלעכטער, — שליסעלעך דאָס איז איהר עסק...

— שרה! — רופט ער זיך אָן צום ווייב אויף יודיש, — וואו זע־

נען די שליסעלעך? עפען זיי אויף די שאפע.

— וואס הייסט, איך זאל זיי עפענען די שאפע? — מאכט צו איהם שרה מיט שרעק. — דארט ליגט דאך די מצה!

— און אז די מצה איז וואס? בהמה, זיי ווילען דיר אויפעסען די מצה?

— וואס רעדסטו? זיי ווילען נישט אויפעסען די מצה, נאר זיי ווילען מיר חמצ׳דיג מאכען די מצה מיט׳ן גאנצען פסח!...

פונ׳ם דאזיגען שמועס, וואס איז געגאנגען אויף יודיש, האבען די געסט פערשטאנען נאר איין ווארט „מצה״, וואס איז איבערגע-חזר׳ט געווארען אזוי פיעל מאל, און פון שרה׳ס איבערגעשראקען פנים איז געווען ארויסצוזעהען, אז עס גלוסט זיך איהר נעבעך זעהר נישט אויפעפענען די שאפע, האבען זיי זיך מאדנע איבערגעקוקט, גלייך ווי זיי וואלטען זאגען:

„עס וויס די קאץ, וועמענס פלייש זי האט אויפגעגעסען...״

דוד שפירא האט אנדערש פערשטאנען דעם דאזיגען קוק: איהם האט זיך אויסגעדאכט, אז די פריצים לאכען פון זיין ווייב, וואס זי ציטערט אזוי איבער דער מצה, איז ער גרייט געווען גלייך מיט זיי נעמען אנ׳אנטייל אינ׳ם דאזיגען געלעכטער.

ער איז דאך אויך א מאנסביל, רופט ער זיך אן צו זיי, קוקענ-דיג אויף זיין פרוי, מיט א געלעכטערל:

— אלע ווייבער זענען גלייך, חע, חע! — זי האט מורא, איהר זאלט איהר נישט חמצ׳דיג מאכען די מצה, חע, חע.

אויף גוייש איז דאס ביי איהם אויסגעקומען, ווי מע קאן זיך פארשטעלען, נאך מיט מעהר חן:

— אנא באאיטסא, טשטאב וויניע אחאמעצאוואלי יעיא מאצו, חע, חע!

— וואס הייסט עס „חאמעצאוואלי״? — פרעגען זיי ביי שפירא׳ן, און שפירא פוילט זיך נישט און ערקלערט זיי, ווי אזוי מען מאכט חמצ׳דיג פסח׳דיגע מצה.

און בכדי זיי זאלען איהם בעסער פערשטעהן, בעווייזט ער זיי מיט אלע זיינע צעהן פינגער, אז נאך זיין ווייבס שכל קומט אויס, אז וויבאלד זיי ריהרען זיך נאר צו צו דער מצה מיט זייערע חמצ-דיגע הענד, אזוי, מיינט זי, איז שוין קאפוט מיט דער מצה, אויס מצה, חאטש נעם ווארף זי ארויס אין דרויסען, חע, חע...

מע קען נישט זאָגען, אַז אַזאַ געבען צו פערשטעהן זאָל זיי זיין שטאַרק צום האַרצען, און יענער, וואָס האָט אויסגעזעהען ווי אַ זשאַנדאַרם, האָט זיך, ווייזט אויס, גאָר בעליידיגט, טאַקי נישט אויף קאַטאָוועס. ער האָט אַ זאָג געגעבען צום אָקאָלאָדאָטשניק: „מ'זאָל עפּענען די שאַפע!" איז דער אָקאָלאָדאָטשניק צוגעגאַנגען צו שפּיראָן, אַרויפגעלעגט איהם די האַנד אויפ'ן אַקסעל און אַ זאָג געגעבען אי'הם מיט'ן האַרבען וואָרט, שוין נישט ווי אַ גוטער בעקאַנטער, נאָר ווי אַ טשינאָווניק: עס זאָל געעפענט ווערען די שאַפע! און די שאַפע איז געעפענט געוואָרען.

און אַך! וואָס פאַר אַ בילד עס האָט זיך בעוויזען פאַר אַלעמענס אויגען: גאַנצע דריי אונטערשטע פּאָליצעס זענען געווען אָנגעפּאַקט פון אויבען ביז אַרויף מיט ווייסע אויסגערעדעלטע און צוגעברענטע מצות, וואָס האָבען אַרויסגעקוקט און געשמייכעלט און גלייך ווי געבעטען זיך, מע זאָל זיי שוין אַמאָל אַרויסנעהמען פון דאַנען און טון דאָס, וואָס יודען טוען מיט זיי, אַז עס קומט פסח: צושפּאַלטען און צוברעכען און צוברעכען און צושטויסען און מאַכען פון זיי דאָס, וואָס מע מאַכט ביי יודען, אַז עס קומט פסח: קניידלעך, אָדער לאַטקעס, אָדער בלינ-צעס, אָדער אַ טייגעכץ, אָדער פאַרפעלעך, אָדער גלאַט פּראָסטע צו-געפרישטע מצה מיט אַנ'איי און מיט פסח'יגער גענזענשמאַלץ.

דאָס איז געווען אויף די דריי אונטערשטע פּאָליצעס. אויף די אויבערשטע צוויי פּאָליצעס זענען געווען אויסגעלעגט מיט ווייס פּאַ-פּיר און רייך בעזעצט מיט כל טוב. דאָרט האָט זיך געפונען אַ גאַנ-צער אוצר: ברייטע מאַקרעטעס מיט אייער, טעפּלעך מיט שמאַלץ, ציבעלעס און חריין און פעפער און זאַלץ און פּאַסטערנאַק און עפּעל און פלוימען און ראָזינקעס און ניסלעך און מאַראַנצען, און העט-העט ווייט, אויבענאָן אין ווינקעלע, איז זיך געשטאַנען בעזונדער, אַליין, ווי אַ מיוחס, עפּעס אַ מאָדנע ערדענע כלי, אַ טאָפּ ניט קיין טאָפּ, אַ סלאָי נישט קיין סלאָי, מיט אַ ווייס פּאַפּיר צוגעדעקט און מיט אַ רויי-טען זיידענעם פּאָדים אַרומגעבונדען, און אַ בלעטעל איז געווען אויף דער כלי אָנגעקלעפּט מיט גרויסע געכ'תיב'עטע אותיות:

כשר של פסח.

אויף קיין זאַך האָבען זיך אַזוי חברה נישט פערקוקט, ווי אויף דער דאָזיגער כלי. פּאַוואָלינקע, פּאָרזיכטיג, ווי עפּעס איין אבן-טוב, איז זי אַרויסגעצויגען געוואָרען פון שאַפע, און צווישען דעם אדון

מיט דער ליסינע און צווישען דעם בעל-הבית דוד שפּיראָ איז פאָרגע-קומען אַ געשפּרעך, וועלכען מיר גיבען איבער פּינקטליך:

— וואָס איז אָט דאָס אָ?

— דאָס איז אַ מתנה אויף פּסח.

— פון וועמען אַ מתנה אויף פּסח?

— פון מיין שוועסטער.

— ווער איז אייער שוועסטער?

— זי איז אַ נגידית, דאָס הייסט אַ נגיד'ס אַ ווייב, דאָס הייסט איהר מאַן איז אַ יוד אַ נגיד און אַ פרומער, אַ חסיד הייסט עס, פון די חסידים...

— „חאַססידים"?...

די חאַליאַסטרע קוקט זיך איבער. דער וואָס מיט דער ליסינע אָטעמט אָפּ, ווי אַ מענש, וואָס איז קוים-קוים, נאָך אַ גרויסער מיה, געקומען צו אַ שטיקעל טאָלק. דער זשאַנדאַרם האָט געגעבען אַ הוסט און אַ חאַפּ צו זיינע שענע וואָנסעס. און דער געשפּרעך געהט זיך ווייטער:

— אפשר וואָלט געווען אַ סברה אויפבינדען די דאָזיגע כלי?

— אָך, פאַרוואָס ניט? מיט'ן גרעסטען פערגעניגען! — זאָגט דוד שפּיראָ און וויל זיך געבען אַ נעם צו דער כלי, טוט זיך שרה אַ לאָז צו איהם מיטביידע הענד:

— פּאַוואָלי, ווי דו נעמסט, ועסט צוגיסען...

— וואָס ציטערסטו? — פאַלט אָן אויף איהר דוד אַ צובייזערטער, אַ צורייצטער פון דעם גאַנצען טאַרעראַם. — וואָס ציטערסטו, וואָלט איך וועלען וויסען? וואָס פּלאַטערסטו? וואָס וועל איך דיר אויסגיסען? דעם טייערען נאַפיטאָק וואָס דאָ איז? צי פאַר דער וואַזשנער פּאָסודע האָס-טו מורא? זי ציטערט אַ ביסעל! אַז מע הייסט עפענען, דאַרף מען עפענען אַלסדינג! אַנ'אָביסק איז נישט קיין רעוויזיע אויף פּראַוואָזשי-טעלסטווע...

— נו, גענוג, געגוג! — האַקט איהם איבער דער זשאַנדאַרם. — אויף אייער יודישען זשאַרגאָן וועט איהר צייט האָבען זיך דורכשמו-עסען שפּעטער, אַז מיר וועלען אַוועקגעהן. דערווייל זייט אַזוי גוט און עפענט, זייט מוחל, די דאָזיגע כלי!

פּאַוואָלינקע האָט דוד שפּיראָ אויפגעבונדען דעם רויטען פּאָדים זייד, אַראָפּגענומען דאָס ווייסע פּאַפּיר און אויפגעעפענט די כלי.

דאָרטען זענען געלעגען געקליבענע, האַרטע, שמעקענדיגע, געזייערטע אוגערקעס כשר לפסח, אין געזאַלצענעם ראָסעל אײַנגעווייקט. יעדער אוגערקע איז געווען דורכצוזעהען אויף דער שיין. ניין, נישט קיין אוגערקעס זענען דאָס געווען, נאָר אתרוגים; זייער אַראָמאַט האָט זיך געלאָזט הערען איבער דער גאַנצער שטוב און געזאָגט עדות, אַז זייער טעם דאַרף זיין טעם גן-עדן.

## דאָס דרייאונפערציגסטע קאַפּיטעל.

## ענדע גוט—אַלעס גוט.

מיר וועלען נישט בעמיהען אונזערע לעזער מיט איין אויספיהר-ליכע בעשרייבונג, ווי אַזוי ס׳איז פאָרגעקומען דער ווייטערער „אָביסק״. אין קורצען קענען מיר נאָר פערזיכערן, אַז ער איז געמאַכט געוואָרען ווי עס געהער צו זיין, נאָך אַלע דינים און מנהגים. עס זענען אויסגעפאָרשט געוואָרען אַלע ווינקעלעך, אין שאַפע און אויף דער שאַפע און אונטער דער שאַפע און צווישען דער שאַפע. מע האָט זיך נישט געפוילט חאַפען אַ קוק אויך אונטער אַלע בעטען און אין קיך אַריין, אַריינגעשטעקט די נאָז אפילו אין דייזשקעלע פסח׳יגען באָרשט, איבערצייגט זיך, אַז עס שמעקט מיט בורעקעס. עס זענען איבערגע-בלעטערט געוואָרען אַלע ספרים און ביכער, אפילו שרה׳ס טייטש-חומש מיט אַלע „תחינות ובקשות״. אויך בעטיס און סיאָמקעס ביכער און ביכלעך זענען איבערגעקוקט געוואָרען און אָוועקגעלעגט געוואָרען צו-ריק אויף זייער אָרט. נאָר איין בוך האָבען זיי געפונען פאַר נויטיג צוצונעמען מיט זיך. אויף דעם דאָזיגען ספר האָט זיי אָנגעוויזען אָהן ווערטער יענער שטילשווייגענדער פאַרשוין מיט די בלויע ברילען. פריהער האָט ער אַליין אַריינגעקוקט אינ׳ם דאָזיגען ספר אַריין, זיך פעראינטערעסירט מיט אַ בלעטעל, וואָס איז געווען פערבויגען. נאָכ-דעם האָט ער צוגעטראָגען דעם ספר צום עלטסטען וואָס מיט דער ליסינע, געגעבען איהם אַ ווייז מיט׳ן פינגער אויפ׳ן צוגעבויגענעם בלעטעל. יענער האָט זיך, ווייזט אויס, אויך שטאַרק פעראינ-טערעסירט מיט׳ן ספר, צוגערופען מיט די אויגען דעם זשאַנדאַרם, וואָס האָט זיך אָנגעבויגען איבערן ספר, אַ קוק געטאָן און אַ הוסט געגעבען, גענומען זיך דרעהען די וואָנסעס. נאָך איהם האָבען אַריינ-

געקוקט אויף אַלע איבעריגע חברה אין ספר אַריין און, ווי עס ווייזט אויס, האָט דער ספר פעראינטערעסירט אַלעמען.

דער ספר, וואָס האָט אַרויסגערופען אַזאַ הויכען אינטערעס, איז געווען נישט מעהר און נישט ווינציגער, ווי יענע שענע אַלטע הגדה מיט די שענע אילוסטראַציעס, וואָס סיאָמקע האָט אָנגעקוואָלען פון איהר, און דאָס אָפּגעבויגענע בלעטעל איז געווען דאָס אויבענדערמאָהנ־טע בילד, ווי אברהם אבינו פּיהרט זיין איינאונאיינציגען זוהן יצחק צו דער עקדה, פון וועלכען סיאָמקע איז געווען ענטציקט מעהר ווי פון אַלע איבעריגע בילדער.

„וואָס האָבען זיי געקאָנט געפינען אַזעלכעס אין דער דאָזיגער הגדה, וואָס זי איז זיי אַזוי געפעלען?... און פאַרוואָס דערמאַנען זיי אפילו נישט דאָ וואָרט „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ”?... אַזוי טראַכט זיך דוד און געהט זיי נאָך פּיס־טריט פון איין חדר אינ׳ם אַנדערען כלומרשט מיט האַרטע טריט, ווי אַ מענש, וואָס פיהלט זיך נישט שולדיג אין קיין זאַך, ביז זיי קומען צו צום קוואַרטיראַנטס חדר׳ל. דוד אַליין טאַקי האָט זיי אָנגעוויזען, אַז דאָ וואוינט דער קוואַרטיראַנט זייערער (וואָס האָט ער מורא צו האָבען?), ראַבינאָוויטש רופט מען איהם.

— אָט דאָס איז ער אַליין טאַקי, אָט דער ראַבינאָוויטש, — מאַכט דוד, אָנווייזענדיג מיט אַ שמייכעלע אויף זיין קוואַרטיראַנט.

— זעהר אַנגענעהם! — האָט אַ זאָג געגעבען יענער וואָס מיט דער ליסינע און גאַנץ העפליך זיך אַ בייג געגעבען צו ראַבינאָוויטשען און אַ פרעג געגעבען איהם, וואָס איז זיין טיטעל.

— אַ דאַנטיסט, — ענטפערט איהם ראַבינאָוויטש, און שפּירא חאַפּט איהם אונטער און פעררעכט איהם, אַז נישט קיין דאַנטיסט נאָך, נאָר ער וועט אָבער אַמאָל זיין מיט׳ן אויבערשטענס הילף אַ דאַנטיסט, אויב ער וועט זוכה זיין ביי גאָט...

— זעהר אַנגענעהם! — זאָגט דער זעלבער פאַרשוין מיט׳ן זעלבען העפליכען טאָן. — איהר שטודירט, הייסט דאָס, אויף דאַנטיסט מסתמא צוליעב פּראַוואָזשיטעלסטווע?

ראַבינאָוויטשען האָט זיך אויסגעוויזען, אַז מע לאַכט אָפּ פון איהם מיט זיין „פּראַוואָזשיטעלסטווע”, און עס האָט איהם פעררדראָסען, ער האָט גאָר פערגעסען, אַז ערשט היינט אין דער פריה ביים חמצ׳די־גען אָנבייסען האָט ער אַליין געמאַכט חוזק פון דער יודישער „פּראַ־וואָזשיטעלסטווע”, און ער האָט איהם געוואָלט אָפּענטפערן, האָט איהם

דער בעל-הבית איבערגעשלאָגען און האָט זיך אַרויסגעשטעלט פאַר איהם ווי אַ מליץ יושר. (דוד שפּיראָ האָט זיך מחיה געווען, אַז ער האָט שוין דערהערט דאָס גוטע וואָרט „פּראַוואָזשיטעלסטווע").

— פערשטעהט איהר מיך, די מעשה דערפון איז אַזוי. אָט דער ראַבינאָוויטש, ווי איהר קוקט איהם אָן, איז אַ מעדאַליסט, און עס וואָלט איהם אָנגעשטאַנען זיין סטודענט גלייך מ׳ט אַלע סטודענטען. נאָר ווייל ער איז אַ אונזעריגער, אַ יוד הייסט דאָס, לכן איז ער אונ-טערגעוואָרפען אונטערן זאַקאָן פון „פּראָצענט" און פון „נאָרמאַ".

שפּיראָ וואָלט נאָך ווייטער געדרשנ׳ט, ווען זיין בעקאַנטער אַקאָלאָדאָטשניק טוט איהם נישט אַ וואונק פון דער ווייטען, ער זאָל ווערען שטיל, און חברה האָבען זיך גענומען צו זייער ווייטערדיגער אַרבייט, אוןביים קוואַרטיראַנט אין חדר איז איבערגע׳חזר׳ט געוואָ-רען פּונקט דאָס אייגענע, וואָס אין די אַנדערע חדרים, דאָס הייסט, מע האָט אַריינגעקוקט אין שאַפע און אויף דער שאַפע און אונטער דער שאַפע און צווישען דער שאַפע, נישט געפוילט זיך האָפּען אַ קוק אויף אונטערן בעט. דער וואָס מיט דער ליסינע האָט דערזעהען אַ גאַנץ פּעקעל ביכער צעוואָרפען ביים קוואַרטיראַנט אויפ׳ן טישעל, און ער האָט אַ פרעג געגעבען ביי איהם, אויב דאָס זענען די ביכער, וואָס ער שטודירט אויף דאַנטיסט, אָדער גלאַט אַזוי ביכער? — גלאַט אַזוי ביכער, — האָט איהם ראַבינאָוויטש געענטפערט און האָט געפיהלט, אַז ער ווערט רויט. עס איז איהם געווען נישט אַנגענעהם, טאָמער טוט מען איהם אַ פרעג, וואָס דאָס איז פאַר אַ ביכער, וואָס טראַקטי-רען וועגען בלוט, און צו וואָס שטודירט ער זיי?...

און כך הוה! אַזוי ווי דאָס האַרץ האָט איהם געזאָגט: נישט נאָר האָט זיך יענער פאַרשוין פעראינטערעסירט מיט די דאָזיגע ביכער, ער האָט נאָך צוגערופען מיט די אויגען די איבעריגע חברה-לייט פון דער האַליאַסטרע און אַ ווייז געגעבען זיי אויף די ביכער אָהן ווערטער...

ראַבינאָוויטשען איז געווען נישט אַנגענעהם, אַז ער האָט דער-זעהען, ווי מע נעמט צונויף די דאָזיגע „בלוטיגע ליטעראַטור", וואָס דער רב האָט איהם אויסגעליהען, און, ווי עס האָט זיך איהם אויס-געוויזען, ווייל מען דאָס טאַקי צונויפפּאַקען און אַוועקטראָגען פון דאַ-נען. האָט ער זיך געפּרובט פּראָטעסטירען:

— די דאָזיגע ביכער — האָט ער זיך אַרויסגעשטעלט — זענען נישט מיינע. מע האָט זיי מיר אויסגעליהען איבער יום-טוב...

— ווער?

ראַבינאָוויטש האָט אַרויסגעזעהן, אַז וואָס ער וועט מעהר רעדען, וועט ער אַלץ ערגער מאַכען. האָט ער דעריבער אָפּגעשוויגען און איז געווען צופרידען, אַז מע האָט איהם אַ זאָג געגעבען (אַלץ יענער וואָס מיט דער ליסינע):

— אפשר וועט איהר זיין אַזוי פריינדליך אונז עפענען אָט דאָס שיפלעדעל פון אייער טישעל?

— מיט פערגעניגען! — האָט איהם ראַבינאָוויטש געענטפערט און גענומען זיך צו דער אַרבייט, אַ ביסעל צוגעשוויצט, וואָרום עפענען דאָס טישקעסטעל איז, ווי מיר ווייסען שוין, ניט פון די גרינגע אַרבייט, און בכדי זיי זאָלען ניט מיינען, אַז מע קען ביי איהם געפינען טרפה סחורה, פערבאָטענע זאַכען, האָט ער אַרויסגעצויגען דאָס גאַנצע שיפלעדעל און איבערגעקעהרט עס אויפ׳ן טיש מיט׳ן פנים אַראָפּ, ווי איינער רעדט: „נאַט אייך און לאָז אייך וואויל בעקומען“...

פּאַוואָלינקע און פּאָרזיכטיג, ווי מע צעהלט אַסיגנאַציעס אָדער באַנק-בילעטען, האָט דער וואָס מיט דער ליסינע צונויפגעלעגט אויסגלעטענדיג איטליכס פּאַפּירעלע, געהאַפּט אַ קוק נאָר פאַרבייגעהענדיג אין אַ פּאָר ערטער פונ׳ם „טאָג-ביכעל“, פּאַוואָלינקע און פאָרזיכטיג, ווי ווערט-פּאַפּירען, אַריינגעלעגט צו זיך אין פּאָרטפעל אַריין און, קוקענדיג אויף ראַבינאָוויטשען מיט זיינע גוטע, גרויע אויגען, האָט ער געפונען פאַר נויטיג זיך צו ענטשולדיגען, וואָס ער נעמט ביי איהם צו די פּאַפּירען מיט די דאָזיגע אַלע ביכער, מעהר ניט אַז אויף אַ פּאָר טאָג. ער וועט זיך נאָר בעקענען מיט זיי און וועט איהם צושטעלען צוריק דורך פּאָליציע.

— האָבען זיי ניט אויסגעטרייסעלט ביי אייך, חלילה, עפּעס אַ „טרפה-פּסול“, עפּעס אַ „לינקס“, עפּעס אַזעלכעס, וואָס איז פערבאָטען? — — —

אָט דאָס זענען געווען די ערשטע ווערטער, וואָס דוד שפּיראָ האָט געקענט אַרויסרעדען צו זיין קוואַרטיראַנט, נאָכדעם ווי די חאַליאַסטרע איז שוין געווען אויף יענער זייט טיר, און ער האָט אויסגערעכענט, אַז זיי בעדאַרפען שוין זייט ווייט, וואָרום אויף וויפיעל דוד האָט זיך געהאַלטען שטאַרק, ווי אַ מאָלאָדיעץ, בעת „אָביסק“, אַזוי איז ער געוואָרען נאָכ׳ן אַוועקגעהן פון דער פּאָליציע דער אייגענער האָז וואָס אַלע מאָל, דערשראָקען אויף טויט, ווי אַלע טויטע, מורא

געהאַט, אַז טאָמער האָט מען ביים קוואַרטיראַנט עפּעס געפונען, וועט זיך עס קודם-כל אויסלאָזען צו זייער „פּראַוואָזשיטעלסטווע”.

— קיין שום פערבאָטענע זאַכען האָבען זיי ביי מיר ניט געפו-נען, — האָט איהם דער קוואַרטיראַנט בערוהיגט — אויסער עטליכע כשר'ע ביכלעך, נישט קיין וויכטיגע פּאַפּירען און אַ בריוועל פון מיין שוועסטער.

— איהר האָט דען אַ שוועסטער? — פרעגט איהם שרה פער-וואונדערט.

— אודאי האָב איך אַ שוועסטער. איך האָב אייך דען נישט געזאָגט?

— קיינמאָל נישט. איך הער עס דעם ערשטען מאָל. ווי אַזוי רופט מען זי?

— שוין! — מישט זיך אַריין בעטי — טאָמער איז קאַרג, וואָס מע האָט ביי איהם געמאַכט איין „אָביסק”, צוגענומען אַלע ביכלעך מיט די פּאַפּירען, ביסט דו דאָ מיט אַ נייער „סליעדסטוויע”?

— וואָס איז דיין עסק? — האַקט איהר אָפּ די מוטער. — וואָס וועט דיך אַרען, אַז ער וועט מיר זאָגען, ווי זיין שוועסטער הייסט? עס קאָסט דיך געלד?

— זי הייסט וויעראַ, — זאָגט איהר בעטי ווי איין עזות-פּנים, — נו? איצט איז דיר שוין גרינגער?

— וויעראַ הייסט זי?? — רופט אויס שרה איבעראַשט און קוקט אויפ'ן קוואַרטיראַנט.

— נו, יאָ, וויעראַ, — זאָגט ער. — וואָס איז דען?

שרה ווערט רויט, און בכדי ס'זאָל נישט זיין קשה, וואָס זי איז אַזוי איבעראַשט געוואָרען פונ'ם נאָמען וויעראַ, רופט זי זיך אָן צום מאַן:

— וואָס זאָגסטו דערויף? ער זאָל אָנהויבען גאָר בעריהמען זיך, אַז ער האָט אַ שוועסטער און זי הייסט וויעראַ!...

— חדושים ונפלאות, יציאת מצרים! — זאָגט דוד און קוקט אויף דער טאָכטער. — וואָס, אייגענטליך, איז דאָ דער נס ווייס איך נישט: צי דאָס, וואָס ראַבינאָוויטש האָט אַ שוועסטער? צי דאָס, וואָס זי הייסט וויעראַ?

— ניט דאָס און ניט יענס, — וויל זיך שרה אַרויסדרעהען. — מיך וואונדערט נאָר איין זאַך, וואָס בעטי ווייס, אַז ראַבינאָוויטש האָט אַ

שוועסטער און אַז זי הייסט וויערא, און איך ווייס עס ניט.

— און מיך וואונדערט גאָר איין אַנדער זאַך, — זאָגט דוד אַ צו-פרידענער, וואָס מע האָט ניט געפונען ביים קוואַרטיראַנט קיין טרפה זאַכען, — מיך וואונדערט אָט וואָס: עס איז אַוועקגעגאַנגען דער ווינ-טער און אָט איז שוין דאַנקען גאָט פסח און דו ביסט נאָך אַלץ אַ בהמה...

אַלע צולאַכען זיך, און שרה אויך בתוכם; נאָר קיינער ווייס ניט, וואָס שרה לאַכט. קיינער ווייס ניט, וואָס פאַר אַ שווערער שטיין עס איז אָט ערשט אַראָפּ פון איהר האַרצען: „וויבאַלד, אַז די וויערא פ. איז זיינע אַ שוועסטער, איז דאָך שוין ווידער גאָר אַנדערע ווערטער!”...

און די גליקליכע מוטער אָטעמט אָפּ, און דאָס האַרץ, פיהלט זי, הויבט זיך איהר אויף, און די באַקען האָבען זיך איהר צופלאַמט. זי איז געוואָרען צוריק יום-טוב'דיג, און פאַר פרייד איז זי אין דער מי-נוט גרייט געווען פערגעסען דעם „אָביסק”, וואָס זיי האָבען נאָר-וואָס געהאַט, מיט דער פּאָליציע, מיט'ן בזיון און מיט אַלע איבעריגע צרות, און זי דאַנקט גאָט מיט'ן גאַנצען האַרצען.

אויך דוד דאַנקט גאָט, וואָס דער „אָביסק” האָט זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט. חאָטש ער ברעכט זיך דעם קאָפּ און קאָן נישט פער-שטעהן בשום אופן, וואָס איז דאָס געווען פאַר איין אָביסק אין מי-טען דרינען?

און ער קאָן גאָר אַזוי קלוג נישט זיין און טרעפען דעם שכל, צו וואָס מע האָט אַרעסטירט די „הגדה של פסח”? וואָס האָט מען אין איהר אַזעלכעס געקאָנט געפינען?... וואָסערע מאָדנע זאַכען עס טוען זיך אָפּ אויף דער וועלט היינטיגע צייטען!...

— טאַ! — מאַכט דוד צו זיך אַליין און דערלאַנגט זיך אַ שמייכעל איבערן פּנים מיטביידע הענד פון אויבען אַראָפּ. — ווי זאָגט דער דייטש: „ענדע גוט — אַלעס גוט”... דערווייל אָט-אָט, אָקערשט ווי מע זעהט ניט, איז יום-טוב, מע דאַרף געהן אין שוהל אַריין דאַוונען.